VELUT ARBOR ÆVO

Presented to the
LIBRARY *of the*
UNIVERSITY OF TORONTO
from
the estate of

DAVID WARMAN

מאָררים ווינטשעווסקי'ס שריפטען.

Copyright, 1920, by
LEOPOLD BENEDICT
All rights reserved.

LIBRARY
NOV 22 1994
UNIVERSITY OF TORONTO

מאָררים ווינטשעווסקי'ס
שריפטען

דראַמאַטישע ווערק

פאָרווערטס-פערלאַג
175 איסט בראָדוויי
ניו יאָרק
3

MORRIS WINCHEVSKY'S
WRITINGS

• • •

Dramatic Works

THE FORWARD ASSOCIATION
175 East Broadway,
New York, U. S. A.
4

דער לעצטער נאַבאָר :

א דראמע
אין דריי אקטען

פאָרוואָרט צום „לעצטען נאַבאָר".

דער סיוזשעט פונ'ם „לעצטען נאַבאָר" האָט מיך באשעפטיגט מיין גאַנצען לעבען, ווייל וועגען דעם פאַקט, אויף וועלכען די פיעסע איז געבויט, האָב איך געהערט אין מיין פאָטער'ס הויז איידער איך האָב נאָך געקענט אריינקוקען אין אַ ספר.

די מעשה האָט, פארשטעהט זיך, ניט פּאַסירט גענוי אזוי, ווי זי איז געשילדערט אין דעם „לעצטען נאַבאָר", אָבער פּאַסירט האָט זי, און דער איינדרוק אויף מיין יונגען מח איז געוועזן זעהר שטאַרק.

אין 1885, אַ יאָהר נאָכדעם ווי איך האָב אָנגעהויבען צו רעדאַקטירען דעם „פּוילישען אידעל" אין לאָנדאָן, האָב איך די דאָזיגע פּאַסירונג באַנוצט פאַר אַ „דראַמאַטישען געדיכט" אין צוויי קליינע סצענקעלעך, וועלכער האָט געהייסען: „פּאָרט ניט געכאַפּט".

צעהן יאָהר שפּעטער, אין 1895, ווען איך האָב זיך גענומען צו דער רעדאַקציע פונ'ם באָסטאָנער „אמת", האָב איך דעם אינהאַלט פון „פּאָרט ניט געכאַפּט" ארויסגעגעבען צו אַ טויז יונגע לייט, איינלאַדענדיג זיי צו מאַכען דערפון אַ סקיצע: די בעסטגעשריעבענע זאָל ווערען געדרוקט. אייניגע מאַנוסקריפּטען זיינען ארויינגעקומען, אָבער זיי האָבען אַלע ניט געטויגט.

דעמזעלביגען יאָהר האָב איך זיך מיישב געוועזן מיט יעקב גאָרדין מכח מאַכען דערפון אַ דראַמאַ. ער האָט מיר אָבגעראַטען; ער האָט מיר ערקלערט, אַז דער סיוזשעט מיינער האָט העכסטענס געקענט זיין אַן אינצידענט אין אַ דראַמאַ. איך האָב איהם מודה געוועזן, אַז ער איז גערעכט.

אַ יאָהר פונפצעהן זיינען פארגאַנגען. שילדקרויט, מיט אַ יאָהר אָדער צוויי פריהער אָנגעקומען אין אַמעריקא, האָט צוזאַמען מיט מרס. סאַראַה אַדלער אָנגעפאַנגען שפּיעלען אין דעם ברוקלינער נאַוועלטי טהעאַטער, אונטער דעם מענעדזשמענט פון נייטהען מינין. ביי זיי האָט זיך אויפגעלעגט אַ פּלאַן צו שטעלען אין איין אָווענד (פון צייט צו צייט) עטליכע איינאַקטערס. מר. מינץ האָט געוואוסט וועגען

דעם „מזרח־ווינד" (אין דיעזען באַנד) און האָט איהם ביי מיר גע־נומען אויף געוויסע באדינגונגען, וועלכע זיינען איבריגענס ניט גע־האַלטען געוואָרען.

ווען איך האָב דעם „מזרח־ווינד" פאָרגעלייענט פאַר זיי דריי: שילדקרויט, מרס. אַדלער און מר. מינין, האָבען זיי מיר געמאַכט קאָמ־פלימענטען, שטאַרק איבערטריבענע, אָבער ערנסטע, און איך האָב אָנ־געהויבען צו קלערען: אפשר האָב איך ווירקליך אַ האָרעלע דראַמאַ־טישען טאַלאַנט, ווער ווייס?

אין די נעכסטע עטליכע יאָהר האָב איך זיך גענומען איבער־אַרבייטען אַן אַלטע קאָמעדיע, וואָס ליעגט ביי מיר זינט דעם יאָהר 1886 אָדער 1887. יעקב גאָרדין, מאַגולעסקאָ, מרס. ליפּצין און אַנ־דערע האָבען זי געלעזען, מיר ראַטהענדיג עס צורעכטצומאַכען כדי עס זאָל טויגען פאַר די ביהנע.

ווען דערפון איז צוליעב פיעל טעמים גאָרנישט געוואָרען, האָט זיך אין מיר אויפגעוועקט דער אַלטער חלום מכח דראַמאַטיזירען דעם אינהאַלט פון „פאָרט ניט געכאַפּט".

און ביסלעכווייז איז די פּיעסע אויסגעוואַקסען. „אויסגעוואַק־סען" איז דער ריכטיגער וואָרט. צוערסט איז זי געווען אַן איינ־אַקטער. אַלס אַזעלכער וואָלט זי אפשר געווען ניט שלעכט, אָבער ביי מיר האָט זיך דערווייל געיאָוועט אַן אַמביציע צו באשרייבען אַביסעלע דויטליכער און בולט׳ער אַ פּעריאָדע אין דער אידישער געשיכטע, וואָס בלויז די עלטערע שרייבער האָבען דערפון געהאַט עטוואָס פערזענליכע עראינערונגען. וועגען דער דאָזיגער פּעריאָדע וועל איך רעדען אויס־פיהרליכער אין אַנאַנדער אָרט. דערווייל ווילט זיך נור באמערקען, אַז די עלטערע מענשען, וואָס קענען געדענקען די 70יגער יאָהרען פונ׳ם פאָריגען יאָהרהונדערט, קלייבען זיך ביסלעכווייז אייגער נאָך דעם אַנדערען ארויס פון אונזער וועלט. מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך האָב כמעט אַ פליכט צו ערפילען, אויב, פאַרשטעהט זיך, איך האָב דעם נויטיגען טאַלאַנט דערצו.

ווען די פּיעסע איז געווען פאַרטיג אין אַלע דריי אַקטען, האָב איך געפיהלט, אַז וואָס דער ווערטה זאָל ניט זיין פונ׳ם בילד אלס אַ צייטבילד, אלס אַ שילדערונג פון אַ געוויסע עפּאָכע אין דעם לעבען פון אונזער פאָלק, קען די פּיעסע ניט בלייבען געענדיגט ווי זי איז. דער סוף איז דראַמאַטיש ניט ריכטיג און דער עולם מאָר ניט ארויס־געהן פונ׳ם טעאַטער, אָדער אַוועקלעגען דאָס בוך אונטער דעם איינ־דרוק, וואָס ער טראָגט ארויס, דערגעהענדיג ביז׳ן סוף פונ׳ם דריטען אַקט.

פון דער אַנדערער זייט האָט דער היסטאָרישער אמת פאַרלאַנגט,

אַז דוקא אַזוי זאָל זיין דער סוף פון דער מעשה — אַזוי און ניט אַנדערס.

דאָ איז געווען אַן אמת'ע דילעמאַ. אזוי שלעכט און אַזוי נאָך ערגער. אין דיעזען שלאָגען זיך מיט דער דעת זיינען פארגאנגען 9—10 חדשים.

איין טאָג, אויף די בערג, דורכלעזענדיג אַ ראָמאַן פון דעם גרויסען פראנצויזישען שריפטשטעלער אַנאַטאָל פראַנס, איז מיר פלוצלונג איינגעפאַלען, אַז מיין פראַגע קען געלייזט ווערן, ווען איך זאָל באנוצען די אידעע פון יענעם ראָמאַנ'ס ענד, הגם מיין פיעסע האָט אין קיין פרט קיין שום שייכות ניט מיט פראַנס'עס ערצעהלונג.

איך האָב זיך גענומען צו דער אַרבייט און אין אַ גאַנץ קורצע צייט איז געווען אויפגעשריעבען „די מחיצה", אַן עפילאָג צום לעצטען נאַבאָר".

וואָס איז דערמיט אויפגעטאָן געוואָרען?

איינפאַך דאָס, וואָס דער סוף איז איצט דראַמאַטיש נאַטירליך. אויפגעטאָן געוואָרען איז דערמיט אויך אַנאַנדער זאַך:

דער עפילאָג איז אַזוי געשריעבען, אַז ער קען, אַלס איינאַקטער, געשפיעלט ווערן אונאָבהענגיג פון דעם „לעצטען נאַבאָר". ער איז טאַקע אַזוי געשפיעלט געוואָרען מיט אַ פּאָאָר יאָהר צוריק אין איינעם פון די ניו יאָרקער טהעאַטערע.

ביי דיעזער געלעגענהייט ווילט זיך מיר דערצעהלען עטוואָס, וואָס איז ערסטענס אַ פליכט לגבי אַנאַנדערן און צווייטענס אַ פאַרגניגען, הגם דאָס קען אפשר קלינגען אַלס אַ האָרעלע באַריהמעריי.

דאָס האָט אַ שייכות מיט דעם נאָר־וואָס דערמאָהנטען אַנאַטאָל פראַנס.

דיעזען וועלטבאַריהמטען און היינטיגען טאָג אָהן שום ספק גרעסטען פראַנצויזישען שריפטשטעלער האָב איך געהאַט די געלעגענהייט צו טרעפען דעם 26 מאַי 1919 אין זיין היים אין פראַנקרייך, אַ מייל פינף פון טור, אַן ערך פון 150 מייל פון פּאַריז.

געקומען בין איך צו איהם צוליעב אַן אויפרוף צו דעם פראַנצויזישען פאָלק געגען די פּוילישע פּאָגראָמען, איהם בעטענדיג ער זאָל זיין דער ערסטער דעם דאָזיגען דאָקומענט צו אונטערשרייבען, אַזוי ווי ער, דער 76־יאָהריגער גרייז איז דער עלטסטער, ווי ער איז אויך דער בעסטער שרייבער, אין פראַנקרייך, יעדענפאַלס פון זיין צייט.

דאָ איז ניט דער אָרט זיך צו פאַרברייטען וועגען מיין וויזיט ביי

איהם. איך האָב געהאַט דאָס גליק צו פאַרווײַלען בײַ איהם פינף שעה צײַט און איך האָב כדרך הטבע פּיעל־פּיעל צו דערצעהלען. וואָס איך בין דאָ אויסען איז אָט וואָס:

אין דעם פאַרלויף פון דער אונטערהאַלטונג האָב איך איהם דער־צעהלט, אַז איך האָב פון איהם געגנב'עט אַן אידעע: דעם אויסלאָז פון זײַנעם אַ ראָמאַן.

„איך בין שמאָלין דאַרויף" — האָט ער מיר מיט עכט־פראַנצוי־זישער העפליכקייט געענטפערט. ער האָט, פאַרשטעהט זיך, דאָס ניט געקענט מײַנען ערנסט.

* * *

טאָמער וועט די פּיעסע אַמאָל געשפּיעלט — און איך האָף אַז דאָס וועט געשעהען אין רוסלאַנד פריהער אָדער שפּעטער — וואָלט איך ניט זײַן דאַגעגען אַז דער דריטער אַקט זאָל אַ האָרעלע געקירצט ווערען. וועגען דעם אָבער וואָלט איך וועלען אַז מען זאָל זיך מיט מיר דורכרעדען, אָדער דורכשרייבען.

דער, וואָס שפּיעלט סטעפּאַנקען, דאַרף זעהן ניט צו מאַכען די ראָלע צו ביליג־קאָמיש דורך דעם לשון זײַנעם. סטעפּאַנקע'ס „האַלב מיטש פּאָלאָווינקאַ רייסיש" דאַרף ניט שטערען דעם ערנסט פון דער פּיעסע, ספּעציעל דאָרטען, וואו די שטימונג איז אַ געהויבענע.

פּיוווקען דאַרף מען אויך באַהאַנדלען ערנסט.

ער איז אַ 16 יאָהריגער בחור, וואָס האָט זיך געהאָדעוועט זײַן גאַנ־צען לעבען אין דאָרף, אויף דער פרייער לופט. ער איז פּראָסט אָבער גע־זונד און פריש — אין גוף ווי אין מוח. אַז ער ליעבט חיה־שרה'ן פאַלט איהם אַפילו אין חלום ניט אײַן. אויך איז זײַן ליעבע צו איהר ניט געשלעכטליך. ער פּיהלט בלויז — פּיהלט, זיך ניט אָפּגעבענדיג וועגען דעם קיין שום דין וחשבון — אַז זי איז דאָס העכסטע, דאָס פּיינסטע, דאָס בעסטע, וואָס ער זעהט אַרום זיך. ער באַוואונדערט איהר שכל ניט וועניגער ווי איהר פּיזישע קראַפט אָדער איהר קוראַזש. זײַן ליעבע דריקט זיך אויס דורך דעם, וואָס זײַן גאַנצע נשמה איז פול מיט חיה שרה'ן.

פּיוווקע מוז דערפאַר געשפּיעלט ווערען כסדר פאַרטראַכט, חוץ ווען ער רעדט מיט איהר אַליין, ריכטיגער, ווען זי רעדט מיט איהם. ער דאַרף אין יעדער אַנדערער שטעלונג אויסזעהן ווי איינער וואָס איז טויב פאַר אַנדערע מענשענס ווערטער, וואָס ענטפערט ניט גערן אויף פראַגען און וואָס מערקט כמעט ניט ווען מען אונטערברעכט איהם.

פאָרזיכטיג דאַרף אויך געשפּיעלט ווערן די אַלטע 80 יאָהריגע

באָבע רויזע. אַ פּערזאָן וואָס איז „קאַם־קאַם וואָס זי לעבט", וואָס רעט זעהר, זעהר לאַנגזאַם און וואָס ענטפערט אויף יעדע פראַגע מיט אַ „ווער? איך? האַ? יע", אָדער „ניין", קען געמאַכט ווערען פאַר אַ קאָמישע ראָלע כדי צו מאַכען לאַכענדיג דעם עולם. דאָס טאָר בשום אופן ניט זיין דער פאַל, ווייל זי און סטעפּאַנקע דאַרפען — זי אויף איהר אופן און ער אויף זיינעם — אַרויסברענגען דעם טראַגיזם פון דער קאַנטאָניסטען־צייט, וועלכע האָט געשטיקט און געדריקט דאָס אידישע פאָלק אונטער ניקאָלאַיי דעם ערסטען.

די אַנדערע פערזאָנען אין דער פּיעסע זיינען, דאַכט זיך, פאַרשטענדליך גענוג פאַר יעדען אינטעליגענטען שוישפּיעלער.

דער לעצטער נאַבאַר

—o—

פערזאָנען:

מיכאַל גריץ, א רייכער ישובניק, אן אלמן.

חיה שרה, זיין טאָכטער, א יונגע פרוי פון א יאָהר 19, א נאַ־טור־קינד, אָבער ניט אונוויסענד; רויט, פריש, פריי.

רחמיאל, איהר מאַן, 21 יאָהר אַלט, א „זיידענער יונגער מאַנטשיק“, א מיוחס, א וואויל־לערנער און א שטיקעלע משכיל.

באָבע רויזע, מיכאַל׳ס מוטער, אן 80 יאָהריגע אַלטיטשקע, קאַם־וואָס־זי־לעבט, רעט בטבע זעהר געלאַסען.

פייוועקע דעם מילנער׳ס, א אינגעל פון א יאָהר 16, א מאַדים; א גוטער קאָפּ, נור שטענדיג פערטראַכט.

סטעפּאַנקע, אן אויסגעדיענטער, ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט, פון די ערשטע קאַנטאָניסטען, 45 יאָהר אַלט.

וועלפקע, דער סבאָרשטשיק, א איד פון א יאָהר 40, קלוג, גראָב, נעשווינד.

די כאַפּערס, וועלפקע׳ס בעגלייטער.

אָרט: אַ דאָרף אין קאָוונער גובערניע.

צייט: דער יעסען פון 1873, נאָך ימים־טובים.

צווישען דעם ערסטען אַקט און דעם צווייטען פערגעהען דריי וואָכען.

פֿרויסצוברענגען דעם לאָקאַלען קאָלאָריט דאַרף מען אויסשפּרעכֿען : שין ווי סמך, זש... ווי זין, טש ווי צ. ; אויף, אַמאָל ווי אוף („שטעה אוף"), אַמאָל ווי אַף (אַף דער צייט) ; פּער־ ווי פּאַר, בע ווי באַ, איהם ווי עם, אַ̲ו אימער ווי U אין דייטש, ניט ווי אי (פּוילישע אויסשפּראַכֿע).

ערסטער אַקט

אַ גרויסער צימער, אין מיכאָל'ס הויז: אין מיטען, אין דער ברייט, אַ דאָפּעלטער גאַרדין, אַזוי פאַנאַנדערגעצויגען, אַז עס זעהט זיך דער גאַנצער הינטערגרונד. דאָרטען שטעהען פון ביידע זייטען אַ בעט און אַ שלאָפבאַנק, צווישען ביידע אַ קופערט. פאָרנט איז דאָ לינקס אַ טיהר אין הויף אַריין און רעכטס אַ פענסטער.

ערסטע ערשיינונג

מיכאל

סטעפּאַן!

סטעפּאַנקע

נו־או!

מיכאל

אַליז אַריינגענומען? אין בויד גאָרנישט איבערגעבליעבען?

סטעפּאַנקע

גאָרנישט געלאָזשון, ווסיאָ זאַבראַל.

מיכאל

דעם סענניק פון געזעם פאָרענט אויך?

סטעפּאַנקע

סיענניק זאַבראַל, ווסיאָ זאַבראַל.

מיכאל

און דעם פערד האָבער?

סטעפּאַנקע

גיגיעבון האָבער אי ווסיאָ פּראָטשעיע... סראַזו אַליז געטאָן! מיר נישט דאַרף זאָגון: ניע דראָם פּיפּאוטשוואַנטשיג יאָהר מיקאָ־לאַייען גיעדיענט.

מיכאל

כשר האָט די בהמה די פּאָרציע איהרע היינט פערדיענט, סטעפּאַנ־

קע ! דאָס איז אביסעל געווען געשפּרייזט פון שטאָדט אהער־צו־צו ! פּיס אביסעל געשטעלט ! און דער וועג, א ניכפּע זאָל עם פערצאַפּ־לען, א הויקער אויף א הויקער און... גאָרנישט ! איז זיך גענאַנ־גען, מיין פערדעלע, האָט זיך אפילו א קרים ניט געטאָן. פאַר־דיענט זיין פּאָרציע, כשר פאַרדיענט... סטעפּאַן !

סטעפאַנקע

נו־או !

מיכאל

וואו זיינען די קינדער?

סטעפּאַנקע

רחמיל מיט באַרינייא אין קרעטשמע געבליבט... האָזש מען דאָרט רחמיל׳ען גיפריעגט ראַזליטשנע זאכון. מילנער, קרעטשמאַר אליין, אידון, גאָסטי, פּאָנימאַיעש, רחמיל׳ען גיפריעגט טאַק־לי מאָל זשיף דאָס פּריקליוטשאיעט, אלי אינאַטשע. ער דאַוואַיי דערציעהלען, ראַזיאַסנייאַייען אַלץ קאַק סליעדויעט... געליערנטי מענטש רחמיל דיינער...

מיכאל

זאָל איך אזוי וויסען פון דיין קאָפּ, ווי איך ווייס וואָס דו פאַר־טאָלעסט מיר דאָ א מח. נעפּרענט... נעזאָגט?... ווער? וואָס? וועמען?

סטעפּאַנקע

א מניע פּאָטשאָם אַלץ וויסען? מענטשון גיפריעגט, ער גיענט־פערט, איך גיהערט. קום־איך—דערציעהל דיר... ווי איך ני־קויפט אזוי פּאַרקויף איך, א טאַם באָך איך וויעדאַיעט דאָס אַלץ ניט פּאָ מאָיעיי טשאַסטי... אָט קומט פּיוווקאַ, פריעג איהם.

צווייטע ערשיינונג

מיכאל

קומען די קינדער אהיים, פייווקע?

פייווקע

האָב זיי געלאָזען אין קרעטשמע. רחמיאל האָט עפּעס פון שטאָט מיטגעבראַכט אַ זאָגער, אַ מגיד...

מיכאל

אַ מגיד? מיטגעבראַכט? ניט אויף מיין ביידעל. סאיידען פון הינטען האָט ער זיך אָנגעהאַנגען (שמייכעלט, הנאה האָבענדיג פון דעם ווערטעל) אין וואָגען איז געוועזן פול אָהן איהם. מי האָט זיך די פּים פערביטען, די פּלייטשעס צוריבען. אגב האָט אַ זאָגער ניט וואָס צו פאָהרען אין דאָרף אריין.

פייווקע

האָט, פערשטעהט איהר, דער דאָזיגער מגיד עם דערצעהלט מעשיות — גאָר אַן אַנטיק!

מיכאל

וואָס רעדסטו פאַר נאַרישקייט? עס איז קיין מגיד ניט מיטגע־פאָהרען מיט אונז!... אין שטאָדט האָט אַ זאָגער אין אַלטען קלויז... שבת... שבת־תשובה... געזאָגט... האָב איהם געהערט... וועט אהער ניט פאָהרען.

פייווקע

חיה שרה'לע האָט אַליין געזאָגט. אַ מגיד, אַ מגיד! סטעפּאַן, קום! זי האָט געהייסען פאַנאַנדערנעהמען די סוכה.

סטעפּאַנקע

גנעה, קומ'ך באַלד. (פייווקע אָב.) מיכאַאיל ראַווידאָוויטש!

מיכאל

וואָס ווילסטו?

סטעפּאַנקע

וויפיעל דושע'ם דאַרף אויעזד אייערער שטעלען?

מיכאל

אינ׳ם האַיאָהריגען נאַבאָר? זעקס־אַ־האַלב. וואָרום וואָס? דיך, ברודער, וועט מען שוין נאָך אַמאָל ניט נעהמען, דאַרפסט ניט מורא האָבען.

סטעפּאַנקע

איך ניט מיירע פאַר זיך. אין קרעטשמע דאָ אַ איד פון שטאָדט: איז קאַגאַלאַ, פאַנימאַיעש; טאַק וואָס ער זאָג פאַר דעם מילנער, פּייוזקאַ־זיינע־פאָטער, אַז וועלען זיי נעהמען קאָוואָ־בי־טאָ־ניבילאָ טאָמער זיי פעהל אויס דושי.

מיכאל

לאָזען זיי נעהמען! ברודער־סטעפּאַן, מיר קאָנען די גאַנצע וועלט ניט פערדאַג׳ענען. דער פּאָוויעט איז גרויס, נפשות זיינען דאָ נענוג. וועלען שוין צונויפסקראַבסקען די עטליכע וואָס פעהלען נאָך. דו געה, דערוויילּ, העלף פּייוזקען פאַנאַנדערנעהמען די סוכה: חיה שרה וויל אַזוי; וואָס די איילענים איז ווייס איך ניט. זי הייסט. ברענג אריין די סכך: וועט צוניץ־קומען.

סטעפּאַנקע

(קראַצט זיך די לינקע פּאה) געה׳ך, אָבער... מיכאַאיל דאַווידאָוויטש! איך, פאַנימאַיעש, פערשטעה אַ יעייסוק. (קלאַפּט מיט׳ן פינגער אין שטערן) סמיעקאַלקאַ יעסט, טאַק וואָס האָזש׳יך געהערט אַ וואָרט און פערשטאַנט צעהן. ניעדאַראָם פּיפּאַוטשוואַנטשיג יאָהר מיקאָ־לאַייען גיעדיענט...

מיכאל

וואָס האָסטו פערשטאַנען? רייד מיט גאַנצע ווערטער. עפּען ברייט דעם זאַק און לאָז זיך שיטען!

סטעפּאַנקע

קלייבט זיך קאַגאַל צו דיר, מיכאַאיל דאַווידאָוויטש! וויערנאָ זאָ׳ך דיר.

מיכאל

צו מיר? לאָזען זיי זיך קלייבען. קענען נעהמען אַלע זיהן מיינע — אַ ניכפּע זאָל עס פערצאַפּלען.

סטעפאנקע

זיהן טאקי ניט נעהמון, אבער נעהמון דיין זייאטיאק, איידעם דייני וויל זיי נעהמען...

מיכאל

סטעפאנקע! רעדסט נארישקייט. גיכער וועלען זיי נעהמען א שלאנג פאר'ן עק; וועלען ניט סמייענען, ברודער יאווען, צו קורץ די הענט. חא, חא, חא!

סטעפאנקע

קיען זיין. גיריעבט, פאזשאלוי!

מיכאל

שייך גערעכט! וועלען — נעהמען — רחמיאל'ן!! דעם באבּ־רויסקער עילוי מיט שמיכוש אף רבנות, געקנאטען און געבאקען פון רבנים און... און אבגעבען פאר א זעלנער... חא, חא, חא! יאהרען, ברודער, האסטו זיך ביי מיקאלאיען דערדיענט, שכל פעהלט נאך.

סטעפאנקע

גוט, מיכאאיל דאווידאוויטש! אפשר... (אב.)

מיכאל

(קוקט ארוים דורכ'ן פענסטער) איך זעה זשיי קומען־ סטעפאנקע! איהם ניט א ווארט, הערסט? קען זיך איבערשרעקען... איז ביי מיר פון די ציטעריגע.

דריטע ערשיינונג

חיה שרה

(אריינקומענדיג) פון וואס האסטו דאס אזוי הארציג געלאכט?

מיכאל

פון אונזער סטעפאנקע'ס א שטיקעלע אידיש.

חיה שרה

פון זיין לשון איז ניטא וואס צו לאכען, טאטע. א וואונדער אז ער רעט נאך אזוי...

מיכאל

ווייס, מיין טאַכטער, איך ווייס. צו אַכט יאָהר האָט מען איהם אָבגעגעבען. געוועזן צווישען די ערסטע אין דער צייט — ווי רופט דאָס באָבע רויזע? אין דער צייט פון דער... פון דער...

רחמיאל

(כאַפּט איהם אונטער) פון דער בהלה. (צו חיה שרה) בהלה הייסט שרעק, די שרעקליכע צייט, בעת מען האָט געזומען קליינע אידי־שע עופעלעך, האָט זיי געהאָדעוועט פאַר סאָלדאטען, געהאָדעוועט פאַר גוים, גע׳שמד׳ט פאַר גוים...

חיה שרה

איך ווייס, רחמיאל. האָב זיך געגנוג אָנגעהערט אי פון דער באָבען, אי פון סטעפּאַנקען.... נאָר רייד, רייד! ביי דיר קומט שטענדיג אַלץ דינג אַרויס עפּעס גלאַטער.

רחמיאל

און וועגען דעם, זעהסטו, איז גראָד ניט לייכט צו רעדען גלאַט, ניט גלאַט, ניט סקלאַדנע. די בהלה־צייט וועט בלייבען אין אונזער פאָלק עפּעס ווי אַ וואונד אין הארצען, ווי... ווי... אַ פערשטעלטע וואונד, אַ בעהאַלטענע מכה, וואָס קיין פּען קען ניט בעשרייבען, קיין מויל קען ניט שילדערן. דו הויבסט אָן צו רעדען און די ווער־טער שטעלען זיך דיר ווי ביינער אין האַלז און דו קענסט זיי ניט אַרויסברענגען, ניט אַרונטערשלינגען... אַ קינה קען מען; אויף דעם קלאָגען, אַ דרוש קען מען אויף דעם דרשה׳נען, אָבער דערצעהלען קען מען ניט...

מיכאל

(אונטערברעכט איהם) אָה, דאָר־דרשענען! הער וואָס פאַר אַ בעל־דרש׳ער האָסטו דאָס מיטגעבראַכט פון שטאָדט?

רחמיאל

האָב ניט געבראַכט, שוועהר, קיין בעל־דרש׳ער — וועמען האָט זיך דאָס גע׳חלומ׳ט?

מיכאל

האָב גלייך געזאָגט, אָבער סטעפּאַנקע שווערט מיט שבועות אַז דו האָסט פון שטאָדט מיטגעבראַכט אַ זאָגער.

רחמיאל

איך? אַ זאָגער? דער בחור ווייס ניט וואָס ער רעט.

מיכאל

פּייווקע אויך. עפּעס האָסטו דערצעהלט אין קרעטשמע מעשיות פאַר מענטשען. האָסט, ווערליג ווי פּייווקע מיט סטעפּאַנקען זאָגען, געהערט אין שטאָדט פון אַ זאָגער, אַ מגיד... האָסט געבראַכט... עפּעס אַזוינעס...

רחמיאל

(מיט אַ שמייכעל) אָה, איצט פערשטעה איך. דו פערשטעהסט, חיה שרה'לע?

חיה שרה

(טוט אַ טראַכט) ניין, ראַכט זיך.

רחמיאל

דאָס איז אַ צייטונג אַזוינע: איהר נאָמען איז „המגיד“.

מיכאל

אַ ציי.... אַ צייט־ונג?

רחמיאל

דאָס איז אַ בלאַט, וואָס מי לאָזט אַרוים אַלע וואָך אַ געדרוקטע און דאָרטען ווערט געשריעבען פון אַלץ וואָס קומט פאָר אין דער וועלט. איז דאָס האָב איך מיטגעבראַכט פון שטאָדט.

מיכאל

איי, איצט דערמאָן איך זיך, האָב עפּעס געזעהן אַזוינס פאַר־אַיאָהרען שבועות אין קאָוונע ביי אַ יונגען מאַנטשיק אין יאַנעווער אכסניא, אָבער וואָס מיינסטו: פון אַלץ אין דער וועלט?

רחמיאל

פשוטו כמשמעו — פון אַלץ. אַ שרפה וואו עס מאַכט זיך, אַ שיף, כאַפּט אייך אָן, געהט אונטער אויפ'ן ים, ערגיץ־וואו פאַלט איין אַ הויז, אַ מאַן איז מעגן אַ ווייב...

מיכאל

וואָס מיינסטו דערמיט, רחמיאל?

רחמיאל

א מאַן אַנטלויפט פון א ווייב און מאַכט זי פאַר אַן עגונה, אָדער, מעלט אייך, א רב אין א שטאָדט צוקריגט זיך מיט׳ן ציבור, אָדער ערגיץ־וואו ווערט אימיצער בע׳גנב׳עט, בע׳גזל׳ט, צוגע׳הרג׳עט...

מיכאל

ניט אין קיין אידישע הויז געדאַכט!

רחמיאל

נו, יע! אָדער — א מאָלע וואָס עס טרעפט זיך — איך ווייס, א מלחמה הייבט זיך אָן צווישען צוויי מלוכות, אָדער... דער קיסר קומט ערגיץ אין א שטאָדט אָנגעפאָהרען, די קיסרינע ווערט גע־לעגען, אימיצער א גדול בישראל שטאַרבט פּלוצים אַוועק, א — כאַפּט אייך אָן — א גרויסער גביר ווערט נפטר אָדער גיט אויס א טאָכטער, אָדער מאַכט אַזוי גלאַט א שמחה, — איז אָט דאָס אַלץ ווערט אַריינגעשריעבען אין בלאַט אריין און ווען׳ס ווערט אָבגעדרוקט שיקט מען דאָס פאַנאַנדער אין אַלערליי מדינות אַלע וואָך...

מיכאל

אַלע וואָך?

רחמיאל

אַלע ליעבע וואָך!

מיכאל

און פון וואַנען ווייסען זיי דאָס אַלץ?

רחמיאל

מי שרייבט צו זיי. מי שרייבט אויך, חוץ די נייעס, זאַכען. מאמרים און שירים און א מאָל א פּירוש אויף א פּסוק אין דער תורה, א חידוש־זאַך אין גמרא און וואָס ניט?

מיכאל

(צוטומעלט פון די אַלע האַרבע ווערטער) אַזוי! א ציקאַווע זאַך, כ׳לעבען! נו, און מכח תבואה און בהמות... פלאַקס, וואָל, מיל־

כינס, אייפּס, אייער, געהילץ, היי — ווערט דאָס אויך געשריע־
בען?

רחמיאל

ווי אמאָל, קען זיין. איך לייען ניט אָפּט אָט די דאָזיגע בלעטער...

מיכאל

אָה! נו און ווי קומט עס אַז מי רופט אַזאַ מין כאַנדריאָנע א
מגיד?

רחמיאל

דאָס איז אַ נאָמען אַזוינער. המגיד בעטייט אויף אָן אָנזאָגער
אין תנ"ך, מיר זאָגען פון איהם, כביכול, המגיד מראשית אחרית,
דער וואָס זאָגט אין אָנהויב וואָס דער סוף וועט זיין.

מיכאל

(בעמערקט חיה שרה'ן זיך אויפמערקזאַם צוהערענדיג צו רחמיאל'ן)
וואָס האָסטו אין איהם אַזוי אַריינגעלאָזען די אויגען, חיה שרה?
דאָס קען חלילה... אַ אשה דאַרף דאָס ניט טאָן, ניין, רחמיאל?

רחמיאל

שטות, שווער, שטות!

מיכאל

נו, און וואָס האָסטו זיי דאָרטען דערצעהלט אין קרעטשמע?
אדרבה, לאָמיר אויך וויסען.

רחמיאל

עטליכע זאַכען. קודם איז דאָרטען געווען בעשריעבען... וואַרט!
מי קומט... (אין טיהר בעווייזט זיך סטעפּאַנקע).

פ י ע ר ט ע ע ר ש י י נ ו נ ג

סטעפּאַנקע

(ווינקט צו מיכאל'ן) קומט אַרויס. דאַרף אייך האָבען. דיעלאָ
יעסט!

מיכאל

לאָז מיר איצט צורוה מיט דיינע דיעלעס.

סטעפאנקע

קום פון קרעטשמע. ווייל מיט אייך רעדען איז וואס איך אייך דאוועטשא, פריהער, ניעזאנט...

מיכאל

האב ניט קיין עסקים מיט איהם... וועל ניט געהן צו איהם...

סטעפאנקע

קאק זנאיעש!

מיכאל

משוגע ׳על איך ווערען!

סטעפאנקע

פאזשאלוי גערעכט... (טוט זיך ווידער א קראץ אין פאה) אבער, מיכאאיל דאווידאוויטש, זאג ער, יעוורייי ענטאט, אז קומסטו ניט אין קרעטשמע, קומט ער אהער!

מיכאל

(ווערט א ביסעל אונרוהיג; טוט זיך א גלעט דעם בארד און זאגט:) און אפשר... מעהר ווי א גאנג קען איך ניט אנווערען... אמאל קען דערפון וואס ווערען. געקאסט האבען די ימים־טובים גענוג (צו די קינדער) איך קום באלד צוריק... וועסט מיר דערצעהלען רחמיאל... א ציקאווע זאך, כ׳לעבען! שרפות, עגונות, מלחמות — מלחמות, זאנסטו אויך, ניין? און... און... גארנישט! אט וועלען מיר טאקע הערען. קום באלד צוריק... (געהט ביז׳ן טיהר און קעהרט זיך אום) סטעפאן! קום־מיט! (אין טיהר, שטיל צו סטעפאנקען) וואס ווייניגער גערעט, ער איז ביי מיר א ציטערינגע זאך... (ביידע אב.)

רחמיאל

ער האט מיטגענומען סטעפאנקען! משמעות ווייל ער ניט מיר זאלען "ויסען צו־וואס מען דארף איהם.

חיה שרה

מסתמא, א משפט. דער טאטע זאל לעבען, קריעכט אלע ווייל ארייך אין א נייעם סכסוך. אלץ דורך עקשנות.

רחמיאל

און אזוי איז ער, דאכט זיך, נאר א רך־לבֿ, ניין?

חיה שרה

יע, אבער שפארט ער זיך איין, ריהרסטו איהם ניט פון ארט. איצט דערצעהל, וואס דארטען איז געשטאנען אין דעם מגיד דיי־נעם מכח די שייקע גזלנים, וואס דו האסט אנגעהויבען דער־צעהלען אין קרעטשמע, בעת פייווקע האט מיר אוועקגערופען.

רחמיאל

די מעשה איז א שעהנע און איז, משמעות, טאקי אמת אויך. גע־שריעבען ווערט דארטען אט וואס: (חיה שרה רוקט זיך צו נעהנטער צו איהם און דורך די גאנצע ערצעהלונג האלט זי די מויל אפען עפעס אזוי ווי זי וואלט שלינגען זיינע ווערטער) ווערדליג ווי דאס ווערט בע־שריעבען פון א געוויסען שפירע פוןווארשע, איז ערגיץ אין איטא־ליען...

חיה שרה

דאס איז אזא מדינה, ניין?

רחמיאל

יע, יע! ווערט שוין דערמאהנט אין דער גמרא. אין איטאליע געפינט זיך רוים, און מכח רוים ווייסטו דאך וואס איך האב דיר דערצעהלט וועגען דעם צווייטען חורבן. מילא, איז דארטען ערגיץ־וואו — געדענק ניט דעם נאמען פון די שטאדט — געווען א באנדע רויבער, וואס פלעגען ראבעווען און אנטאן גרויסע רציחות אויף די וועגען ארום די וועלדער. ויהי היום איז איינער פון די באנדיטען מיט'ן נאמען מאניקא גע'הרג'עט געווארען אין א גע־שלעג — צי מיט פאליציייסקע, צי מיט זעלנער, צי אזוי מיט מענ־שען, שטעהט ניט געשריעבען. איז האט דער מאניקא נאכגעלא־זען א יונגע אלמנה מיט'ען נאמען מרים — אז זי זאל זיין געוועזן א אידישע, לעגט זיך ניט אויפ'ן שכל: ביי זיי ביניהם איז אויך דא אזא נאמען...

חיה שרה

(כאפט אונטער) — מאריא — למשל, סוועגטא מאריא... נו, נו!

רחמיאל

יע, האָט דאָס מסתמא דער שרייבער אויף לשון קודש געמאַכט דערפון מרים. נו, האָט אָט די יונגע ווייבעל געשוואָרען אז זי וועט זיך נוקם זיין אָן די.... אָן אַלעמען, פאַר איהר מאַנ'ס טויט. און וואָס מיינסטו טוט זי? זי שטעלט זיך פאַר דער רויבער־באַנדע און זאָגט זי וועט ווערען זייער פיהרערקע, און כך הוה. איצט דאַרפסטו וויסען, חיה שרה, אז די מאַריא, אָדער מרים איז זעהר א שעהנע...

חיה שרה

דו זאָגסט איז: הייסט עס טאַקע אז זי לעבט נאָך...

רחמיאל

געוויס, אָט הער ווייטער. איז די מרים, זאָג איך, זעהר א שעהנע, מיט האָר שווארץ ווי פעך און מיט אויגען וואָס בליסצען און זיינען... פול... מיט גלאַנץ (חיה שרה ווערט נאָך אויפמערקזאַמער) „מבריקות — שרייבט ער — ומפיקות נוגה כאור" — בזה הלשון שרייבט ער און זאָגט ווייטער, אז זי האָט א הארץ פון א לייב און זי איז שרעקליכער פון חיות וואָס פערצוקען לעבעדיגע ברואים. איז זי, הייסט עס, ווערט די פיהרערקע פון דער שייקע און מי פאָלגט איהר ווי סאָלדאַטען א גענעראַל, א שטייגער. און איצט קומט די רעכטע געדיכטע...

חיה שרה

איך הער, איך הער!

רחמיאל

דאַרף זיך אין די ווייבעל איינליעבען א יונגער מענש, וואָס איז א קורצע צייט פריהער צוגעשטאַנען צו דער באַנדע — אפשר טאַקע לשמיה ולשמה צוליעב איהר — און זאָגט דאָס איהר... ביי זיי איז דאָס...

חיה שרה

יע, יע! און זי?

רחמיאל

זי וויל פון קיין זאך ניט הערען און שיקט איהם אוועק פון זיך

מיט א נאָז. מיין בחור ווערט איצט מלא רציחה, אנטלויפט פון דער באַנדע און ענטפערט איבער די ווייבעל אין די הענט פון נאַ־צאַלסטוואָ.

חיה שרה

פער׳משפט,מסתמא, אויף טויט ?

רחמיאל

דאַכט זיך אויף דרייסיג יאָהר טורמע... האָב דעם „המגיד״ אין קעסטעל, וועל שפּעטער א קוק טאָן.

(אין פענסטער בעווייזט זיך פּיוזקע.)

ר׳ פּייוועל האָט זיך צוגעהערט פון יענער זייט פענסטער.

חיה שרה

ער האָט פון קינדווייז אויף האָלד געהאַט מעשיות...

פּייוזקע

אַזעלכע האָב איך ניט געהערט... אָבער אַזאַ מאַריע, וואָס רייט אויף א פערד, און איהר לאַנגע קלייד הענגט אראָב, און אויפ׳ן קאָפּ האָט זי א ציפּיק עפּעס גאָר ניט קיין ווייבער׳שען, מיט א הויכע פעדער א ווייסע... האָב געזעהן אַזאַ פּאַטרעט אין שטאָדט.

חיה שרה

וואו האָסטו עס געזעהן ?

פּייוזקע

אין א קראָם ערגיץ. און ווייסטו, נאָכדעם ביי נאַכט האָב איך די רייטערקע געזעהן אין חלום און... ווי איך בין א איד — זי האָט געהאַט דיין פּנים, חיה שרה׳לע ! — הער ! דער טאַטע האָט געהייסען אריינטראָגען די סכך פון סוכה, צו וואָס דאַרף ער דאָס ? זאָל איך ?

חיה שרה

טראָג אריין. ביי איהם געהט קיין זאַך ניט אין ניוועץ. (צו רחמיאל׳ן) אַזעלכע וואָלט מען ניט געדאַרפט פער׳משפט׳ען... וואָס מיינסטו ? ווען מען וואָלט חלילה, ניט אין אַ־בייזע שעה צו רע־דען, דיר צוגענומען פון מיר, — מיינסטו איך וואָלט געשוויגען ? איך וואָלט, מיינסטו, ווי אלע ווייבער געבראָכען די הענט און גע־

יאמערט? געבראכען וואלט איך קעפ! כוח וואלט זיך ביי מיר געפונען, גבורה! אין סימביר וואלט איך נאכדעם אוועק אבער דיר פון מיר וואלט מען איינס־צוויי־דריי ניט גענומען...

רחמיאל

אנטקעגען וואס זאגסטו דאס?

חיה שרה

אנטקעגען גאר נישט. דו וועסט מירצעשעם אייביג זיין מיינער... און מיר דארפען ניט קיין רבנות! די שטאדט איז ניט פאר אונז... ווען איך קום אהין אויף ימים־נוראים, אדער אויף ימים־טובים איז: כסדר — האלט צו דעם נאז! ניין, דא וועסטו זיין, מיין רב און איך׳ל זיין דיין רבי׳צין און דו׳סט פסק׳ענען שאלות פאר מיר, מיט׳ען טאטען, מיט׳ען מילנער, מיט׳ען קרעטשמער און א סוף, גענוג! נאטע גענוג! און דו וועסט ביי מיר זיין רויט און געזונד! און אייביגע קעסט וועסטו ביין טאטע׳ן עסען, בין סאיי ווי סאיי זיין בת־יחידה. און ספרים וועסטו זיך קויפען און וואס איך קען פערשטעהן מיט מיין ווייבער׳שען שכל וועסטו מיר דער־צעהלען... און דו וועסט ביי מיר ווערן שטארק ווי א דעמב און פיין ווי א סאסנע....

רחמיאל

(לאכט) און ווייס ווי א בעריאזע...

חיה שרה

יע, יע, ווייס, אבער ניט בלייך ווי א שטאטיגער איד. ווייס און רויט...

רחמיאל

(ווידער אין שפאס) דא האב איך אויף איין בוים געזעהן אזעלכע עפעל...

חיה שרה

יע, יע! און זיי זיינען טאקע זאפטיג אויך און ניט צוקראכענע, ניט פאר מענשען אהן ציינער... מ׳ דארף קענען בייסען כדי זיי צו פערזוכען, און קריגען דארף מען זיי קענען, אויב מען וויל ניטווארטען ביז זיי פאלען אליין אראב... (לאכט) אט אזוי איז דאס,

חכם מיינער! און דאָס וועסטו ביי מיר ווערן. נישקשה, מי קען זיין פרום און געלערנט און דערביי זיין הויך און שעהן און רויט! אין שטאָדט אפשר ניט — דאָ קען מען. קוק אויף פייווקע'ן אונזערען...

רחמיאל

נו, און דו?

חיה שרה

איך וועל זיך לאָזען לערנען... מיינסט, ווייבער האָבען קיין מוחות ניט? מיינסט, מיר ווילען ניט וויסען וואָס אין דער וועלט טוט זיך? אין שטאָדט, זאָגט מען, זיינען שוין היינט דאָ א סך ווייבער קענערקעס, און ווער רעט מיידלעך. איך וועל...

רחמיאל

מען קומט... דער טאַטע קומט!

פינפטע ערשיינונג

מיכאל

(מיט כעס, אַביסעל איינגעהאַלטען) א מכה! א גרויסע מכה מיט א שעהנעם ווערך, דיר! געטראָפען וועמען צו האַלטען צום נאַרען!

חיה שרה

אויף ווען ביזערסטו זיך, טאַטע?

מיכאל

אויף ווען זאָל איך זיך בייזערן? א חכם פון שטאָדט וויל מאַכען חוזק פון מיכאל דעם ישובניק. ניט געטראָפען דעם אָרט, ברודערקע!

חיה שרה

טו צו וואָס איז דאָ דער כעס? נוויטען קען ער דיר דאָך ניט. וואָלט גענאַנגען, וואָלט געגאַנגען — נעהט ניט, איז רעכט אז ניט; איז יאַכלע ניט קיין כלה!

מיכאל

דו פערשטעהסט ניט, מיין קינד, וועל צוריקקומען, וועל איך דיר דאָס אלץ דערצעהלען...

חיה שרה

וואָרום דו פאָהרסט אוועק?

מיכאל

האָב געהייסען איינשפאנען די פערד. דער עסק איז גאָר, פערשטעהסטו מיך, א חשוב'ער. פיעל וועגען דעם צו רעדען... אָבער מיר וועט יונה משה־לייזערס ניט...

חיה שרה

אָה! דאָס האָט זיך דאָס ז י י ן פערזעהענים צו מיר אמאָל גע'שרכנ'ט, ניין?

מיכאל

אום־הום! ער מיינט, אז ער האָט די מטבעה איז... א שטייער די וועלט זיינע, די גאנצע וועלט!

חיה שרה

און ביי דיר איז יעמאָלט דער שידוך כמעט געווען א גלייכע זאך?

מיכאל

האָב דיר פון דעסטוועגען, ניט געגווים...

חיה שרה

מיר נויטען איז ניט לייכט. ניט ד ע ר סאָרט, טאטע! אָט קומט די באָבע!

זעקסטע ערשיינונג

באָבע רויזע

מיכאל! וואו ביסטו, מיכעלע? הא?

מיכאל

וואָרום דו זעהסט מיך ניט? אָט בין איך דאָך, פאר דיינע אויגען.

באָבע רויזע

ווארט, איך'ל אויסווישען די ספאקולען.

מיכאל

קומסט פון קרעטשמע?

באָבע רויזע

ווער? איך? הא? יע.

מיכאל

נו, זעץ זיך, מאַמע! אָט דאָ זעץ זיך (זי זעצט זיך און פּאַדעט אַרום איהרע ספּאַקולען).

באָבע רויזע

אָה.... הער, מיכעלע!

מיכאל

נו—ו?

באָבע רויזע

וואָס שפּאַנט מען עפּעס די פערד? דו פאָהרסט דען שוין וויע־דער אוועק? הא?

מיכאל

יע, איך פאָהר. ׳סאידאָ אַ מסחר, קען דערביי שעהן פארדיענען. זאָל איך דיר וואָס ברענגען פון שטאָדט?

באָבע רויזע

ווער? דו? ברענגען פאר מיר? נאָכשאָל זאָלסטו׳ם טאָן?

מיכאל

ווי הייסט נאָכשאָל? מחמת דו דארפסט...

באָבע רויזע

ווער? איך? דארף? וואָס קען איך דארפען? גאָר נישט דארף איך... סאיידען... יע, אויב דו וועסט ניט פערגעסען, ברענג מיט עטליכע שפּיזלען, האָב איינע פערלאָרען, לאָזען זיך זיין אַ פּאָאר איבעריגע אין שטוב, אפשר אַ נייעם פינגערהוט... ניין, לאָז זיין... קען סאיי־ווי־סאיי שוין ניט נייהען, אויגען אַליץ שוואַכער און שוואַכער... און די איבעריגע קליידער ליגען שוין לאַנג אויפגענייהטע.

מיכאל

אייביגע קליידער! פון וואָס זי רעט? דו האָסט נאָך צייט... ביז לאחר מאה שנים — ווי מי זאָגט. און קנאַפּ ארבעטסטו?

באָבע רויזע

ארבעט? ווער? איך? הא? עד־מיר אַרבעט! איך זיץ אמאָל ביין רעדעל. דאָס רופסטו איך אַן ארבייט? אויף שונאי־ציון געזאָגט נעוואָרען... אָבער הער, מיכאל! איך קום פון קרעטשמע...

מיכאל

ווארט א רגע, מאמע! הער, חיה־שרה׳לע, געה, זעה צי איך האָב אַלץ וואָס איך דאַרף אויפ׳ן וועג. גרייט מיר אָן די זיידע.... ווי רופט מען דאָס, רחמיאל?

רחמיאל

צידה לדרך, מיינט איהר.

מיכאל

יע, יע! נו, דו ווייסט דאָך שוין וואָס איך דאַרף. א לעבעל ברויט, א שטיקעל קאַטשקע, עטליכע עפּעל, א תפלת הדרך׳ל און מיין טלית־זאַק מיט די תפילים. געה טאַקע דו מיט איהר, רחמיאל, זעה זי זאָל קיין זאַך ניט פערגעסען.

חיה שרה

(טוט אויף איהם א קוק — עפּעס ווי איינער זאָגט: „ער מולירט, דער מאַמזר!") קום, רחמיאל, לאָמיר געהן. (ביידע אָב.)

מיכאל

(צו דער אַלטער) מאַמע, וואָס האָסטו געוועלט דערצעהלען?

באָבע רויזע

ווער? איך? הא? עפּיס האָב איך טאַקע געוועלט דיר זאָגען. ווארט! איך׳ל זיך דערמאָנען.

מיכאל

דו האָסט עפּעס געהערט אין קרעטשמע.

באָבע רויזע

יע... אין קרעטשמע... הא? ווארט! יע! יע! האָט מען דאָר־טען גערעדט מכוח דעם האיאָהריגען נאַבאָר. האָט יונה משה לייזער׳ס געשוואָרען מיט טויטע שבועות, אז דאָס וועט דיר קאָסטען טייער... קיין בעל הבית ארום און ארום — אזוי זאָגט יונה משה־

לייזער'ם — קען ניט קויפען קיין... ווי רופט איהר דאָס... קיין אכוואָטניק חוץ דיר און קהל פעהלט נאָך דריטהאלבען נפשות... און זיי, די קהל'ס־לייט — זאָגט יונה משה־לייזער'ם — װעלען מיט דיר לערנען בלק...

מיכאל

מאַמע! דאָס אלץ איז ניט ווערט אַן אויסגעבלאָזענע איי... מיר הערען זיי אין טראָק. זיי וועלען פון מיר קיין געלד מיט סטראשונ־קעס ניט ארויסרייסען. זיי קענען אזוי נעהמען רחמיאל'ן ווי זיי קענען נעהמען טישקעוויטשעס באַלוואַנעס.

באַבע רויזע

ווער זיינען זיי?

מיכאל

דיין דאגה. איך וויים אויך ניט. עפּעס ערגיץ וואו אין ווילנא געפינען זיך אזעלכע. ניט אונזער עסק. רחמיאל'ן וועלען זיי ניט נעהמען. די שלאַק וועט זיי גיכער נעהמען. די כאָלעריע וועט זיי גיכער נעהמען... מיכאל דעם ישוב'ניק סטראשעט מען ניט. איך פאָהר אוועג. זיי וועלען ביז נאָכ'ן פּריאָם אפילו גאָר ניט וויסען וואו איך בין... איצט הער, מאַמע. הער! דו הערסט דאָך, ניין?

באַבע רויזע

ווער? איך? אודאי הער איך. נאכשאָל זאָל איך ניט הערען? מיין ראיה איז מטושטש, אָבער הערען — הלואי ווייטער!

מיכאל

טו הער־זשע! די קינדער טאָרען ניט וויסען צוליעב וואָס איך פאָהר אוועג. קיינער טאָר ניט וויסען. דאָס קען מיר קאָסטען פינפהונדערט קארבען מזומנים. איך האָב ניט קיין זיהן. דאָס איז גזל'אָוואָיי! דאָס איז קוילען אָהן א חלף, מאַמע! און איך זאָג דיר, זיי סמייען ניט איהם צו נעהמען. זיי סמייען ניט, א ניכפּה זאָל זיי פערצאַפּלען! אָבער דו שווייג. ביי די קינדער וועט רעסט זיין די לעצטע פּרוטה אוועקצוגעבען אבי זיי זאָלען קיין ביסעלע שברי־לב ניט האָבען. דערפאַר, מאַמע, שטיל ווי א קאָטינקע. ניט נערעט!

באָבע רויזע

נאָכשאַל זאָל איך רעדען? איי, דער נאַבאָר? אויף דעם וויינט מען דאָך שוין צו די ערסטע סליחות... וואָס קען איך שוין אויפ־טאָן מיט מיין רעדען? איך שווייג... ער, העגד ניט געוואַשען, איז גערעכט, און זיין משפט איז גערעכט. איי וואָס? יונה משה־לייזער'ס? האָסטו דאָך מיט איהם אליין גערעדט... צי ער קען, צי ער קען ניט, ווייסטו אודאי בעסער.

מיכאל

אָט אזוי רייד! זיי וועלען ביי מיר בלייבען מיט א נאָז. איך לאָז זיך ניט איינשרעקען. טו געדענק זשע. זיי קומען צוריק... איך פערלאָז זיך אויף דיר.

זיעבעטע ערשיינונג

חיה שרה

אלץ פארטיג. אין וואָגען איז דאָ אלץ וואָס דו קענסט בעדארפען. פאָהר און מאַך גוטע מסחרים.

באָבע רויזע

אָיי, טאַטע גרויסער! (זי ברעכט אויס אין א שטילען געוויין.)

חיה שרה

(טוט אַ קוק אויפ'ן פאָטער) באָבינקע, וואָס איז דיר? וואָס איז דאָס מיט אַמאָל, טאַטע? זי וויינט דאָך קיינמאָל ניט ווען דו פאָהרסט אוועג.

באָבע רויזע

(שלוכצענדיג) דער נאַבאָר! די אידישע עופ'עלעך...

מיכאל

אין נאַבאָר־צייט דערמאָנט זי זיך אָן אמאָליגע צייטען בעת מען פלעגט נעהמען עופ'עלעך קליינינקע, ציטעריגע...

באָבע רויזע

פיינעלעך פון נעסט ארויס... בגנבה פלעגט מען זיי נעהמען, מיט

געוואַלד, מיט... מיט... מיט — אײַ, וועה איז מיר! (זי ווײַנט זיך ווידער שטאַרק פאַנאַנדער.)

חיה שרה

ניטע, באַבינקע! וויין ניט! גענוג. (קורצע פויזע, די אַלטע ווערט אַביסעל רוהיגער.)

מיכאל

הער, רחמיאל! האָסט דאָך עפּעס געוואָלט מיר דערצעהלען וואָס אין דעם מגיד דײַנעם איז געשטאַנען! אדרבה, דערצעהל!

רחמיאל

שטעהט האָרטען אַ סך זאַכען. אָט, למשל, דרוקט זיך דאָרטען אַ ידיעה פון ענגלאַנד... דאָס איז אַ גרויסע מלוכה וואָס האָט אַ ממשלה איבער'ן ים און איבער דער יבשה... איז דאָרטען אַ איד געוואָרען אַ שופט, אַ סודיאַ אין אַ פּאַלאַטאַ!

מיכאל

געה, געה — דאָס קען ניט זיין!

רחמיאל

זיי וועלען קיין ליגען ניט דרוקען. ס'איז אפילו דאָ דער נאָמען זיינער: דזשעסעל הייסט ער און דאָס איז טאַקע דער ערסטער איד וואָס האָט זוכה געווען צו האָבען אזא גדולה...

מיכאל

האָט ער זיך מסתמא גע'שמד'ט!

רחמיאל

דוקא ניט! געבליבען אַ איד מיט אַלעמען צוגלייך. איי דער נאָמען? איז דאָס ניט קיין נאָווינע! אַ סך אידישע נעמען זיינען גענומען געוואָרען פון אומות העולם, נאָך אין די אַלטע צייטען, און די חכמים פון תלמוד אַליין האָבען געהאַט גויעשע נעמען. ר' טרפון, כאַפּט אייך אָן...

מיכאל

נו, און וואָס נאָך שטעהט דאָרטען?

רחמיאל

אַ מאַלע וואָס? פרעגט, וואָס ניט? אָט, למשל, ווערט דאָרטען

נעמאָלדען, אז דער קיניג פון איטאַליע פאָרט איבער עסטרייך קיין בערלין. בערלין, דאָס איז אויפ'ן טייטשעשען בוידעם... פון דאָרטען נעהמען זיך ביי אונז די בערלינטשיקעס, די היינטיגע. נאָר דאָס איז ניט אהין, ניט אהער. שרייבט מען, אז אהין פאָהרט דער קיניג פון איטאַליע, כדי זיך צו זעהן מיט'ן טייטשען קיסר, איז דער קיסר אָבער גראָד אליין איצט אין עסטרייך, אין די בערדער, טרעפט מען זיך מיט איהם דאָרטען און ביידע פאָהרען זיי צוזאמען קיין בערלין, וואו מי פּראָוועט פּאר'ן מלך פון איטאַליע א גרויסען קבלת־פּנים. משמעות, וועט דאָרטען, אין בערלין, פערשטעהט איהר, געשלאָסען ווערן א בונד צווישען די אלע דריי מלוכות, כדי אז, ווי דער פּסוק זאָגט, פן תקראנה מלחמה, זאָלען זיי דריי מאַכען יד אחת אנטקעגען דעם שונא.

מיכאל

און דאָס אלץ ווייס עס אָט די... ווי רופסטו עס... די צייטונג דיינע? א ציקאַווע זאך! און ווי? שרייבען זיי עס טאַקי אויף לשון קודש?

רחמיאל

אודאי אויף לשון קודש! — אָה! די באָבע איז איינגעשלאָפען!

מיכאל

נו, מסתמא פערשטעהען עס דאָך טאַקע אידען, אז מי דערלאַנגט זיי אַזאַ מין פּאַפּיער, ווי איינער זאָגט: אָט לייען און ווייס, וואָס עס טוט זיך ביי די קייזאָרים מיט די קייזערינעס, מיט די אידען אין די סודעבני פּאַלאַטעס! און וואָס ניט! א קלוגע וועלט געוואָרען: א בעלנות, פון דעסטוועגען, דאָס צו רופען א מגיד! אמאָל פלעגט א מגיד זיין א זאָגער!

סטעפּאַנקע

(פון יענער זייט פענסטער) חאַזיאַאין! קיענסט פאָהרען! אלץ פאַרטיג, פיערד איינגעשפּאַנט.

מיכאל

נו, נעהען מיר! (הויבט זיך אויף און זעצט זיך צוריק אַוועג אויף

א מינוט) אז דער אויבערשטער וועט געבען וועלען מיר מאכען גוטע געשעפטען. אויפ'ען נייעם יאהר. זייט מיר אלע געזונט.

רחמיאל

פאהרט געזונטערהייד, שוועד!

מיכאל

און טאמער דערגעהה איך אזש קיין ריגע, ברענג איך מיט שעהנע גאסטינצעס, אם ירצה השם, פאר אלעמען, פאר אלעמען!

חיה שרה

ניט נויטיג, קום דו נור צוריק געזונטערהייט!

מיכאל

נו, זייט זשע מיר אלע געזונד — דו, בת־יחיד'קע מיינע, און איהר אלע! רחמיאל, דער מגיד דיינער, א ציקאווע זאך! (אב.)

באבע רויזע

(כאפט זיך אויף אינ'ם טומעל) אוועג מיכאל?

חיה שרה

ער זעצט זיך אויפ'ן וואגען, באבע. זאל איך איהם אריינרופען?

(באבע רויזע שאקעלט מיט'ן קאפ: ניין.) אט פאהרט ער ארויס...

חיה שרה

(רוקט זיך צו נאך נעהנטער צום מאן) הער, רחמיאל, מיר האבען פריהער גערעט ארום אונזער לעבען, אונזער ביידענ'ס לעבען... איך זאג דיר, א ווייב קען אויך זיין א מענש... דו קענסט מיר מאכען פאר א קענערקע און איך וועל דיר מאכען פאר א גבר, פאר א געזונדען, פרישען, שטארקען מאן. און די רבנות דארף מען ניט... איך וויל ניט זיין קיין רב'עצין... און דו דארפסט ניט זיין קיין צוקראכענער רב'על... און לעבען מיר וועסטו זיצען... אזוי לאנג ווי מיר ביידע זיינען צוויי... לעבען מיר דורך די לאנגע ווינטער אווענדען, נאך א גוטען שפאציער אויף א שליטעל. און איך וועל אויסטאן די פאטשיילקע פונ'ם קאפ און וועל פאנאנדערוואר־פען מיינע שווארצע, לאנגע האאר און דו וועסט האבען פולע הויפענס צו שפיעלען זיך... און לערנען וועסטו מיט מיר און

איך וועל דיר צאָהלען מיט א פולע האנד... איך וועל דיר אויס־עסען, זיסינקער. גוט וועט אונז זיין!

רחמיאל

נו, און ווען עס וועט קומען דער נאבאָר (באָבע רויזע לעגט צו די האנד צום אויער) און ווילדע חיות וועלען קומען און פערצוקען אידישע נפשות ארום אונז... און מי וועט נעמען קינדער פון טאטעס, טאטעס פון קינדער... און הערצער פון אידישע מאמעס וועלען ארום אונז געבראָכען ווערען איינע נאָך די אנדערע... וואָס וועלען מיר ביידע טאָן? זאָג, חיה'לע!

חיה שרה

איך וויים ניט, אָבער רייד, רייד! נאָך — נאָך!

רחמיאל

דו פערשטעהסט, מיין ווייבעלע, וואָס א נאבאָר בעטייט ריי אידען? דו...

באָבע רויזע

(פּלאצט אויס מיט א שרעקליכען געוויין.)

פאָרהאנג.

צווייטער אַקט

די פאַרהויז אין מיכאל גריץ'ס הויז. פון ביידע זייטען זעהט זיך אַ טהייל פונ'ם דאָרף: אין הינטערגרונד לינקס אַ ווינדמיהל, רעכטס אַ קוזנע; טיעפער אַ קרעטשמע. — ערגיצוואו הינטערן הויז הערט זיך פון ציוט צו צייט אַ הונד וואָס בילט, שטעהענדיג אויפ'ן קייט און אַנדערע תינט וואָס רופען זיך אָב. — אין מיטען סצענע זיצט באָבע רויזע ביי אַ רעדעל און שפינט, בעת־מעשה זינגענדיג מיט טרערען אין קול אַזוי ווי פאַר זיך. — עס איז אַרום פיער אַזייגער נאָך האַלבען טאָג.

ערשטע ערשיינונג

באָבע רויזע
(זינגט:)

„איידער צו טראָגען יאָוואַנקע'ס צלם
„בעסער צו זאָגען אַ — אדון עולם!
„איידער צו טראָגען יאָוואַנקע'ס קליידער,
„בעסער צו לערנען ביים רבי'ן אין חדר!"

אַיי, אַ חורבן, אַ פינצטערער! (טוט אַ זיפץ און אַ דרעה מיט'ן רעדעל.)

(עס רייסט זיך איבער דער פלאַקס־פאַדים, וואָס זי ציעהט מיט די פינגער.) אַיי, וועה איז מיר! אוראי אַ בייזער סימן! אַיי, אויף שלעכטס, לויטער אויף שלעכטס ווייזט דאָך אַלץ אין אַזעלכע צייטען! (מאַכט צורעכט דעם פאָדים און זינגט ווייטער:)

„איידער צו עסען יאָוואַנקע'ס קאשע,
„בעסער צו לערנען חומש מיט רשי!"

אַיי, וועה איז מיר! (זיפצט זיך אָב און זינגט:)

„איידער צו טראָגען יאָוואַנקע'ס היטעל,
„בעסער צו זאָגען תהלים אַ קאַפּיטעל."

(מוט נאך א האסטיגען דרעה מיט'ן רעדעל; אין טיר לינקס בעווייזט זיך פייווקע.)

פייווקע

גאט העלף, באבע!

באבע רויזע

(שאקעלט צו איהר ענטפער און זינגט ווייטער:)

„איידער צו טראגען יאוואנקע'ס שווערד,

„בעסער צו ליעגען צעהן קלאפטער אין דר'ערד!"

(מוט ווידער א זיפץ) איי, ווערה איז צו מיינע יאהרען!

פייווקע

הערט, באבע רויזע! מי זאגט, איהר געדענקט נאך דעם ערסטען נאבאר...

באבע רויזע

ווא—אס?

פייווקע

אז איהר געדענקט ווי מי'ט אנגעהויבען נעהמען אידישע זעלנער.

באבע רויזע

ווער? איך? הא? יע, איי, ווערה איז צו מיר! נאכשאל זאל איך פערגעסען?

פייווקע

ווי אלט א שטייגער זייט איהר יעמאלט געוועזן?

באבע רויזע

(הערט ניט, האט דערוויל גענומען שפינען, אבער לאנגזאם.)

פייווקע

באבע!

באבע רויזע

נו—ו!

פייווקע

ווי אלט, מעלט איך, זייט איהר געוועזן ביין ערסטען נאבאר?

באָבע רויזע

ווער? איך? האָ? פרעג מיך אַ גרינגערע זאַך. (פערטראַכט זיך, דאַן זינגט זי מיט אַ האַלבען מויל:)

„איידער צו טראָגען יאַוואנקע'ס שווערד,

„בעסער צו ליעגען צעהן קלאַפטער אין דר'ערד!"

אַיי, אַיי, אַיי!

פייווקע

ווייסט איהר, באָבע? אַט יונה דער בעקער... ער מאָלט ווייץ ביין טאַטען... אַנוסטען זאָגט ער אונז, אז פון פעטערבאָרג קומט אין גיכען אראָב אַן אוקאַז, אז מי זאָל מעהר ניט כאַפּען קיין נעקרוטען.

באָבע רויזע

טאַטע, גרויסער! פון זיין... פון יונה'ס מויל אין דיינע אויערן אריין!

פייווקע

באָבע רויזע! 'ר פערשטעהט ניט... מי וועט קיין ־עקרוטען ניט כאַפּען מעהר, אָבער איטליכער וועט מוזען געהן אין סלוזשבע אריין.

באָבע רויזע

ווי הייסט איטליכער? רחמיאל'ינקע, חס ושלום, אויך?

פייווקע

איטליכער איבער צוואַנציג. רחמיאל ניט, קלער איך. איהם...

באָבע רויזע

יע, יע! אודאי... איהם ניט, מחמת...

פייווקע

מחמת ער... ער קען פאַר'ן אוקאַז נאָך זיין אַ זעלנער.

באָבע רויזע

אַ פּיפּעץ דיר אויפ'ן צונג, דו שייגעץ איינער!

פייווקע

(ווי ניט איהם מיינט מען דאָס) הערט, באָבע!

באָבע רויזע

'ך הער, נו?

פּייווקע

ווייסט איהר, ווענען ז׳האָבען געראַפּט אָבגעבען?

באָבע רויזע

וואָס דולסטו מיר א מח?

פּייווקע

זיי האָבען געדאַרפט אָבגעבען חיה־שרה׳לען!

באָבע רויזע

חיה־שרה׳לען? פאַר וואָס? פאַר א זעלנער? ביזט משוגע, שכור צי חסר דעה! ווי הייסט... חיה־שרה׳לען?

פּייווקע

מעהר מאַנסביל פאַר רחמיאל׳ן... באָבע! חיה־שרה׳לע איז אייך א בריה א ווייבעל, א כוואַטסקע נקבה, פייער און פלאַם איז זי אייך! אָה, באָבע! וואָס ווייסט איהר ווער זי איז! פרעגט אייך בחרם. חיה־שרה׳לע דאָס קען אייך קלעטערען, באָבע, קלע־טערען ווי א קאַץ און שפּרינגען ווי א... ווי א קראָליק...

באָבע רויזע

להבדיל, זאָג, להבדיל, לויז מויל, דו!

פּייווקע

און, באָבע! חיה־שרה׳לע קען אייך טרייבען א טראַייקע פון די בעסטע פּאַטשט־פערד, קען זיך שטעלען אנטקעגען דעם אַסעסאָר מיט אַלע דעסיאַטניקעס. און באָבע!

באָבע רויזע

׳ך הער, וואָס מינטערסטו מיך!

פּייווקע

טו הערט־זשע! דעם דיענסטאַג פאַר איהר חתונה איז זי אייך ארויפגעקלעטערט אויף דעם דעמב וואָס ביי דער קרעטשמע... איך בין געשטאַנען אונטען... באָבע... איך בין, דאַכט זיך, ניט קיין טרוס, אָבער דער צוויינ האָט עפּעס אזוי ווי א קרעכץ געטאָן, האָט זיך מיר געדאַכט, אָט־אָט צוברעכט ער זיך און זי פאַלט, חלילה, אראָב...

באָבע רויזע

נענוג דיר מאָהלען, לויז מויל! איך האָב פון דיר שוין אַ לאָך אין קאָפּ...

פּייווקע

האָב געמיינט, הייסט עס, אָט־אָט פּאַלט זי... און מיר איז די הארץ איינגעפּאַלען פאר שרעק... און, באָבע, הערט, ווי איך בין אַ איד...

באָבע רויזע

שווער זיך ניט, דו, פינפערנאָטער דו, הערסט?

פּייווקע

באָבע, ווי איך בין אַ איד, האָב אויסגעשטעלט די הענט איהר אונ־טערצוכאַפּען טאָמער פּאַלט זי, חלילה...

באָבע רויזע

אונטערכאַפּען? מיט די הענט? ווער? דו? הא? טפו, ניט געדאַכט זאָל דאָס ווערן!

פּייווקע

'ך וויים, פּטור־נו, 'ך וויים! צו שווער... וואָלט מסתמא געפּאַלען מיט איהר אין איינעם, אָבער אַלץ, קלער איך, אָט צוברעכט מען זיך אַ פוס ביי אַזאַ מין פאַל... וואָלט דאָס אפשר ניט געווען איהרער... נור קלעטערן! ניטאָ קיין צו הויך פאר חיה־שרה'לען! (פויזע. ער כאַפּט אָב דעם אָטהעם.) הערט, באָבע!

באָבע רויזע

שוין ווידער! פּגע־רע, וועסטו מיר אויפהערען צו באָבענען!

פּייווקע

הערט, באָבע! איז דאָס אמת, וואָס מע זאָגט?

באָבע רויזע

וואָס, קלעק?

פּייווקע

איז דאָס אמת, אַז ווען הינט נעהמען סקאַוואוטשען קומט דער מלאך המות אָן?

באָבע רויזע

(אין אַ ווייכערען טאָן) אמת, פּייווקע, אמת! רחמיאל האָט'ס נאָך נעכטען געזאָגט...

פּייווקע

און, ווי זינגט איהר, באָבע? (ער פּרובט איהר נאָכמאַכען):
(פערהיקעט זיך) ווי זאָגט איהר באָבע? „בע־ע־סער צו ליגען“...

באָבע רויזע

(פערכליפּעט זיך און זינגט כמעט וויינענדיג)

„איידער צו טראָגען יאַוואנקע'ס שווערד,
„בע־סער צו ליגען צעהן קלאַפטער אין דר'ערד!“

אַ סך, אַ סך גלייכער, טאַטע באַרמהאַרציגער... איידער די כאַפּערס... (איהר קול ווערט דערשטיקט אין טהרערען.)

צווייטע ערשיינונג

(אונבעמערקט פון זיי קומט אַריין ר ח מ י א ל, זיך ווישענדיג די הענט מיט אַ פאַציילקע און עפּעס מאַכענדיג מיט די ליפּען.)

פּייווקע

גלייכער דער מלאך־המות?

רחמיאל

(קומט נעהנטער) וואָרום ווי האָט דוד המלך געזאָגט צו גד דעם נביא, פּייווקע? נפלה נא — מאַכט ער — לאָמיר אַריינפאַלען ביד אדשם — אין זיינע הענט, כביכול — וביד אדם אל אפּולה — אָבער אין מענשען'ס הענד ענטפער מיר ניט איבער... האָסט שוין געראַווענט מנחה, פּייוועלע?

פּייווקע

(רעדט פאַר זיך איבער מיט געפיהל, כמעט אין דעמזעלבען טאָן ווי רחמיאל:) וביד אדם אל אפּולה! אָבער אין מענטשענס הענט ענטפער מיר ניט איבער... מנחה? וואָס איז די איילענים?

רחמיאל

שוין לאַנג זינט דו ביזט בר־מצוה געוואָרען?

פייוועקע

שוין באלד דריי יאָהר, ניין? צו וואָס פרעגט איהר דאָס?

רחמיאל

אייך, יונגוואַרג, איז גוט. אַיי, איז אייך גוט! דער נאָבאָר שרעקט אייך ניט, דער שד נעהמט אייך ניט; דעם עול־תורה פיהלט איהר ניט. קיין עול־מלכות האָט איהר ניט. אַט זעהסטו, פייוועקע? לאַנג ביזטו שוין בר־מצוה געוואָרען. דער יאָך פון אידישקייט איז אויף דיינע פּלייטשעס, דער טאַטע האָט אַ ברוך שפּטרני געמאַכט צו זיין הייליגען נאָמען... דו זינדיגסט איצט, ברודערקע, שוין אויף דיין אייגענעם חשבון און פונדעסטוועגען איז נאָך ביי דיר דערוויי־ל אַלץ ווי געוועזן: דו פיהלסט ניט דעם יאָך, דו שטיפסט, דו לויפסט, דו לאַכסט אויפ'ן קול... דיך אַרט דעם טאַטענ'ס פּראַצע ניט מעהר, וויפיעל איהט אַרט די ארבייט פון זיינע מיהלשטיינער, וואָס געהען כסדר... געהען און טרעטען און מאָהלען... אַט דרעהט עס זיך, און עס מאָהלט זיך, עס זיפּט זיך, עס שיט זיך, און מעהל ווערט... און ברויט ווערט... הייסע בולקעלעך, און יונגוואַרג עסט, יונגוואַרג שטאָפּט זיך... קיין ווייב האָט דאָס ניט, קיין זאָרג האָט דאָס ניט.

פייוועקע

(זיך אויפכאַפּענדיג ווי פון שלאָף) הערט, רחמיאל! אַז חיה־שרה'לע לאָזט אין אייך אַריין איהרע גרויסע אויגען... איהרע גרויסע שוואַרצע אויגען, נעהמט אייך, אַ שטייגער, ניט אָן אַן אימה?

רחמיאל

(קוקט איהם אָן פערוואונדערט) קיין אַנדערע רעיונות האָסטו משמעות גאָר ניט, דו שנעקוץ דו!

פייוועקע

הערט, רחמיאל! איך בין ניט קיין טרוס, ניט איך! הלואי בין איך אין אייערע יאָהרען און 'סקומען די כאַפּערס... איהר וואָלט געזעהן... 'ך וואָלט זיך אסור בעהאַלטען. מאַלאָ וואָס סטעפּאַנקע דערצעהלט, אַלץ געוועזן אַמאָל. גויים שפּיצרוטענעס, זאָגט דער

טאַטע; מ'שמייסט שוין ניט מעהר. גיטאָ אמאָליגע צייטען. האָב גלאַט קיין מורא ניט...

רחמיאל

אזוי, מיין כוואַט! און עסען פון קעסעל! און די קאַזאַרמע מיט'ן ריח פון מאַכאָרקע, מיט'ן לעבען צווישען שונאי ישראל... מיט שטורכעס אין זייט, מיט זשיד־פּאַרך א גאַנצען ליעבען טאָג אין די אויערן... און דריי פּעייאים שכירות, און אלע ווײלע א מלחמה מיט'ן טערק... און זיך דערדיענען, ווי זאָגט סטעפּאַנקע? דעם הויכען טשין פון סוקין סין... ווייל דו ביסט ניט מעהר ווי א איד, פערשטעהסטו? איהר, יונגע לצים, רעט... „האָב גלאַט קיין מורא ניט"!

פייווקע

ניין, קיין מורא ניט, רחמיאל; פאַר קיין זאַך ניט. אָבער פאַר חיה־שרה'ס קוק ווער איך אמאָל א צוציטערטער. און, דאַכט זיך, וואָס?

רחמיאל

דאַכט זיך, נאָז! חולם־נאָז, זאָג איך דיר! גנעה, שנעקוץ, דאַוו־נען מנחה. חיה־שרה איז איצט שוין א ווייבעל און דברים אחרים מיט דיר צוזאַמען האָט זי פריהער אויך ניט געפּיטערט.

פייווקע

(אַזוי ווי ער וואָלט גאָר ניט אונטערבראָכען געוואָרען) דאַכט זיך גאָרנישט, האַ? אָבער אין איהרע אויגען... אין איהרע... אויגען, רחמיאל, אין איהרע שווארצע אויגען... פערשטעהסט איהר, איז... איהר ווייסט האָך מסתמא וואָס איך מיין...

רחמיאל

דו רעדסט פון היץ.

פייווקע

זי קוקט אייך, א שטייגער אָן, און אייך ווערט עפּעס ווארעם אין בוזים... הערט, רחמיאל! בעת איך בין נאָך געווען גאָר א ברעקעל־אינגעל, אין ברייטע מייטקעס, און זי איז נאָך געווען א מיידעל א יאָהר פונפצעהן, און מיר האָבען געלערנט ביים מלמד, וואָס

מי'ט געהאלטען פאר איהר... און מיר פלעגען פארנאכט זיך א לאָז טאָן ביידע אין וואלד אריין איידער ס'פלעגט פינצטער ווערן... און זי פלעגט מיר אזוי אָננעהמען פאר'ן האנד (ער טוט עס צו רחמיאל'ן און רחמיאל טוט אַ שפּרונג פון אָרט) אָיי, רחמיאל!

רחמיאל

באָבע־רויזע, וואָס וויל ער פון מיר, דעם מילנער'ס קדיש?

באָבע רויזע

(זי כאַפּט זיך אויף פון שלאָף) ווער? ער? הא? אדרבה פרעג איהם.

פייוועקע

הערט, רחמיאל! אייך איז גאָרנישט... אז זי נעהמט אייך אָן פאר'ן האנד? הא? און, רחמיאל, און א שטייגער זיי, די כאפּערס, קומען נאָך אייך, און זיי נעהמען אייך, און טוען אייך אָן סאָלדאטסקע קליידער...

באָבע רויזע

דעם צונג ביים אָב, דו שטיק סארלע...

פייוועקע

נו, און איהר געהט אוועג, ווייט, ווייט פון איהר, אהין, אין מרחקים אוועג... אין טיעף־ראָסייע, וואו סטעפּאנקע איז געווען... וואָס, א שטייגער, וואָלט איהר טאָן אָהן איהר, אָהן חיה־שרה'לען, הא?

(פון גאַנץ ווייט דערהערען זיך הינט בילענדיג)

דאָס ווייִנען הינט. איך ווייס ווען זיי לאַבען און ווען זיי ווייִנען. דאָס זייִנען דערשראָקענע הינט. 'ס קומט דער מלאך המות אָן אין דאָרף, ניין, רחמיאל? (פאַר זיך) ער, אָדער וועלפּקע...

רחמיאל

באָבע־רויזע, וואָס וויל ער פון מיר? זאָגט, וואָס וויל ער!

(אין טיהר בעווייזט זיך סטעפּאַנקע. ער גיט פייוועקען אַ וואונק. שנעל לויפט ער צו איהם צו, און ביידע געהען האַסטיג אַרויס.)

רחמיאל

אוועג! באָבע, ער איז אוועג... נישקשה פון ווילדקרויט וואקסט

דאָ ביין מיהל ביי אייך! (פּויזע.) באָבע רויזע, האָט איהר געזע־
הען חיה־שרה׳לען נאָכ׳ן אָנבייסען?

באָבע רויזע

ווער? איך? הא? יע. סמאַייעט עפּעס ארום דעם גאַנצען
טאָג. רעט נים. עסט נים. אפשר איז דאָס אמת — אַ קשיא
אויף אַ מעשה!

רחמיאל

אמת? וואָס איז אמת?

באָבע רויזע

שרעק זיך ניט, מיין קינד... אין האָלאָזעם... דאָ ניט ווייט... אָן
אומגליק אביסעל! פון דאָס נייע די אָסנאָווע איבערגעריסען!
(זי פּאָדעט אָרום די פלאָקס אויפ׳ן שפּינדעל.)

רחמיאל

(אונגעדולדיג) וואָס דאָ ניט ווייט, באָבע?

באָבע רויזע

וואָס דאָ ניט ווייט? טאקע וואָס? יע, דאָ ניט ווייט, אין האָ־
לאָזעם, זאָגט פּייווקע, זוכט מען פון נעכטען אָן אַ בחור... וואָס איז...
ווי זאָגען זיי? וואָס איז זאַטשיסלעט אין היינטיגען נאַבאָר... אין
די זעקס־אַ־האַלב נפשות, וואָס דער פּאָוויעט דארף געבען אונ־
זערער.

רחמיאל

אפשר... אלא וואָס? זי וואָלט מיר געזאָגט? אָיי, באָבע קרוין,
איז מיר ביטער! חיה־שרה׳לע איז פון עטליכע טעג גאָר ניט די
זעלבינע... גאָר ניט די בריה מתמול־שלשום. מיר ווערט שרעקליך
ווען איך דערזעהע איהר... מיין הארץ קלאַפּט ווי מיט האמערס...
(ביי באָבע רויזען שטעלט זיך אָב דער רעדעל, דער שפּין־פאָדים
פאַלט איהר אַרויס פון דער האַנד, און זי ווערט האַלב איינגע־
שלאָפען. רחמיאל רעט איצט מעהר צו זיך ווי צו איהר.)

רחמיאל

חיה־שרה׳לע טראָגט זיך אָרום מיט אַ סוד, מיט אַ שרעקליכען סוד
אין בוזים. עפּעס רעט זי מיט מיר מיט אַזוי פיעל זיסקייט,

מיט אזא מרה־שחורה׳דיגע מתיקות, גאָר ניט ווערדליג נאָך איהר טבע נאָך. זי האַלט מיך נאָך מעהר ווי פריהער פאַר א נעבעכיל, א שוואך בעשעפינעס... אפשר, ווער ווייס? אפשר קלייבט מען זיך דאָס טאקע צו מיר? אפשר..

באָבע רויזע

(זינגט, ווי דורכ׳ען חלום, מיט א פערשלאָפענעם, שטילען, שוואַכען קול, מיט האַלבע ווערטער:)

„איי... ער... או... טראַ... יאַוואנ...עס צלם
„בעסער.. או... אַ... ו..."

(לאָזט אראָב דעם קאָפּ, און איינגעשלאָפענע.)

רחמיאל

(אין דעמזעלבען טאָן)

„איידער צו טראָגען יאַוואנקעס שווערד,
„בעסער צו ליעגען צעהן קלאפטער אין דר׳ערד."

דריטע ערשיינונג

(אין מיחר בעוויזט זיך חיה־שרה, הינטער איהר פּייוקע מיט אַן ערנסטען פּנים. רחמיאל בעמערקט זיי ניט.),

חיה שרה

געדענק־זשע, פייוועלע! אזוי גיך ווי דו זעהסט זיי און ערך פּאר א וויאָרסט פון דאנען דערלאנגסטו א סוויסטש איינמאָל, צוויי מאָל, דריי מאָל. שטעה אָבער גאָר אויבען.

פייווקע

פערשטעהט זיך. הויך שטעה איך אויף דעם דאַזיגען דעמב, דו געדענקסט? אויף דעם סאמע דעמב... נאָך דאָ פיעל בלעטער, זיי וועלען מיך פערשטעלען...

חיה שרה

(ווייזט איהם אויף רחמיאל׳ן) רייד ניט אזוי הויך.

פייווקע

(אַ ביסעל ניעדריגער) קען זעהן ווייטער ווי א וויאָרסט. וועל זיי

דערקענען. און, חיה־שרה׳לע! גערענקסט די וויצקע דו האָסט ל״ג בעומר פאַר מיר אָבגעשניטען? האָב דערפון א פייפעל געמאַכט. לעג זי צו צו די ליפּען... (ער פּאַסמאַקעוועט זיך.)

חיה שרה

געה, מאַך זיך ניט נאריש! (ער געהט.) רחמיאל! (ער טוט זיך האַסטיג א כאַפּ) וואָס ביזטו אזוי פערטראַכט? קום אהער, זעץ זיך דאָ לעבען מיר, אויפ׳ן באנק... לאָמיר רעדען שטיל: באָבע רויזע האָט איינגעדרעמעלט.

רחמיאל

איז דאָ ניט געוועזען פייווקע ווידער? האָב עפּעס ווי דורכ׳ן חלום זיין קול געהערט.

חיה שרה

יע, האָב איהם געשיקט א גאנג. וואָרום וואָס?

רחמיאל

זעהסטו, חיה־שרה׳לע? זיי איז בעסער ווי אונז: איהר און איהם. באָבע רויזען, מיין איך, און פייווקען. צום האָבען דאגות איז זי, זאָל געזונד זיין, שוין צו אַלט, און ער נאָך צו יונג... ווייסטו? פייווקע... ער דרעהט זיך האָ ארום דעם גאנצען טאָג היינט... פייווקע האָט מיר עפּעס געזאָגט וואָס איך האָב אין פלוג געדאַרפט אליין וויסען בעסער ווי ער. גערעט האָט ער וועגען דיינע אויגען און... עפּעס איז דער זאָג זיינער מיר געווען א נייער. דו ווייסט, חיה־שרה׳לע, א גמרא איז דאָ אין תענית, אז ווען א כלה האָט שעהנע אויגען דאַרף מען שוין ווייטער ניט קוקען.

חיה שרה

געה, געה, נארעלע מיינער, אָבער וואָס מיינסטו מיט׳ען תענית?

רחמיאל

(שמייכעלט אונטער) תענית? דאָס איז די מסכת תענית, אזא ספר אין ש״ס, א גמרא אזוינע. נאָר דו האָסט ניט פיעל געלערנט.

חיה שרה

(סטאַרעט זיך אויך צו שמייכלען) אָה, איך קען דאוונען אין א סדור ווי א מאנסביל. (פאַר זיך) טאַטע־פאָטער, ווי הויבט מען אָן מיט

איהם צו רעדען? (הויך) פייוועקע'ס טאַטע קען אפילו דאָס אויך ניט. צווישען אייך, מאַנסבילען, וואַרפען זיך אויף דורך אַלערליי.

רחמיאל

ווי זאָגט יענער? ווען ניט די ווערעמדיגע, וואָלט מען ארבעס ניט געדאַרפט קלייבען...

חיה שרה

אודאי! אָבער (מיט אַן אָנשטרענגונג) הער, איך מוז דיר עפּעס זאָגען...

רחמיאל

(דערשראָקען) חיה־שרה'לע! וואָס א י ז מיט דיר? עפּעס צי־טערט היינט דער קול דיינער... וואָס אזוינס קענסטו מיר האָבען צו זאָגען, אז דו...

חיה שרה

גאָרנישט, גאָרנישט! בין עפּעס, ניט פאַר דיר געדאַכט, ניט אין גאַנצען.

רחמיאל

דו זאָגסט, דו מוזט מיר עפּעס זאָגען... דו מוזט... וואָס קען דאָס זיין?

חיה שרה

אָט טאַקע, אז דיין גבור'טע איז ניט אין גאַנצען...

רחמיאל

אפשר...?

חיה שרה

דאַכט זיך, נאָך ניט. באָבע רויזע זאָגט, כל זמן עס נוריעט ניט און מע ברעכט ניט איז אַ סימן...

רחמיאל

אַז, הייסט עס, גאָר ניט... אָבער אין דיין קול הערט זיך אַנאַנדערער... ווי זאָל איך דיר זאָגען... 'ס קלעבט זיך ביי מיר היינט עפּעס אויך ניט אַ וואָרט צו אַ וואָרט... הער, חיה־שרה'לע!

חיה שרה

(נעהמט איהם אָן ביי דער האַנד) יע, מיין זיסער...

רחמיאל

חיה־שרה׳לע, דו ווייסט, מיר טוט באַנג וואָס דיין פאָטער איז גראָד איצט אין שטאָדט — אזוי ווייט פון אונז. פאָהרט ער דאָס אַלע יאָהר אַוועג נאָך ימים־טובים?

חיה שרה

נ... ניין, אָבער הער...

רחמיאל

טו פּאַרוואָס עפּעס האי יאָהר?

חיה שרה

איך ווייס ניט... הער וואָס איך׳ל דיר זאָגען.

רחמיאל

וואַרט אַ ווייַלינקע, חיה־שרה׳לע... האָט זיך קהל מיט איהם ניט געזעהען פאַר׳ן אַוועקפאָהרען זיינעם?

חיה שרה

קהל? דאַכט זיך, אַז ניט.

רחמיאל

אימיצער איז נאָך... נאָך סוכות געווען אין קרעטשמע... אַ שטאָטי־נער בעל־הבית, און דער שוועהר האָט זיך מיט איהם, דאַכט זיך, געזעהן...

חיה שרה

קען זיין, אָבער הער... מיר ווילט זיך מיט דיר רעדען... געדענקסטו, ווען דו ביסט פאַר־אַ־יאָהרען אַהער געקומען צו מיר? חתן־ווייז? דער טאַטע האָט דיך געבראַכט צו מיר, כלומר׳שט אזוי גלאַט. האָט געוואוסט אַז מיר ניט מען ניט עפּעס אבי ווענען און, אַ שטיינער, מאַרש צו דער חופּה! ער האָט מורא געהאַט, דו וועסט מיר ניט געפעלען. און אין אָנהויב האָב איך דיך טאַקע ניט געוועלט. נאָר אין אָנהויב... בעת דו ביסט אַריינגעקומען אין שטוב. מיידעל־ווייז האָב איך אַנדערש געקלערט אַ גבר האָט מיין חתן געדאַרפט זיין, אַ מענש, וואָס קען טראָגען אַ ביקס (זי כאַפּט זיך אַז זי האָט זיך אויסגערעט אַ נאַרישקייט, גיט זיך אָבער ניט אונטער) און קען שמעקען פּולווער; אַ חברה־מאַן, וואָס קען קוקען אַ וואָלף גלייך אין די

אויגען. און דו ביסט געווען אזא שוואכינקער, א פוכלינקער, אן איידעלער (גיט איהם א פויער'דיגען קוש) שלים־מזל'ניקעל!... נו, און אט הויבסטו אן צו רעדען... (זי געהט מעהר און מעהר אריין אין אן עקסטאזע) און דיין פנים ווערט עפעס אזוי ווי בעלויכטען פון דער ליכטיגער זון... און דיין קול איז אזוי זיס, און די ווערטער שיטען זיך ווי פערל פון דיין מויל... קיינמאל האב איך א מאנסביל ניט געהערט אזוי רעדען, אפילו ניט אין שטאדט, ווען איך פלעג אמאל קומען צו מוהמע ציפען צו געסט... יע, ווי פערל שיטען זיך די ווערטער דיינע און מיין הארץ, דאכט זיך, שטארבט אב און איך בין עפעס אזוי ווי אין א חלום. און... און... (זי בעהמט אריין זיין פנים איןביידע הענט און קוסט איהם ליידענשאפטליך) און, ווייסטו? עפעס וואקסטו אויס פאר מיינע אויגען... 'סאידא אזא פלאנץ, זאגט מען, 'ך ווייס ניט ווי זי הייסט, וואס מ'קען כמעט זעהן וואקסענדיג... אט ווי זי וואקסטו אויס אין מיינע אויגען און דו זעהסט מיר עפעס אויס גרויס, שטארק, הויך און... און מיר ווילט זיך דיך גלייך צודריקען צום הארצען... גלייך, גלייך! און יאהרען זיינען מיר די חדשים, וואס פערגעהען פאר אונזער חתונה און... דו ווייסט עס ניט... נעכט זיץ איך אב און לייען און לערן... האב מורא די ישוב'ניצע קען דיר אפשר ניט געפעלען...

רחמיאל

נו, מיר זיינען דאך שוין געווען פער'קנס'ט!

חיה שרה

נארעלע! וואס טויג מיר פער'קנס'ען, אפילו מקדש זיין אויב איך געפעל דיר נישט? מיין טאטע האט פאר זיין געלד אפשר געקענט קריגען אן איידעם — א יחסן, א למדן. איך בין ניט מיין טאטע. איך קויף ניט פאר געלד. איך נעהם איהם וואס ניט זיך מיר, אניט שפרינג איך גיכער אריין אין טייך מיט צעהן פוד בליי אויף די פיס... (דער וואנד־זייגער שלאגט 5.) הער־צו, מיין זיסער...

רחמיאל

רייד, רייד! דו ווייסט? אַזוי האָבען מירביידע נאָך קיינמאָל ניט גערעט.

חיה שרה

נו, טו הער־זשע...

רחמיאל

וואַרט אַ רגע. אַז עס קומט שוין יע צו־רייד, לאָמיך דיר אויך עפּעס דערצעהלען; איך וויים, ׳סאיז אפשר אַ נאַרישקייט...

חיה שרה

דערצעהל, זיסינקער.

רחמיאל

דו ווייסט דאָך, אין חומש איז דאָ אַ סדרה „חיי שרה". געהט טאַקע איבער אַכט־טאָג. איז ווען איך בין נאָך אונזער תנאים צוריקגעקומען אין שטאָדט, פלעג איך אַלע טאָג אין קלויז ביין דאַוונען, צו שחרית, צו מנחה און צו מעריב, ווילענדיג־ניט־ווילענדיג, צוגעהן צום אַלמער ספרים, פלעג אַרויסנעהמען אַ חומש, פלעג מישען פערטראַכט אַ בלאַט נאָך אַ בלאַט און שטענדיג פלעג איך אויפמישען די סדרה „חיי שרה" און... לאַך ניט! און פלעג מאָל פּאַר מאָל אַוועקלעגען דעם ספר מיט... מיט אַ קוש. דאַכט זיך וואָס? אָבער פאָרט... אַ נאַרישקייט, ניין?

חיה שרה

ווער וויים! אָבער הער...

(אין טיר בעוויזט זיך סטעפּאַנקע. רחמיאל זעהט איהם ניט. חיה־שרה גיט איהם אַ וואונק ער זאָל אַ ווײַלע וואַרטען — דרויסען. סטעפּאַנקע ציעהט זיך צוריק.)

חיה שרה

(צו רחמיאל׳ן) רעדענדיג פונ׳ם קלויז... האָסט דאָך נאָך ניט גע־דאַוונט קיין מנחה; געה אַריין אין שטוב... סטעפּאַנקע האָט מיר געבראַכט פון שטאָדט איינגעקויפטע זאַכען. איידער דו דאַ־ווענסט אָב בין איך פאַרטיג מיט איהם... מוז דורכזעהן וואָס ער האָט מיר געבראַכט.

רחמיאל

גערעכט, גערעכט, אָבער פּטר איהם אָב וואָס גיכער. (פּאַר זיך) איין נאַט אין הימעל וויים וואָס הא טוט זיך.

פ י ע ר ט ע ע ר ש י י נ ו נ ג.

חיה שרה

וואו נעהמט מען כח מיט איהם צו רעדען ווי מען דאַרף? (קוקט אַרוים דורכ'ן פענסטער און רופט שטילערהייט) סטעפּאַנקע, סטעפּאַן! אהער קום!

סטעפּאַנקע

(רעט אויך שטיל) ניטשעוואָ, באַריניאַ! האָבסט נאָך צייט. זיי זעהען זשיך נאָך ניט. נאָך אין האָלאָזעם, דיאַוואָלי... וויערנאָ, זאָ'ך דיר, באַריניאַ, יעיי באָגו!

חיה שרה

גוט, אויב אזוי האָבען מיר נאָך (קלערט אַ ווײַלע) לכל הפּחות א שעה אָנדערהאַלבען צייט? ביי מיר איז אַליז אָנגעגרייט... פייווקע שטעהט אויפ'ן... וואָך.

סטעפּאַנקע

באַריניאַ! פּאַר וואָס דיין באַטיושקאַ נישט געקעייפט אן אָבוואָט־ניק פּאַר איהם? האָטש איהם, קאַזשים, געלד געגוג, ניע טאַק־לי?

חיה שרה

האָב אוועקגעשיקט... קיינער טאָר דאָס ניט וויסען, סטעפּאַן... א מענשען אין שטאָדט.. דער פּאָטער אָבער מוז זיין אויפ'ן וועג קיין ריגא. אפשר וועט מען דערגעהן וואו ער געפינט זיך איצט, אפשר ניט. ווער האָט זיך געקענט רעכענען אויף אזא'ן אומגליק?

סטעפּאַנקע

מיין באַייטקאַ'ס ווערטער — סלאָווא וו־סלאָוואָ! געדענק, יעיי באָגו! ער געזאָגט ווען איך שוין געוועזט אָבגעגעבען... א וויעד, איך יעמאָלט געוויעזט גאָר א פּיטשוק, דאַזשע פּאַר מיין וואָזראַסט קליין; „קרשקאַ זשידיאָנאָק" פלעגט דיאַדקאַ מיך רופען. אכט

יאָהר אַלט געוויעזט. (חיה שרה קוקט אונרוהיג אַרויס פונ׳ם פענס־טער.) ניע ביעזפּאָקאָייסאַ, באַריניאַ, האָבסט נאָך צייט. אַ זאַ־טיעם פּייוואָקאַ, ער קוק אַרויס... פּייוואָקאַ מאָלאָדיעץ... (שרייט אַרויס דורכ׳ן פענסטער) עיי, פּאַייקאַ! פּייוואָקאַ! דו בראַט, קוק אויס! (באָבע רויזע בורבעלט עפּעס און רייבט זיך די אויגען.)

חיה שרה

האָסט אויפגעוועקט די באָבען. שרייען דאַרף מען גלאַט ניט, סטע־פּאַן.

באָבע רויזע

(נעהמט אַריין דעם פלאַקס־פאָדים אין האַנד און דרעהט, האַלב ניט וויסענדיג וואָס זי טוט, דעם רעדעל און זינגט ווי פריהער:)

„איידער צו עסען יאָוואַנקע׳ס קאַשע,
„בעסער צו לערנען חומש מיט רש״י״.

אָיי־אָיי־אָיי!

סטעפּאַנקע

(טוט זיך אַ כאַפּ) אַ וואָט, וואָט, וואָט! האָט מען אין אונזער צייט געזונגט, באַבאַ! געדיענק, יעיי באָגו, געדיענק! (חיה שרה קוקט וויעדער אַרויס פון פענסטער) דאַראָם, באַריניאַ, האָבסט נאָך צייט. דאַ אי פּייוואָקאַ... ער ניט דרעמליעט. טאַק וואָט, איינ־מאָל, איך שוין געוועזן אַ ריאַדאָוואָיי, אַ גאַנצער סאָלדאַט, זנאַטשיט, פּוראַזשקאַ, שינעל, ביקס, ראַניעץ, אַלץ ווי׳ס פּאָלאָגאַיעט זשיך. אי וואָט קום איך, מיט׳ן פּאָלק מיינעם, קיין סלאָנים... ניט ווייט פון מיין... ווי זאָגט מען עס? פון מיין ראָדינאַ, גיים, זנאַטשיט, וואו איך זשיך געהאָדעוועט... דאָ האָזש מען אונז, פּיעכאָטנע, אָפּרעדיליאַייעט פּאָ בילעטאַם, איבער די בעלי בתים... טאַק וואָט אייני אָוועגד אין יעסען, ווי איצט, זיטשיך מיט אַ טרובקע אין מויל אויף אַ סקאַמייקע פאַר׳ן הויז... (חיה שרה ווערט אַלץ אונרו־היגער) סקאַזאַנאַ, האָבסט נאָך צייט, באַריניאַ! טשעוואָ זשיך טרעוואָזשען פּאָנאַפּראַסנו? נו, זיטשיך און קוק איך אַרויס אויפ׳ן גאַס. פּלוצים, זעה איך אַ גאַנצע סטאַייע קינדער לויפען נאָך אַ ווייבעל, אַבגעריסען, אַבגע...

חיה שרה

(כאַפּט איהם אונטער, קוקענדיג אָן א זייט) אַבגעשלׅיסען...

סטעפּאַנקע

יע, אַבגעשליסען, האַאר ראַספּוסטשעט; ווינט טראָגט אין אַלע זייטען... אויגען אויסגע... אויסגעגלאָצטע ווי ביי א טויטע, אויף איין פּוס טראַנטעס, טריאַפּקי, פּאַנימאייעש, די אַנדערע גאָר הויל, טאַיילקאַ מיט בלאָטע בעדעקט... פּאַרטריקענטע בלאָטע, פּאַנימאַיעש... און זינגט, און וויינט; וויינט, טאַ יעסט, ס נאַפּיעוואַם... מיט א...

חיה שרה

(ווי פריהער) א נגון... נו?

סטעפּאַנקע

דו ווייסט? וואָט ווי אידון וויינען נאַקאַנוניע יום־כפור־א אין אָווענד, אין שול, און דאָס נעהמט דורך און דורך... און די ווער־טער טאָטש־וו־טאָטש ווי באַבושקאַ'ס (באָבע רויזע ווערט אויפ־מערקזאַם) וואָס זשי האָט טאַיילקאַ שטאָ געזונגט... א נוקאַ, באַבושקאַ, ספּאָיי!

באָבע רויזע

(פערשלאָפען און פויל)

„איידער צו טראָגען יאָוואַנקע'ס היטעל,
„בעסער צו זאָגען תהלים א קאַפּיטעל".

אָיי, א חורבן א גרויסער!

סטעפּאַנקע

וואָט, וואָט, וואָט! און די ווייבעל, זנאַטשיט, געהט און זינגט און די רעביאַטשיקעס איהר נאָך... אי וואָט קומט זי נעהנטער... ווידנאַ, קראַסאָטקאַ געוועזן אַמאָל... שטערן הויך, נאָס ווי אָבגע־טאָקט, מיילכעלע ווי ביי זשאַוואָראָנאָק א קליינינקע. 'סווילט זשיך וויינען, יעיי באָגו! (חיה שרה ווערט נאָך אונגעדולדיגער) באַ־ריניאַ, האַבסט נאָך צייט, וויערנאָ גאָוואָריו! טאַק וואָט, ווער'ך געוואַהר אַז ווייבעל ס אומאַ סאָשלאַ, משוגע, זנאַטשיט. מחמת האָט'ן איהר ביאָכידעל, סיראָטקאַ דערצו נאָך, געכאַפּט, ווי מיך,

אַ קליינינקען, אַ ברעקעלע, אי סדאַלי... אַ וואָט, באָבע רויזע, קאַזשים, ווידער איינגעשלאָפען!

חיה שרה

שש... סטעפּאַן! ליכט מאַכען זיך דיינע אויגען צו, באָבע אַלטע... אַהאַ! רחמיאל קומט. סטעפּאַן, טראָג זיך אָב.

סטעפּאַנקע

לאַדנאָ! ׳ך געה. אָבער בוד ספּאָקאָיינאַ, חיה מיכאַיילאָוונאַ, האָבסט נאָך צייט. און מיר מיט פּייוועקען האַלט אויגען אָפען. ניעדאַראָם פּיפּאָוטשוואַנציג יאָהר מיקאָלאַייען געדיענט.

פינפטע ערשיינונג.

חיה שרה

מיר קומט אָן דער רעדען מיט איהם שווערער ווי קריעת ים סוף. (רחמיאל קומט אַריין.) רחמיאל!

רחמיאל

נו?

חיה שרה

זעץ זיך דאָ לעבען מיר. (זיך מאַכענדיג אַ האַרץ.) רחמיאל, דו וואָלסט איצט ניט וועלען לאָזען דיין ווייב און אוועקגעהען, האַ?

רחמיאל

וואָס אי דאָ צו רעדען?

חיה שרה

דו וואָלסט ניט קענען לעבען אָהן מיר, ווי איך וואָלט ניט קענען לעבען אָהן דיר, ניין?

רחמיאל

נו, אודאי!

חיה שרה

וויל מען אונז אָבער פאַנאַנדערשיידען.

רחמיאל

ווי הייסט, פאַנאַנדערשיידען?

חיה שרה

מי וויל דיר פון מיר אוועקנעהמען.

רחמיאל

מיר? פון דיר? וו... ווער א־שטייגער?

חיה שרה

ווער? קהל.

רחמיאל

(עס ווארפט איהם אַ צאָהן אָן אַ צאָהן) קהל? מיך אָבגעבען ווילען זיי פאר א זעל...

חיה שרה

פאר א זעלנער. (זי שטעלט זיך אַוועג בקומה זקופה.) אָבער זיי וועלען דאָס ניט דערלעבען.

רחמיאל

ווי הייסט? זיי וועלען...

חיה שרה

זיי וועלען דיך ניט נעהמען, מחמת איך וועל ניט לאָזען.

רחמיאל

(כסדר ציטערענדיג) קינד, דו! וואָס, לערך, קענסטו, אָט אפילו דו, טאָן אנטקעגען קהל?

חיה שרה

ניט מיט כח, מיט שכל.

רחמיאל

דהיינו?

חיה שרה

האָב פערשפרייט א סלוך, אז דו ביסט, ניט פאר קיין אידען גע־דאכט, זעהר קראנק, אז דו... איך וויל די ווערטער פון מיין מויל ניט ארויסברענגען... ביסט...

רחמיאל

אל תפתח פה לשטן... איך פערשטעה, נו?

חיה שרה

פערשטעהסט זיך, דאָס וועט זיי ניט אָבהאלטען... מענשען ווי זיי

קען מען ניט לייכט מולירען... נאָך היינט ערווארט איך די ניט־געבעטענע געסט... אפשר אין א שעה ארום.

רחמיאל

טו וואָס־זשע?

חיה שרה

מיר וועלען זיי פּאָרט אָבנארען. אלץ איז אָנגעגרייט... זיי וועלען אוועקגעהן מיט ליידיגען. אין עסצימער אונטערן שלאָפבאַנק האָב איך א מכסה... ליכט... אלץ ווי ׳סבעדאַרף צו זיין. דו וועסט זיך מאכען פאר...

רחמיאל

(אין גרויס שרעק) פאַר ט... טויט? ניין, ניין, ניין!

חיה שרה

ליעבסטער, עס איז קיין אנדער מיטעל ניטאָ. מיינסט איך האָב זיך דיר נישט — מיר נישט... מיט א לייכטען הארצען... גענומען צו אזא זאך... אָבער אלע וועגען זיינען אָבגעשניטען. זיי האָבען אויף אונז הונדערט אויגען. וואָלט דער טאַטע געווען אין דער היים, וואָלטען מיר זיך אפשר אויסגעקויפט מיט א גרויסען פדיון...

רחמיאל

חיה־שרה׳לע... דאָס איז דיין טאַטע, נעהם ניט פאר אומגוט... אָבער ער האָט דאָס געטאָן אומישנע... ער איז דערפאַר טאַקע אוועק־געפאָהרען...

חיה שרה

(קאַלט) ניט דו רעדסט, זיסינקער, דער וועהטאָג רעדט אין דיר.

רחמיאל

ניין, ניין! איך וויים וואָס איך רייד. אָט צוליעב דעם גרויסען פדיון איז ער טאַקע אוועקגעפאָהרען... האָט חלילה ניט געמיינט קיין בייז... איך האָב דיר שוין געזאָגט, ער האָט זיך נאָך יום טוב געזעהן מיט א שטאָדטיגען בעל־הבית דאָ אין קרעטשמע... פערשטעה איצט אלץ... אלץ איז מיר מיט אמאָל קלאָר געוואָרען... אלץ... מען האָט פערלאַנגט א גרויסע מטבע... זיינען מסתמא געווען אכוואַטניקעס. דער טאַטע האָט געקלערט, זיי וועלען זיין איידעם, דעם מיוחס, ניט

סמייענען צו נעהמען און וועלען ביז איבערן פריאָם אפילו ניט וויסען וואו ער איז, ביי איהם מיט סטראַשונקעס אַרויסצומאַנעווען גרויסע געלד... איצט איז שלעכט...

חיה שרה

קאָן זיין דו ביסט גערעכט... אָבער איצט טאָר מען וועגען קיין אַנדער זאַך ניט טראַכטען ווי דיר אַרויסצוראַטעווען פון זייערע הענט... איצט וואָלט אפשר שוין קיין גרויסער פדיון אויך ניט געהאָלפען, קהל פעהלען נאָך דריטהאַלבען נפשות... צום פריאָם איז ניט געבליעבען פיעל צייט... אפשר ווילען זיי זיך טאַקע אויף דעם אופן גוקם זיין אָן דעם טאַטען... ווער ווייס? אפשר איז... קאַריק רעדענדיג, זיי טאַקע ענג אין מוח, דערהויפּט אויב זיי געפינען ניט דעם בחור אין האָלאָזעס. זיסינקער, עס איז נור דאָ איין ברירה... (איהרע אויגען ווערען פול, אָבער זי בעהערשט זיך) און דו ווייסט דאָך: איין ברירה איז ק י י ן ברירה.

רחמיאל

אפשר זיך ערגיץ־וואו בעהאַלטען?

חיה שרה

וואו? אין שטאָדט געפינט מען אויך בעהאַלטענע און האָרטען זיינען דאָ אַ סך הייזער און אַ סך ווינקעלעך. דאָ ביזטו אין ערגיץ ניט זיכער. איך טאָר דיר ניט שטעלען אין סכנה...

רחמיאל

ווייסטו אויף קלאָר, אז זיי האָבען אָן אויג אויף מיר?

חיה שרה

טויזענד אויגען...

רחמיאל

ווי דער מלאך־המות! (ער זיפצעט זיך אָב.)

חיה שרה

(אַ ביסעל ערגערליך) רעד ניט אַזעלכע רייד, זיסינקער! איך זאָג דיר, זיי האָבען אויגען אומעטום און היילען זיך אפילו גאָר ניט. זיי קלערען מען קומט און מען נעהמט — זיכער ווי אין קעשענע, — זיכערע יסורים אויף זיי! (אין מיר בעוויייזט זיך סטעפּאַנקע.)

רחמיאל

פון וואנען ווייסטו דאס אלץ?

חיה שרה

שוין נאהנט פון צוויי וואכען זינט איך לאז פון ז י י אן אוינ ניט אראב. (סטעפאנקע קומט אריין.)

זעקסטע ערשיינונג

חיה שרה

וואס ווילסטו, סטעפאן?

סטעפאנקע

ניטשעווא, בארינגיא, האב דיר געוואלט זאגען: האבסט נאך צייט. גיקומען מענש פון האלאזעם אין מיל, מיט ברויט, ס פשעניציי, פאנימאיעש. זאג ער, וועלפקע געקעהרט אום גאנץ דערפעל. זוך ווי מיט ליכט דעם פארען. ווידנא, אנטלאפען שוין לאנג.

חיה שרה

פייווקע אויפ'ן בוים?

סטעפאנקע

דא, בארינגיא, פייווקא מאלאדיעץ!

חיה שרה

(צום מאן) פייווקע, פערשטעהסטו, פייווקע דעם מילנער'ס, שטעהט הויך אויף א דעמב און האלט זיינע שארפע אויגען אפען.

רחמיאל

(בורבלענדיג אונטערן נאז) זיינע שארפע אויגען!

חיה שרה

וואס זאגסטו?

רחמיאל

נאר נישט. אזא בחור ווי פייווקע...

חיה שרה

קומט שטארק צו ניץ. דו ווייסט ניט ווי געטריי ער איז מיר. פאר

מיר איז איהם קיין זאך ניט צו שווער. פון קינדווייז אויף געווען
אזוי. קען זיך אויף איהם פערלאזען.

רחמיאל

(פערטראכט) ווייזט אויס אזוי!

חיה שרה

ווי אויף זיך אליין. בעווייזען זיי זיך (רחמיאל'ן טוט א שוידער)
אין א מהלך פון א וויארסט גיט ער א פייף. דאן האבען מיר
נאך א פערטעל שעה צייט. אלץ איז אנגעגרייט. דו וועסט...
ליעגען אין קאמער... זיי ווערען דיך זעהן פון ווייטען דורכ'ן
טיר... אריינגעהן וועלען זיי ניט סמייענען. קיין אנדער מיטעל
איז ניטא. זיסינקער, ניטא. גאט איז מיין עדות, ניטא!

רחמיאל

אבער אפילו: איי, זיי וועלען ניט גלויבען! וועלען אריינגעהן...

חיה שרה

סאיידען זיי שפרייזען איבער מיר! וועלען ניט סמייענען, זאג
איך דיר. מיין גרויסער קלאג וועט זיי אבהאלטען... וועל זיך
ניט דארפען מאכען קלאגענדיג; מיין צער איז גרויס נענוג און
גרויס איז מיין סכנה, ער אין הימעל וויים! אנב וועלען מיר
באבע רויזען זאגען — איך און פייווקע — אז... דו ווילסט וואס
זאגען? — אז דו ביסט טאקע אין דער אמת'ן... זי וועט גלויבען
און וועט אויך נענוג וויינען.

רחמיאל

אפשר פערשטעלסטו מיך בעסער פאר א...

חיה שרה

פאר א ווייבעל? האב וועגען דעם אויך געטראכט. אבער קודם,
וואו נעהמט מען אין דארף א בריטווע. אבשערען דיין בארד
וועט ניט טויגען. אנב איז דאס שוין אזוי גוט בעוואוסט, אט
דער קוניז, מיין איך, אז עס פאלען דערויף אלע כאפערם פריהער
ווי אויף אלץ.

רחמיאל

און טאמער קומען זיי פארט אריין און הויבען אויף די מ... מכסה?..

חיה שרה

איך זאג דיר, זיסינקער, זיי וועלען ניט סמייענען. אידען האבען חוץ אלע מעשיות, בושה פאר'ן...

רחמיאל

בושה פאר'ן טויט... אמת, אבער זעה, טו א טראכט. אפשר איז פארט עפעס דא אנאנדער פארטעל.

חיה שרה

ניטא, זיסינקער, ניטא! טו ווי איך הייס דיר! (עס הערט זיך א סוויסטש.) שוין! א, טאטע אין הימעל! דערבארעם זיך אויף אונז. (רחמיאל געהט האסטיג ארויס.)

באבע רויזע

(כאפט זיך אויף, רייבט זיך די אויגען) שוין שפעט?

חיה שרה

(ברעכט די הענט) באבינקע, אן אונגליק האט אונז געטראפען! אוים איז מיין וועלט.

פייוזקע

(אריינלויפענדיג, אין גרויס אויפרעגונג) נאך ניט... דערווייל נאך ניטא, חיה־שרה'לע... האב געהאט א טעות!

פארהאנג.

דריטער אַקט

דער צימער פונ׳ם ערסטען אַקט, מעהר־נישט דער גאַרדין אין דער ברייט פונ׳ם צימער איז איצט פערצויגען. דורכ׳ן לייוועגד זעהט זיך דאָס פינקלען פון ליכט אינ׳ם הינטער־גרונד. דרויסען הויבט ביסלעכווייז אָן צו ווערען דונקעל. עס איז שוין אַרום פינף אַ זייגער.

ערסטע ערשיינונג.

חיה שרה

(אין טיר, אַריינקומענדיג) ביזטו זיכער, פייוועלע, אז דאָס האָט זיך דיר נור אָבגעדאַכט?

פייווקע

זיכער, זיכער, חיה־שרה׳לע, וועל דיר ניט נאַרען.

חיה שרה

ווי אַזוי האָסטו דאָס געמאַכט אַזאַ טעות?

פייווקע

האָב געזעהן פון ווייטען אַ גרויסע בויד, פאַהרענדיג אהער־צו־צו, האָב׳ך געקלערט דאָס מוז זיך וועלפקע לאָזען אהער, ער מיט זיינע כת־ליצנים.

חיה שרה

נו, געלויבט דער אויבערשטער דערפאַר! גלייכער אַזאַ טעות איידער, חלילה, פערקעהרט. געה צוריק, פייוועלע, קלעטער נאָך אַמאָל אַרויף אויפ׳ן דעמב און... מילא דיר דאַרף מען האָך ניט זאָגען וואָס צו טאָן. (געהט אַרום אויפגערעגט איבער׳ן צימער און ברעכט די הענט) אַיי, פייוועלע, וואָס וואָלט איך איצט געטאָן אָהן דיר? רחמיאל, דו בלייב אינעווייניג; קום ניט אַרויס, בדאַייער ניט צו רייצען זיך מיט׳ן שטן, ווי דו זאָגסט... רחמיאל!

איך קלער איך׳על פארט ארויסקוקען אויפ׳ן וועג. פייוועלע, בלייב דא מיט רחמיאל׳ן.

רחמיאל

זאם זיך נים! זעה צי׳ז, נאך אלעמען, ניטא ערגעץ אנאנדער מיטעל... די אימה פון לינען אויף דר׳ערד! געה, זעה טאקע אליין... מיין הארץ קלאפט. אפשר איז דער שרעק גאר אין גאנצען אן אומזיסטינגער.

חיה שרה

הלואי, רבונו של עולם! אבער.. (געהט ארויס.)

פייווקע

הערט, רחמיאל!

רחמיאל

(אלץ פון אינעווייניג) נו?

פייווקע

איהר ווייסט? חיה־שרה׳לע האלט דאס בסוד...

רחמיאל

עפעס אזוינס וואס דו איינער ווייסט?

פייווקע

יע, מיר דערצעהלט זי אלץ.

רחמיאל

אזוי? (פאר זיך) זיינע „שארפע אויגען" און איהרע „שווארצע אויגען" — ער׳על׳ע און זי׳על׳ע! אה! (ער זיפצעט זיך אב; צו פייווקען) א סוד, זאנסטו? זי האלט דאס בסוד... נור אט דו וועסט מיר׳ס זאגען, הא? מיר האלטען אויף א דרך, נו?

פייווקע

אייערנעכטען האט חיה־שרה׳לע אוועקגעשיקט דעם טאטענ׳ס א מענש — פון מיהל, פערשטעהט איהר — אין שטאדט אריין זוכען דעם שוועהר אייערן.

רחמיאל

עס וועט מען ניט געפינען... ברודערקע.

פייווקע

האָט מיטגעגעבן אַ שעהנע מטבע; האָט בעפוילען ניט זשאַלעווען קיין הוצאות, אַבי איהם געפינען; האָט אויסגערעכענט אַלע ערטער און ווינקעלעך, וואו ער קען זיך איינגעפינען... היינט פאַרטלען און... ווי רופט איהר האָס... האָט זי אייך! אַ שפּאַס, איהר מח!

רחמיאל

(מיט שטייגענדען פערדרוס אין קול) אזוי! (אונטער'ן נאָז) צו־שמאָלצען ווערסטו גאָר אין דער התלהבות וועגען איהר...

פייווקע

הערט, רחמיאל! זי קלערט, פערשטעהט איהר, דער שוועהר קען דאָ נאָך היינט זיין... אפשר נאָך פריהער ווי וועלפּקע מיט די כאַפּערס...

רחמיאל

(אין אַ פריינדליכערען טאָן) אזוי! און... וואָס בעהאלט זי זיך פון מיר?

פייווקע

מסתמא דאַרף מען... זי ווייס וואָס זי טוט. איהר ווייסט, רחמיאל?

רחמיאל

נו?

פייווקע

אפשר האָט זי מורא... אשטייגער ווען איהר קלערט, אַט־אַט קומט דער שוועהר, וועט איהר ניט וועלען... איהר פּאָלגען, זיך פערשטעלען פאַר...

רחמיאל

פערשטעה, איך פערשטעה, דאַרפסט ניט אויסטייטשען. (קורצע פויזע.) פייווקע, הער!

פייווקע

וואָס זאָגט איהר?

רחמיאל

לאָז זיין... (נאָך אַ קורצע פויזע) דו זאָגסט, דו האָסט מורא פאַר איהר בליק? ניין?

פייווקע

(פער'חלומ'ט זיך) און... און איהר ניט? און, ראַכט זיך, זי איז אַזאַ גוטע. קען איהר פון קינדערווייז אויף. אַ דימענטענע האַרץ, און קוקט זי אייך אָן... עפּעס ווי דער אַסעסאָר אַליין וואָלט אייך אָנקוקען. חיה־שרה'לע, פערשטעהט איהר?...

רחמיאל

(וויל ניט מעהר הערען) דיין טאַטע, ווי אַלט, לערך, קען ער זיין?

פייווקע

(האַסטיג) אין מיכאל'ס עלטער... חיה־שרה'לע, פערשטעהט איהר, רחמיאל, איז אַ ווייבעל עפּעס נאָר ניט ווי אַלע ווייבלעך... זי האַלט אפילו דעם שוועהר אייערן אין די לייצעס... אַלעמען... זי קירעוועט און מע געהט. איהר קענט טרייבען אַ פערד? פון וואַנען זאָלט איהר קענען? איך קען. זי שרייט ניט, זי ליאַרעמט ניט... מע פאָלגט איהר... אַ גוטער טרייבער, בעדאַרף ניט קיין בייטש... וואָס ווייסט איהר, ווער זי איז...? אַ גוטער טרייבער פיהלט די בהמה דעם בעל־הבית אין דעם ציעה מיט די לייצעס... פרעגט ביי מיר!

רחמיאל

(פאַר זיך) מליצה געפינט זיך ביי איהם, דעם שנעק, ווען ער רעט וועגען איהר... און דאַכט זיך, זי איז מיר אַזוי צוגעטאָן...

פייווקע

אָט איז זי! ז'קומט צוריק!

צווייטע ערשיינונג.

חיה שרה

נאָך צייט, נאָך צייט! געלויבט איז גאָט דערפאַר! פייוועלע, איצט געה דו אַרויף אויפ'ן בוים... געה גלייך. (סטעפּאַנקע בעווייזט זיך אין טיר. פייווקע האָט געהאַלטען אין געהן, בלייבט שטעהן.) עפּעס נייעס, סטעפּאַן?

סטעפּאַנקע

אין מיהל געקומט אַ איד מיט טוו... מיט פּשעניצאַ צו מאָהלען, זאָגט, ער געזעהט דיין באַטיושקאַ, — אין שטאָדט־מאָל!

חיה שרה

הלוואי וואָלטען מיר עס שוין זעהן! קען נאָך קומען, מיט גאָט'ס הילף, אין צייט, אָבער מיר פערלאָזען זיך ניט אויף נסים. רחמיאל, דו הערסט? דער טאַטע קען נאָך אפשר באלד קומען. האָב געשיקט נאָך איהם, ער איז אין שטאָדט... פון דעסטוועגען, פּייוועלע, צוריק אויף'ן וואַך! (פּייוווקע אָב.)

רחמיאל

(קוקט אַריין דורכען געעפענטען גאַרדין) חיה־שרה, ווייסט וואָס איך האָב פאַר אַ פּלאַן? דו זאָגסט, אַז פּייוווקע וועט אַ פּייף טאָן וועלען זיי זיין איבער אַ וויאָרסט פון דאַנען, ניין?

חיה שרה

און מיר וועלען נאָך האָבען אַ פערטעל שעה צייט.

רחמיאל

וועל איך דיר זאָגען, וואָס מיר קענען טאָן. סטעפּאַן, דו הער צו מיט קאָפּ...

סטעפּאַנקע

יעשטשאָ־בי! איך שוין הער קאָק סליעדויעט.

רחמיאל

לאָז סטעפּאַן איינשפּאַנען אַ פערד, דעם פלינקסטען וואָס מיר האָבען, איהם האַלטען אָנגעגרייט אין סטאַדאָלע... איך בייט זיך מיט סטעפּאַנען די קליידער... ער איז אין מיין הויף. ווען 'סדערהערט זיך פּייווקע'ס סוויסטש, שטעלט ער זיך אוועק אַ קלאַפּטער צעהן פון הויז... (ווערט אָלץ מעהר אויפגערעגט וואָס לענגער ער רעט) און ווען זיי זיינען אַ קורצען מהלך פון איהם, אַ פערטעל וויאָרסט לערך, טוט ער זיך אַ לאָז לויפען אויף דעם וועג קיין סטאַראָלופּקע. זיי מיינען אַז דאָס בין איך און... און טוען זיך אַ לאָז איהם יאָגען. איך זיץ דערווייל שוין אין דעם וועגעל אין סטאַדאָלע... דו גיסט מיר צו וויסען... אפשר שפּרינגסטו

אליין אריין צו מיר אין וועגעל און... און בעת זיי פליהען ווי די רוחות קיין סטאראָלופקע, פאָהרען מיר קיין האָלאָזעם פון וואנען זיי קומען... און אַז גאָט גיט...

סטעפאנקע

רחמיאל, מאָלדיעץ, יעיי באָגו! איך קען לויפען! כאפען זיי מיר ניט גלייך... לויף דורכען וואלד... בויד קען ניט... פאָנימאַ־יעש... ביז זיי מיר כאפען דו זאַ־גאָראמי! מאָלאָדיעץ, רחמיאל, יעיי באָגו, מאָלאָדיעץ!

חיה שרה

דיין פלאן, זיסינקער, איז אפשר ניט שלעכט, אָבער בויען דארויף קען מען נים. זיי זיינען א סך. דארפען ניט אלע לויפען נאך סטעפאנקען... מיר... איך מיין, זיי קענען לאָזען א פאָאר דאָ ביי אונז... וועלען דאָס געווים טאָן... ווי ריהרען מיר זיך ארוים פון סטאראָלע... אגב קענען זיי גלאט לאָזען אויפ׳ן וועג פון האָלאָזעם א מענשען, אָדער צוויי... מיר קענען זיי ארייכפאָהרען אין סאמע פאסטקע אריין. ניין, טייערער, קיין אנדער מיטעל זעה איך נים. מיר זיינען שוין לאנג ארומגערינגעלט... דאָס פיהל איך ביי זיך... מיר מוזען זיי לאָזען קומען אין שטוב אריין און גאָט וועט אונז פון דער סכנה ארויסטראָגען...

רחמיאל

(פון הינטערן גאַרדין) ׳ך גלויב דו ביסט גערעכט! און קיין אנ־דער מיטעל איז אויך ניטאָ? און באָבע רויזע?

חיה שרה

זי שלאָפט אין פאָרהויז. שלאָפט זיצענדיג. וועלען איהר נים אויפוועקען ביז מיר הערען דעם פייף... האלב וויים זי שוין און איז נעבעך איינגעשלאָפען וויינענדיג.

רחמיאל

און איהר וועט איהר זאָגען?

סטעפאנקע

פאָניאטנאָ! וועט גלויבען, סטארושקא! פאָפלעקציא, סקאזשעם.

חיה שרה

נעווים, געוו ס! ווארט, סטעפאן, וואס האב .. . נעוועלט דיר זאגען? אליז, דאכט זיך, אנגעגרייט? סטעפאן, געדענק, טאמער קומט דיר אוים וואס צו זאגען: שוין א פאאר שעה ווי ער... ער איז... הייסט דאס... ניט געווארען, מיין טייערער!

סטעפאנקע

לאדנא, באריניא!

חיה שרה

און באבע־רוויזען דארף מען אויך אזוי זאגען. איצט געה, מיין פריינד... ווי גוט איהר זייט אלע צו מיר... אה, דער אויבערשטער וועט געבען וועט נאך דער טאטע אונטערפאהרען און מיר וועלען די גאנצע פערשטעלענים ניט דארפען... סטעפאן! הער, נאך וואס! חברה קדישא... דו ווייסט דאך וועמען איך מיין...

סטעפאנקע

וויים איך, וויים איך...

חיה שרה

חברה קדישא, הייסט דאס, זיינען דא שוין געווען... האבען ארא־געהויבען... נאר רעד ניט אויב מען פרעגט ניט... סתם ניט נויטיג צו רעדען... זיי אבער ביי דער האנד... מאלע וואס קען זיך מא־כען... און איצט רחמיאל...

רחמיאל

(שפרינגט ארויס פון הינטערן גארדין) חיה־שרה! חיה־שרה!!

חיה שרה

(קומט האסטיג צוריק) וואס ווילסטו, גוטינקער?

רחמיאל

דארפסטו'ס איהם אזוי נויטיג?

חיה שרה

(אויפ'ן שוועל, רעדענדיג אין גרויס האסט) וועמען? סטעפאנקען?

רחמיאל

ניין, ניין... ניט איהם... איך מיין...

חיה שרה

נאָט איז מיט דיר... וואָס האַלטסטו מיך... די מינוטען זיינען געצעהלטע... זאָג, ניך: וועמען מיינסטו?

רחמיאל

וועמען זאָל איך מיינען? איהם... פּייווקען... קענסט דאָך אָהן איהם גאָר ניט אויסקומען...

חיה שרה

(טוט זיך אַ כאַפּ ביין קאָפּ און זיפצעט זיך אָב) אויסקומען אָהן פּייווקען? וואָס מיינסטו?

רחמיאל

וואָלסט זיך ניט קענען בעגעהן היינט אָהן איהם?

חיה שרה

בעגעהן זיך אָהן א י ה ם? רחמיאל, וואָס רעדסטו? פּייווקע איז דאָך מיין רעכטע האַנד... אַלעמאָל ובפרט היינט... איצט... איהם איז דאָך פאַר מיר קיין זאַך אין דער וועלט ניט צו שווער... ער וואָלט דאָך פאַר מיר אין פייער און אין וואַסער געהן... די פיס וואַשען און די וואַסער טרינקען... ער פאַר מיר, אַ קלייניגקייט... אַ ביסעל!... (זי טוט אַ שפּרייז איבערן שוועל אַרויסצוגעהן.)

רחמיאל

חיה־שרה! הער! איך בעט דיך... אפשר פאַרט... אָה!

חיה שרה

זיסינקער! האַלט מיך ניט... נעה ניך צוריק הינטערן לייווענד... טו, ווי איך הייס דיר...

רחמיאל

דו פערשטעהסט ניט...

חיה שרה

וואָס, רחמיאל?

רחמיאל

איך ווייס ניט... דאַכט זיך אַזוי גאָר ניט, אָבער זעה איך איהם לעבען דיר...? (עס דערהערט זיך אַ פייף נאָט קיין זעהר הויכער.)

חיה שרה

טאַטע אין הימל! גיכער ווי איך האָב געמיינט... סטעפּאַן, דו בלייב דאָ אַ ווײַלע... קען דיר דאַרפֿן... (זי לויפֿט אַריין צו רחמיאל׳ן הינטער׳ן גאַרדין) זיסינקער, טו ווי איך הייס דיר און גאָט וועט אונז אַרויסטראָגן פֿון דער סכנה...

רחמיאל

(הינטער׳ן גאַרדין) ער, כביכול, אַליין קען אונז העלפֿן... (עס דערהערט זיך נאָך אַ פֿייף.)

חיה שרה

זיי מוזען זיין נאָהנט פֿון קרעטשמע... גיך, רחמיאל, מיין לעבן!

פייוזקע

(קומט האַסטיג אַריין) וואו איז חיה־שרה׳לע?

סטעפּאַנקע

אָן, הינטער׳ן קרעטשעם, הא?

פייוזקע

חיה־שרה׳לע, דו הערסט?

חיה שרד

יע, יע, נו?

פייוזקע

וואַרט, איך גיה אַרויס; וועל שטעהן פֿון יענער זייט פענסטער... האַלט עם אָפֿען... וועסט מיך הערען... וועל דערווייל קוקען וואו מען דאַרף... הער־צו! זיי זיינען נאָך ביין קרעטשמע. וועלפקע האָט אָבגעשטעלט זיין בויד... אַריינגעשיקט אהין אַ חברה־מאַן. קלערט, משמעות, מיר בעהאַלטען זיך דאָרטען... קאָפּ ניט אויסגע־דאַרט... הער, חיה־שרה׳לע! ׳ך האָב ביי זיך בורדיוקען, ער וועט נעהמען בילען, ווען זיי קומען נאָהנט אהער־צו־צו! טאָמער ניט, וועל א י ך אַ ביל טאָן ווי אַ הונד. נאָר בורדיוק וועט טאָן דאָס זייניגע... בילט אויף יעדען פּרעמדען פּערד.

חיה שרה

האַלט, פֿון דעסטוועגען, דערווייל די אויגען אָפֿען, פייוועלע! וואַרט, רחמיאל, אָט אַזוי... ניט גערירט זיך בעת זיי קומען אַריין... וועל

נור אויף איין רגע'לע עפּענען דעם גאַרדין... אויף איין רגע... איצט וועל איך אויפוועקען די באָבען... איהר אָנזאָגען... גיב מיר כח, טאַטע אין הימעל. (דערשטיקט די טרערען אין האַלז מיט גרויס אָנשטרענגונג.) פּייוועלע, הייסט עס, ווען איך הער אַ געביל, הויב איך אָן צו קלאָגען, זיך איינהאַלטען איז שווער... סטעפּאַן, געה אַרויס און בלייב ניט ווייט פון טיהר. דו, פּייוועלע, שטעה אַט דאָ ביים פענסטער. (זי געהט אַרויס, הינטער איהר סטעפּאַנקע.) איין רגע'לע, רחמיאל זיסער! איין רגע!

פּייווקע

(הינטער'ן פענסטער, ווי פריהער) סטעפּאַנקע, א י ה ר פּאָלגען און ווייטער גאָרנישט.

סטעפּאַנקע

(אויך דרויסען; ער זעהט זיך ניט) פּאָניאַטנאָ! (לאָזט אַראָב דעם קול) זעהט זיך נאָך גאָרנישט.

פּייווקע

גאָרנישט דערווייל, גאָרנישט! סטעפּאַן, טאָמער וועט נויטיג זיין אַ קלאַפּ?

סטעפּאַנקע

נו, בראַט... ניט געזאָרגט...

פּייווקע

איך בין אויך ניט קיין שוואַכער בחור'ל. אָבער וואַרט ביז זי הייסט. א י ה ר פּאָלגען, פערשטעהסט? (עס דערהערט זיך אַ שרעקליכער יאָמער־געשריי אָהן ווערטער; חיה־שרה קומט אַריין.) דאָס איז באָבע־רויזע! מע האָט איהר אָנגעזאָגט אַז... שוין מיט אַלע־מען. אַ רחמנות אויף די אַלטע...

חיה שרה

(קומט אַריין) די באָבע נעבעך! זי וועט דאָס ניט אויסהאַלטען... רחמיאל'ינקע, שטיל! (עס הערט זיך דער געביל פון אַ הונד.) שוין! (זי זעצט זיך אויף אַ טאַבורעטקע ביים האַלב געעפענטען גאַרדין, מיט'ן רוקען צום פּובליקום, אַריבערגעבויגען איבער רחמיאל'ן) שש... מיין טייערער! (הויבט אָן צו קלאָגען; אַ פּאָאַר מינוט וויינט זי מיט אַ

גרויסען יאָמער אָהן ווערטער, ווען זי הערט די טריט פון די באַפּערס זאָגט זי:)

א העלישער פייער האָט איהם אָנגעצונדען!
אָיי, ווינד און וועה איז מיר!
אָיי, רחמיאל'ינקע, וואָס טו איך איצט אָהן דיר?

דריטע ערשיינונג.

(די טיר עפענט זיך און עס קומען אַריין וועלפקע מיט דריי כאַ־פּערס. אין דעם אויגענבליק הערט זיך ווי היגמער'ן טיר זאָגט:)

סטעפּאַנקע

נאַפּראַסנאַ, נאָספּאָדאַ! ניטאָ דאָ וואָס צו זשוכען. נעשטאָרבען, נאָספּאָדאַ...

(די כאַפּערס בלייבען שטעהן ווי צוטומעלטע; חיה־שרה׳ס קלאָג מאַכט אַ רושם; קוקען פון איהר אויף באָבע־רויזען און פון דער אַלטער אויף איהר; פלוצלונג טוט וועלפקע אַ ציעה אָן אַ זייט דעם פּאָרהאַנג. אויף איין אויגענבליק זעהט זיך פאַר'ן גאַנצען עולם רחמיאל, אַלס אַ מת אויף דער ערד, צוגעדעקט מיט אַ מכסה, צוקאָפּענס און אַ גרויסע וואַקס־ליכט אָן אַ זייט. די גאַנצע צייט האַלט חיה־שרה אין איין קלאָגען. ווען וועלפקע אָדער אַן אַנ־דערער רעט, קלאָגט זי אָהן ווערטער. זי און באָבע־רויזע רעדען קלאָגענדיג דורך די גאַנצע סצענע.)

חיה שרה

אָיי, טאַטע אין הימעל, ווי האַרט שטראָפסטו מיך זינדיג אידיש־קינד!

— ווינד און וועה איז צו מיינע יאָהרען!

— רחמיאל'ינקע, מיין זיסינקער, מיין טייערער, מיין האַר־ציגער, וואָס ווערט היינט פון מיר!

— אָיי, וועה און וויסט איז מיר!

— אָיי, אַ דונער האָט איהם איינגעשלאָגען!

— אָיי, וועה און ווינד איז מיר!

— אָיי, טאטינקע, א בייזער שטורעם האָט א יונגען בוימעלע אויסגעריסען!

— ווינד און וועה איז צו מיינע יאָהרען.

— אָיי, א קאָסע א שארפע האָט איהם ווי א זאנג אָבגע־שניטען!

— רחמיאל, טייערער, איידעלער, יחסן, געלערנטער מיינער, וואו קומסטו איצט אהין?!

— אָיי, רחמיאל׳ינקע, די שכינה האָט דאָך אויף דיר גע־רוהט!

— אָיי, פון א ליכטיגע שטוב אין א פינצטערע גרוב!

— אָיי, פינצטער ווערט דאָך מיר אין אלע פיער ווינקעלעך מיינע!

— טאטע, בארמהארציגער, פאר וואָס קומט דאָס מיר?

— אָיי, פאר וואָסערע זינד האָסטו מיר אזא שווארצען יאָהר אָנגעשריבען!

— אָיי, וויסט און ווינד איז מיר!

— פאר וואָס קומט מיר אזא פינסטערע חתמנו, גרויסער גאָט אין הימעל?

— אָיי, וועה איז מיר! (זי וויינט ווייטער, אָהן ווערטער.)

וועלפקע

כלאָפּצעס, ׳ס ווייזט אוים מיר קריעגען א טויטען העכט אין נעץ אריין.

אַ כאָפּער

האָט טאקע געלוינט, ווי איהר זעהט מיך א אידען, צו פליעהען ווי די רוחות צו א נאָוואָבראַנעץ אויפען טהרה־ברעט!

אַ צווייטער כאַפּער

און דערווייל קען אונז אנטרינען דער יונגער בוים פון סטאראָ־לופקע.

ערסטער כאַפּער

אנטרינען! א ליארעם איבער דער גאנצער גובערניע און געכאָפּט א קריינק! עסקים, ווי איהר זעהט מיך א אידען.

צווייטער כאַפּער

קרינגען מיר איהם ניט אריין היינט ביי נאַכט אין זאַק אריין, קענען מיר איהם מאָרגען שיטען זאַלץ אויפ'ען עק.

ערסטער כאַפּער

קומט, אידען, מיט איהם וועט זיך שוין חברה־קדישא ספּראַווען. מיר דאַרפען סחורה. וואָס צאַפּעלט זיך אין נעץ. קומט!

וועלפקע

ציעה אויף! וואָס ברענסטו? (צו באָבע־רוייזען) הערט, אַלטע, ווען איז ער געשטאָרבען?

באָבע רויזע

(קוקט איהם אָן און קלאָגט שטילערהייט ווייטער.)

וועלפקע

ווען איז ער נפטר געוואָרען?

באָבע רויזע

(קלאָגענדיג) ווער? ער? היינט איז ער געשטאָרבען, היינט איז ער ניט געוואָרען.

וועלפקע

נו? און די לויה? מיט חברה־קדישא מושווה געוואָרען?

פּייוועקע

(דורכ'ען פענסטער) אייער עסק, ניין?

וועלפקע

וואָס? אָה דו סמאָרקאַטש איינער! ער רעט אויך! א פּיסק א ביסעל!

חיה שרה

(קלאָגענדיג) נזלנים! האָט איהר דאָס קיין אנדער אָרט ניט? אָיי, א וויסטער קלאָג צו מיר!

ערסטער כאַפּער

נו, וועלוועל, וואָס מאַרודען מיר האָ. אין סטאַראָלופּקע וויים מען געוויס שוין אז מיר זיינען אויפ'ן וועג. נאָך א ווײַלע געפינען מיר דאָרטען א פּוסטען נעסט.

וועלפקע

נערעכט, בראַט, נערעכט! מע דאַרף נעהן ווייטער. כלאַפּצעס, נאַפּראַוואָ שאַגאָם, מאַרש!

חיה שרה

(הויבט נאָך העכער אויף דעם קול)

— אָיי, רחמיאל׳ינקע מיינער! אָיי, וועה איז מיר!

— איצט קומען די קברנים און איך האָב מיין וועלט פערשפּיעלט!

— אָיי, רבונו של עולם! פאַר וואָס בין איך אַ לעבעדיגע פון מיין מאַמעס לייב אַרויס?

— אָיי וועה איז מיר!

וועלפקע

(בעווייזט זיך פון דאָס נייע אין טיהר) כלאַפּצעס, אהער־צו־צו! אפשר — אַ מאָלאָ וואָס קען זיך טרעפען? — אפשר מולירט מען אונז און... דער בעל־דבר איז גאָר ניט טויט? וואָס זאָגט איהר, חברה?

חיה שרה

(מאַכט זיך ניט הערענדיג און קלאָגט אין דעמזועלביגען קול, אַתן ווערטער.)

וועלפקע

אַמאָל טוט אַ איד אַ אידען אָב אַ שפּיצעל און נאַש־בראַט איז די כפרה.

ערסטער כאַפּער

שטות! אַ ווערטעל איז ביי אונז דאָ: „זאָגט מען געשטאָרבען — גלויב!“

וועלפקע

ניט אין צייט פון אַ נאַבאָר, ר׳ קרוב! דאָ קען אַלץ טרעפען. וועלטען, פערשטעהסטו מיך, קעהרען זיך אין אַזעלכע צייטען איבער; נסים געשעהען פון אָנהויב נאַבאָר ביז לאחר הפריאָם. איך, פערשטעהט איהר מיך, כלאַפּצעס, בין פון די אַלטע היהנער־פרעסער. וואָס איך האָב זיך מיט מיינע אויגען אָנגעזעהען ביי

אונזערע אידעלעך אין מיין צייט וואָלט מען נעמענגט אין אַ מעשה־ביכעל אריינשטעלען! געזעהן האָב איך, כלאָפּצעס, ווי נאָכ'ן פּריאָם זיינען בעהאַלטענע, ווי קראָטעס, פון דער ערד ארויסנעקומען; בלינדרע האָבען וויערער אָנגעהויבען צו זעהן, טויבע זיינען הערענדיג געוואָרען און שטומע האָבען אָנגעהויבען רערען. אַ קשיא אויף אַ מעשה, ווער וויים? אפשר ווערען טויטע לעבעדיג?

ערסטער כאַפּער

ווארום, וואָס מיינסטו צו טאָן, וועלוועל?

וועלפקע

טשאַרט איך זנאַי! ׳ך קלער, שאַדט ניט אַ קוק צו טאָן?

חיה שרה

(אין מיטען קלאָגען) דו וועסט ניט סמייענען, רוצח! ניט נענוג דיר איבערענטפערן אידישע קינדער אין גוי'ישע הענט, וועסטו נאָך קריעכען מיט דיינע טריפ'ענע לאַפּעס צו אַ ברמינן, אַ טייערן! (מיט אַ שרעקליכען יאָמער־קול) אָיי, גאָטינקע, איז דאָס נאָך מיין מאָס ניט געווען פּארפול, אז דו האָסט די שדים אויף מיר אָנגעשיקט? אָיי, אַ גרויסער קלאָג איז מיר געשעהן!

באָבע רויזע

(הויבט אָן העכער צו קלאָגען.)

ערסטער כאַפּער

זאב־וואָלף! ביזט, דאַכט זיך, אַ איד ניט קיין נאַר, וואָס דראַפּעסטו זיך אויף גלאַטע ווענט? וואָס מאַכסטו זיך צום נאַרען?

חיה שרה

צום נאַרען? אַ גזלי אין וואַלד וואָלט אזוינס ניט געטאָן? אָיי, וועה איז מיר!

וועלפקע

וויבעל! מוסר ניט! וואָס מען דאַרף טו איך און פאַר קיין ספּאָדניצע האָב איך ניט קיין פחד. (אין אַ וויבערן טאָן) פערשטעהסט?

ערסטער כאַפּער

זאב־וואָלף! הער מיך אוים! איהר, וויבעל, שרייט ניט אזוי.

לאָזט אַ מענשען רעדען. אָט ווי דו זעהסט מיך דאָ, ברודער־לעבען, וואָלט איך גיכער אין פייער שפּרינגען, אין אַ פּוסטע חורבה נעכטיגען מיט די ניט־גוטע אָהן אַ מזוזה, — אַלץ, הערסטו? אַלץ, גיכער איידער זיך לעגען אויף דער ערד אונטער אַ מכסה, מיט ליכט ארום זיך, מיט'ן נאָנצען מעבר יבוק, אויף דעם אופן!

צווייטער כאַפּער

(װעלפקען אין אויער) און זעה נור אָן אַ ביסעל די אַלטינקע מיט דער אַלמנה. דאָס איז ניט געמאַכט, ר' וועלוועל... דאָס איז... פאַר איין גוט וואָרט הויב איך אַליין אָן כליפּען.

וועלפקע

נו, אַז צוויי זאָגען שכור, מוז דער דריטער זיך לעגען שלאָפען... הגם נסים, כלאַפּצעס, נעשעהען אין נאבאָרען: האָב זיך ניט נעכ־טען פון איי ארויסגעקאָלופּעט און וועלוועל־חנה־ציפּעס האָט עפּעס געזעהן און געהערט, אָנגעזעהן זיך און אָנגעהערט זיך... אין זיין צייט. ניט אַ שמעק טאַבאַק, ר' קרוב! (דער ערסטער כאַפּער גיט איהם) און אָנגעשמעקט זיך האָבען מיר אויך זינט מיר זיינען פון די ווינדעלעך ארויס... ניט ליאַדי נאָז איז אַ שמעקער, ר' קרוב!

חיה שרה

אָיי, ווערה איז מיר! וואו ער האָט זיך אָוועקגעשטעלט דרשה'נען, דער ימח־שמו'ניק! אָיי, ווערה איז מיר! ווינד איז מיר!

ערסטער כאַפּער

טאַקע אַזוי, ר' וועלוועל, פאַר אייער מענה־לשון איז דאָ ניט דער אָרט. איהר, ווייבעל, דאַרפט פון דעסטוועגען, בושה האָבען פאַר אַן עלטערן. און הערצער האָבען מיר אויך. אייער צער אוודאי גרויס... ווער פערשטעהט דאָס ניט. האָב אַליין ערסט פאַר אַ יאָהרען אַ טאָכטערל, ווי אַ בלום האָט דאָס געבליהט, אויפ'ן פּלונגיאַנער בית־עלמין אוועקגעלעגט...

וועלפקע

הייסט עס, כלאַפּצעס, וילך... מיר נעהען! הא?

(ער און די כאַפּערס געהען אַרויס. חיה־שרה הויבט אויף דעם קאָפּ, הערט אָבער ניט אויף צו וויינען. באַבע־רוויזע קלאָגט אויך:

וויי פריהער. פייוועקע ביין פענסטער דרויסען קוקט נאָך די כאַפּערס און ווינקט צו חיה־שרה׳ן. אַזוי פערגעהען לערך צוויי מינוט. ענדליך בויגט זיך פייוועקע איין און גיט אַ ביל.)

ווערפקע

(בעווייזט זיך ווידער אין טיר) כ׳לעבען ער איז געדעכט, דער גוי, דער בעל־עגלה אונזערער! וואָס הייסט דאָס עפּעס אַוועקגעהן נאָר מיט ליידיגען? שייך איז דאָס אין מיכאל׳ס שטוב ניטאָ א פּלעשעל אָדער צוויי... און אַז געשטאָרבען איז וואָס? אַ שנאַפּס מאַכט חברה־קדישא אויך. (פּאַר זיך) אַ רחמנות אויף די ווייבעל איז שוין גאָר אַ גרויסער, אָבער, קודם (אין דער הויך, מיט אַ נאַרישען שמייכעל) קודם, ווי זאָגט יענער? „אַז מי שטאַרבט ווען מ׳יז יונג איז אויף דער עלטער ווי געפונען". און קהל׳ס גומען איז טרוקען. נו, מאַכט ניט קיין שהיות! אַ זופּ אהער, און טאַקע אַ פייערדיגען, עפּעס אַזוי אַ... פינף און נײַנציגער!

חיה שרה

(מאַכט זיך ניט הערענדיג און קלאָגט אָהן אָן אויפהער.)

באָבע רויזע

זופּען זאָלט איהר סם, איהר, בייזע העלזער! וועה איז מיר וועה איז צו מיינע אַלטע יאָהרען... דאָ ליעגט אַ ברמינן אויף דער ערד (חיה־שרה דערלאַנגט אַ היסטערישען געשריי) און זיי, די טייוואָלים, די רוחות, די כת־ליצנים, די... די... פערוועלט זיך משקה... אַיי, אַ גרויסער קלאָג צו אייך!

ערסטער כאַפּער

(קומט אונטער) זאַב־וואָלף, ניט שעהן כ׳לעבען! אנב ווערט שוין פינצטער. לאָמיר זיך זעצען אויפ׳ן פוהר. קום!

ווערפקע

מילא, געהט מען! איהר, אַלטע מכשפה, שילט ניט, איהר הערט?

ערסטער כאַפּער

קום, קום! מיט וועמען ער שטעלט זיך דאָ ווערטלען? האָט

זי געשאָלטען! א פּאַרביטערטע האַרץ... און, אגב, ווי זאָגט מען? פון מויל אין בוזים אריין איז נעהנטער. קום, ס׳ווערט שפּעט.

(זיי געהען אַרויס. חיה־שרה הויבט אָן נאָך שטאַרקער צו קלאָגען. פּייוועקע קומט נעהנטער צום פענסטער. לאָזט פון חיה שרה׳ן ניט אַראָב די אויגען, אַליין שוין פול מיט טרעהרען. חיה שרה דער־זעהט איהם און ביסלעכווייז וואַרפט זי אַריין אַ וואָרט קלאָגענדיג. פּייוועקע פערשטעהט איהר.)

חיה שרה

אָיי, וועה איז מיר! אָיי, דו פינסטערער מזל מיינער, וואָס ווערט דאָ הײנט פון מיר? אָיי, פּייוועלע, די האַרץ זאָגט מיר די שדים קעהרען זיך נאָך אומעט!

פּייוועקע

(מאַכענדיג מיט די הענט גיט ער איהר צו פערשטעהן, אַז ער הויבט אָן צו בילען אויב זיי ווייזען זיך ווידער.)

באָבע רויזע

חיה־שרה׳לע!

חיה שרה

וואָס ווילט איהר, באָבעניו?

באָבע רויזע

איך? וואָס איך וויל? וואָס זאָל איך וועלען?

חיה שרה

האָט איהר מיר ניט גערופען? אָיי, וועה איז מיר!

באָבע רויזע

איך? הא? יע... צוטומעלט איז דער מח מיינער, דער אַלטער! עפּעס... געוועלט האָב איך... אָיי, וועה איז אונז אַלעמען, הער!

פּייוועקע

(לאָזט זיך אַראָב און טוט אַ שטילען ביל אין צימער אַריין.)

חיה שרה

שווייגט באָבע, זיי קומען צוריק אַהער! (זי און די באָבע קלאָגען ווייטער אויפ׳ן קול, אָהן ווערטער.)

פּייווקע

(אין טיהר) איצט, חיה שרה, רעדען זיי מיט מיר. ענטפּער זיי דו גאָר ניט. איך און בורדיוק וועלען זיך מיט זיי ספּראַווענען, האָב קיין פּחד ניט.

חיה שרה

(אַלין קלאָגענדיג) פּייוועלע, זעה, לאָז בעסער דיינע איבערגעהן. מאַך ניט קיין מהומה און... טאָמער ווילען זיי קאַריק אַריינקומען אהער, לאָז זיי... זיינען זיי נאָהנט?

פּייווקע

האָבען זיך אָבגעשטעלט. עפּעס זיינען זיי זיך מישב. איין כאַפּער ווייזט מיט'ן פינגער אויפ'ן קרעטשמע. בורדיוק, בורדיוק! (דער הונד הויבט אָן צו בילען.)

באָבע רויזע

פּייווקע, גזלן, טרייב אוועק דעם כלב דיינעם... דאָ ליעגט אַ בר־מינן און... און איין וואָרט מי בילט! וועה איז מיר!

חיה שרה

(אַלין קלאָגענדיג) רחמיאל'ינקע, נאָך אַ ווייל'ע וואַרט, מיין טייע־רער! אָיי, ווי ביטער און פינצטער איז מיר היינט! ריהר זיך ניט, טאָמער קעהרען זיי זיך אום'עט!

פּייווקע

בורדיוק! (ביין פענסטער בעווייזט זיך וועלפקע) וואָס שוין וויע־דער?

פ י ע ר ט ע ע ר ש י י נ ו נ ג.

וועלפקע

(אין טיר) דו, קליין כאַרמאַגאַיי, בושה פאַר אַן עלטערן! וואָס פאַר אַ ליאַרעם די ווייבער מאַכען! הער־זשע! ווי ווייט איז פון דאַנען צו סטאַראָלופקע?

פּייווקע

גוטע צעהן וואָרסט.

וועלפקע
איז דער בריקעל איבערן אַזערע נאדיאַזשנע?

פייוועקע
איהר רעט ווי אַ נאטשאלניק. וואָס מיינט איהר?

וועלפקע
אונזער בויד איז אַ שווערע... איז זיכער?

וועלפקע
געהמט דעם אנדערן וועג?

וועלפקע
וואָסער׳ן?

פייוועקע
פארביי מיין טאטענ׳ס מיהל, פאזע וואלד, ארוף בארג, צו פאַן טארקעוויטש׳עס מאיאָנמיק צו.

וועלפקע
איז דאָס פיעל וויימער ווי יענער וועג?

פייוועקע
איהר לעגט אויף אַ וויאָרסט דריי־פיער.

וועלפקע
און דער בריקעל, זאָגסטו, איז ניט זיכער?

פייוועקע
איך זאָג? איך זאָג גאָר נישט. אליין רעט איהר, אליין ענטפערט איהר זיך.

וועלפקע
אַ הינטישע מויל אַ ביסעל! ווען ניט דיין טאטע, וואָלסטו ביי מיר געכאַפט אַ פּאָאר פלאַם־פּייעַר־דיגע פעטש... די אויגען וואָלטען דיר פון קאָפּ ארוים, חצוף דו איינער.

פייוועקע
(מיט אַ קוק צו חיה־שרה׳ן צו) לאָז מיינע איבערגעהן.
(וועלפקע געהט אַוועק, פייוועקע קוקט איהם נאָך.)

חיה שרה

טאטע אין הימעל, וועט דאָס גאָר קיין סוף ניט נעהמען? אָיי, וועה איז מיר?

פייווקע

האַלט אָן, חיה־שרה׳לע! דער שווארץ־יאָהר וויים זיי... זיצען דערווייל נאָך ניט אַלע אין פוהר... האַלט אָן, דיין קול דערגעהט ביז דאָרטען... טאָרסט ניט אויפהערען קלאָגען... זיי זעצען זיך... וואָס אי דאָס? א נייער ׳שווא־דעת! איינער פון זיי קריעכט צוריק אראָב פון וואָגען. נעהם אהער!... (חיה שרה הערט איהם ניט.) בורדיוק! בורדיוק! (טוט אַליין א ביל אין פענסטער אריין.)

פינפטע ערשיינונג

ערסטער כאָפער

יונגער בוים! גיט אונז א לאַכטערנע. האָבען דאָ אומזיסט און אומנישט ארום אייך געפּאַדעט, צו אַלדי שווארץ יאָהר, און דער־ווייל איז שפּעט געוואָרען. וועג אויף לעננער ווי גערעכענט. וועלוועל חכם! קאָב־ציבע־פּאראַליץ!

פייווקע

באָבע־רויזע! באָבוניו!

באָבע רויזע

וואָס אי?

פייווקע

איז דאָ א לאַמטערנע אין שטוב?

באָבע רויזע

וואו? אין שטוב? א לאַכטערנע? דאכט זיך אז יע.

פייווקע

וואו׳ז עס? וועל געהן זוכען.

באָבע רויזע

צו־וואָס דארפטו א לאַכטערנע?

פייווקע

ניט איך דארף, דעם איסבאָרשטשיק'ס מענש דארף. וואו? זאָגט וואו? גיכער, באָבוניו!

באָבע רויזע

זעה, זעה, אַנגעשפּארט, הא?ווארט, ווארט, 'ך על ברעננען. אליין וועל איך ברעננען... א ביסעל אַנגעשפּארט! 'ך געה. (זי געהט לאַנגזאַם, וויינענדיג, ארוים פון צימער.)

כאַפער

הער, יונגער בוים! נעהנטער אהער קום! (פייווקע בלייבט [פון דרויסען] ביין פענסטער.) נו, איז רעכט אזוי; הער־זשע!

פייווקע

נו? רעט שוין, רעט!

כאַפער

זי ליארעמט, נעבעך, אזוי! א גרויסער וואויל־לערנער געווען רחמיאל, ניין?

פייווקע

געווען, געווען!

כאַפער

דער באָברויסקער חריף! געהאט א שם, ניין?

פייווקע

זי וועט דאָס ניט אויסהאלטען.

כאַפער

לאנג נאָך זייער חתונה?

פייווקע

הערט, שטארבט א ווייבעל פון שברי־לב?

כאַפער

טרעפען קען אליץ? דו ווייסט? אזעלכען ווי איהם איז נאָר א שאָד אַבצוגעבען פאר א זעלנער, ביי מיינע אידישקייט! נאָר ווער איז שולדיג? מיכאל אליין. האָט גענומען קהל אויף זיכער... א שטייגער זיין רחמיאל'ן וועט מען זיך ניט אַטוואזשען צו נעהמען... א יחסן, א למדן, א זיידענער יונגער מאנטשיק... גראָבער

יונג, רייך ווי קרח... דארף ניט קיין אַכוואַטניק... מי וועט זיין אײדים ניט סמייענען צו נעהמען... קאָב־ציבע־פּאַראַליץ!

פּייווקע

און, ר׳ איד! הערט! אַז, הייסט עס, מע שטאַרבט פון שברי לב איז דאָס, הייסט עס, טאַקע פּלוצלונג, גענומען און געשטאָר־בען? אָדער...?

כאַפּער

פרעג מיר א גרינגערעזאַך... ער, עליו השלום, הער איך איז געווען נאָר פון גרויסע מיוחסים, געקנאַטען און געבאַקען פון רבנים, זאָגט מען, מעהר נישט פון אָרעמע עלטערן. פאַלט דאָס אַזוינער אריין צו א ישוב׳ניק, א גראָבע פּוזע, אין די הענט...

פּייווקע

זאָגט איהר, מען נעהמט און מע שטאַרבט! הא?

כאַפּער

וואָס דולסטו א מח? (אַריבערקוקענדיג צו חיה־שרה׳ן) און דאָס הערט ניט אויף צו קלאָגען... א גרויסער רחמנות, ווי דו זעהסט מיך א אידען. הער, יונגער בוים, זי, די אלמנה, משמעות, זעהר א געלערנטע, ניין? קלאָגט, דאַכט זיך, מיט פּסוקים? ניין?

פּייווקע

און דיר־נישט, מיר־נישט טויט? עס נעהמט אָן אַן אימה...! (אין אַ ניעדריגערען קול) זי איז א געלערנטע... מעהר געלערנט פאַר אונז אַלע בײדע... א בת־יחידה, פערשטעהט איהר, א מלמד פאַר איהר געהאַלטען... עפּעס א שפּאָס חיה־שרה׳לע!

כאַפּער

דו ווייסט? עס פערנעהמט פאַר׳ן הארצען ווען מי הערט א יונגע ווייבעל אַזוי קלאָגענדיג. נאָש־בראַט איז דאָך צו יללות געוואוינט, מעלדיך, אָבער... איי, זאָמט זיך די באָבע...

פּייווקע

און, ווייסט איהר? זי האָט אייך כח, האָט זי! און פלינק איז זי אייך! לויפען, שפּרינגען, טאַנצען! מיט ליכט צו זוכען,

אוינגען אויסצוקוקען, אזוינע געפינט איהר ניט פון סאַט ביז ריטע־ווע... פעטער!

כאַפּער

די לויה וועט מסתמא זיין מאָרגען פריה, ניין?

פייזוקע

(שאָקעלט אונבעשטימט מיט'ן קאָפּ.)

כאַפּער

בלי נדר! אויב מיר פאָהרען דעם וועג קאַריק פון סטאַראָלופּסע, קום איך צו דער לויה... הערסט? איך קום, ווי דו זעהסט מיך א אידען!

(עס דערהערט זיך פון ווייטען וועלפּקע'ס קול, אונגעדולדיג און אין כעס שרייענדיג: „נו...?“)

כאַפּער

(שרייט צוריק) מי'ז געגאַנגען נאָך א לאַכטערנע. (צו פייזוקען) איי, זאַמט זי זיך די אלטע? א יאָהר א ריהר! שיק אזעלכענע, ווי דער ווערטעל געהט, נאָכ'ען מלאך המות, וואָלט רחמיאל גע־לעבט און געלעבט... אהא! אָט איז זי און שלעפּט א לאַכטערנע און א רעכטס... אָבער א גאַנג א ביסעל! (וויל צוגעהן נעהמען די לאַמטערנע.)

באָבע רויזע

(אין א וויינענדיגען קול, ווי פריהער) כאַפּ ניט! וואָס אי דאָס פאַר א בייזע היילענים אויף דיר..? פאַר'ן כאַפּען ניט מען ביי לייטען איבער די הענט. אָיי, וועה איז צו מיינע יאָהרען!

כאַפּער

ניט, באָבע, ניט! מאַכט ניט קיין שהיות!

באָבע רויזע

ניט? וואָס הייסט ניט? וואָס פאַר א מחותן זייט איהר צו דער לאַכטערנע? פיעל אויף איהר די בויך אייך ווערט געטאָן? ניב איהם?! אָיי, א חורבן א גרויסער!

פייווקע

ניט איהם, באָבע! ניט איצט איז די צייט זיך צו רייסען מיט זיי...

באָבע רויזע

ווער רייסען? וואו רייסען? אָיי, א חורבן א גרויסער! (צום כאַפּער) נאַ־דיר, אָבער ברענג עס צוריק, דו הערסט? אָיי, אָיי, אָיי! אַלע ביינער ברעכען מיר... חיה־שרה, מיין קינד! וועל געהן זיך צולעגען א ווײַלע. (געהט לאַנגזאַם אַרויס, מיט אַ שטילען געוויין.)

(דער כאַפּער האָט גוט בעקוקט די לאַמטערנע, האָט זיך בעוואָרענט אַז ער האָט שוועבעלעך; געהט אַרויס. פייווקע קוקט איהם נאָך מיט אַן אָנגעשטרענגטען בליק. אַ קורצע פּויזע.)

פייווקע

חיה־שרה'לע! זיי זעצען זיך שוין אַלע אויס אויפ'ן פוהר. אַלע, דער איד מיט דער לאַמטערנע קריעכט אויך אַריין! (ער ציעהט אָב דעם אָטהעם.) אַה, א סוף־אַן־עק! פּטור פון זיי!

(עס הערט זיך ווי אַ וואָגען טוט אַ סקריפּע און דער קנאַל פון אַבייטש.)

חיה שרה

(צום ערסטען מאָל אין איהר געוועהנליכען קול) אוועק, די מלאכי חבלה! געלויבט זיין הייליגער נאָמען דערפּאַר... איצט, וואַרט, פייוועלע! קוק אַרויס אויפ'ן וועג... זיי קענען נאָך חלילה צוריק־קומען... אויף זיי א קשיא! וואו איז סטעפּאַנקע?

פייווקע

ער מוז זיין אויפ'ן וועג. וויל אויך זיין זיכער, אַז מיר זיינען פּטור פון זיי.

חיה שרה

(צום מאַן צו) רחמיאל'ינקע, נאָך עטליכע מינוט ליעג אַזוי... ריהר זיך ניט פון אָרט... מי דאַרף זיך אויף אַלץ ריכטען מיט אַזעלכע טייוואָלים. (ווערט אַלץ אויפגערעגטער) נו, פייוועלע?

פייווקע

(פון יענער זייט פענסטער) אוועק, דאַכט זיך, אוועק... איצט שוין

מיט אַלעמען... הער, חיה שרה, דער כאַפּער וואָס איז צוריקגעקומען נאָך דער לאַכטערנע...

חיה שרה

(אין אַ נייעם שרעק) יע... יע!

פּייזוקע

קלייבט זיך אַהער מאָרגען פריה. וויל זיין ביי דער לויה... מאָרגען טאָר דאָ אין הויז קיין שריד ופּליט ניט בלייבען.

חיה שרה

פערשטעהט זיך, וואָס אי דאָ צו רעדען! היינט אויך ניט. ניט דאָ אין שטוב... אפשר ביי אייך אין מיהל... לאָז גור גוט פינסטער ווערן. (צום מאַן צו) רחמיאל, זיסינקער מיינער, נאָך איין מי־נוט! אפשר אַ האָרעלע לענגער... נאָך איין ווייל־ינקע... פּייוועלע, דו בלייב ביין פענסטער... בעסער אויפריכטיג זיין... איך לויף ארויף אויפען בוידעם... וועל צורעכט מאַכען אַ געלעגער, טאָמער מוז ער דאָ פאָרט נעכטיגען היינט... (זי געהט אַרויס.)

פּייזוקע

(רופט דורכ׳ן פענסטער) רחמיאל, רחמיאל! האָט ניט קיין מורא, עגטפערט! זיי זיינען אוועק! ווי איך בין אַ איד — אוועק! אביסעל איינגעשראָקען! ער ענטפערט ניט. (שפּרינגט אַריין דורכ׳ן פענסטער.) לאָמיך אַ קוק טאָן... (רייסט פאַנאַנדער די גאַר־דינען. אויף דער ביהנע איז דונקעלער געוואָרען: איין ליכט איז אויסגעגאַנגען. מען זעהט רחמיאל׳ן אויף דער ערד). רחמיאל! רחמיאל! קיינער ניטאָ, קיינער ניט! אוועק מיט אַ נאָז... געוועלט בייקומען חיה שרה׳לען, ניט דערלעבען וועט איהר׳ס! שטעהט אויף, רחמיאל, שט... אָט איז זי אַליין.

חיה שרה

פּייוועלע! איצט פערשליס טיר און טויער! וואַרט, איך׳ל אַליין ארויסלויפען אַ קוק טאָן. (לויפט אַרויס און קומט באַלד צוריק.) גאָט צו דאַנקען, ארויס פון סכנה... זעהט זיך קיינער ניט... פון יענער זייט, צו האַלאָזעם צו, הערט זיך אַ בייטש... געוויס אַ בריטשקע... אַ פריץ פאָהרט... און אפשר... קלערסט, זיי קענען

אונז אָבטאָן אַ שפּיצעל און זיך אומקעהרען טאַקע ווען מיר מיינען אַז מיר זיינען... שוין גאָר אַרויס פון זייערע לאַפּעס? לאָז... אָבער מיר זאָגט די האַרץ אַז ניין. לאָז שטעהן אַ שטוהל ביין פענסטער... ׳ך וועל אַרויסקוקען דורך דעם... דורך די לאָך אין לאָדען... (פייווקע פערמאַכט דעם לאָדען און שטעלט צו אַ שטול.) אַט אַזוי! דעם פענסטער לאָז איין העלפט אָפען! טאָמער דאַרף מען האָרכען... איצט פערשליסען די טיר... (זי שליסט צו.) זעה נור, פייוועלע, ווי ער פיהרט דאָס קלוג דורך זיין זאַך! חכם מיינער, קיין ריהר נים, קיין פּיפּס! קלערט, זיי קענען נאָך אפשר צוריקקומען... ניין, ניין, ניין! (ווענדט זיך פאַנאַנדער) איצט ווייז איך פאַר שמחה... פאַר שמחה, רחמיאל׳ינקע! קלוג ביז׳ן סוף, טאַקע, וואו תורה איז חכמה... (געהט אַריין צו איהם.)

פייווקע

אַט, וועק איהם טאַקע דו אַליין... איינגעשלאָפען, ניין?

(אין דעם אויגענבליק הערט זיך אַ קלאַפּ אין טיר. חיה־שרה שפּרינגט צוריק אַריין אין צימער, ניט טויט, ניט לעבעדיג.)

חיה שרה

צוריק! טאַטע בארעמהארציגער!

פייווקע

(שטעלט זיך אויפ׳ן שטול) חיה־שרה, דאָס איז סטעפאַנקע.

חיה שרה

(שפּייט אויס) טפו זאָל דאָס ווערען! מעהר ווי ד ע ר שרעק האָט מיר ניט געפעהלט.

פייווקע

האָרך! ער רעט מיט אימיצען. חיה־שרה׳לע! מיכאל! דיין פאָטער! (ער עפענט אויף דעם לאָדען, עס דערהערען זיך שטימען פון דרויסען.)

סטעפאַנקע׳ס קול

קראַנק, זעהר קראַנק, דא, דא!

מיכאל׳ס קול

אַ שעהנע חתונה האָט איהר מיר דאָ אָבגעשפּיעלט.

חיה שרה

(צו פּייוּוקען) ער איז נאָך נערעכם.

מיכאל'ס קול

מ'האָט נעדאַרפט איהם לאָזען נעהמען. צום פּריאָם נאָך ווייט... נאָך עטליכע וואָכען... וואָלט נעקענט איהם אויסקויפען... אפשר וואָלט מען איהם גאָר פערבראַקירט. אין סלוזבע דאַרף מען מענ־שען, יוננען מיט ביינער, פליישׁ און בלוט און נים א שלים־מזל׳ ניקעל ווי מיין איידעם, קאם וואָס ער לעבט, א נעביכעל, קאַיי און שפּאַיי. זאָל ער מיר מוחל זיין! איז ער טאַקע זעהר קראַנק?

סטעפּאַנקע'ס קול

אָפּאַסנאָ קראַנק.

מיכאל'ס קול

שפּאַן נים אויס דעם פערד. לאָמיר איהם אריינפיהרען אין שטאָל. וועל ארויסנעהמען מיינע זאַכען. האָב א סך פּאַקופּקעס. דעם פערד לאָז שטעהן. אפשר דאַרף מען א צירולניק אָדער א ראָק־טאָר... (געהט אוועק מיט סטעפּאַנקען.)

חיה שרה

האָט נעלוינט צו האָרכען. שנעל צוריק צו רחמיאל'ן! טאָמער קלאָפּען זיי איידער איך ברענג אריין רחמיאל'ן אהער, עפען אויף. איצט מעג אפילו וועלבקע צוריקקומען. (זי לויפט נאָך אָמאָל אריין הינטערן גאַרדין.) רחמיאל, רחמיאל'ינקע, איינגעשלאָפען? (א קורצע פּויזע, דאַן שרייט זי אויס אין גרויס שרעק) נע'חלש'ט! פּייוּועלע, ער האָט נע'חלש'ט! גיך, וואסער! עסיג! העלף מינטערן!

פּייוּוקע

(בלייך ווי קאַלך) 'ך לויף!

חיה שרה

רחמיאל'ינקע, זיסינקער, ענטפער מיר! ענטפער דיין חיה־שרה־לען! האָב רחמנות אויף מיר! איי, וועה איז מיר! אָבער וואַרט, מיין טייערער, מיר'על דיר אָבמינטערן! א קליינינקייט

אביסעל, אזא שרעק! (פייוועקע קומט אריין מיט וואסער) וואו איז די עסיג? גיך, גיך, ווי גאט אי־דיר ליעב!

פייוועקע

וואו האלטסט'עס?

חיה שרה

אויבען, דארטען... אויפ'ן פאלקע, ביין באק אויוועו... א גאנצע פלאש... א גרינע... גיך! (שפריצט איין רחמיאל'ס פנים מיט וואסער.) גוטינקער, רייד, ענטפער מיר! זיי זיינען שוין אוועק... איך נאר דיר ניט, אוועק, אוועק! גאט אין הימעל, ווער ווייס ווי לאנג ער ליעגט שוין אזוי א גע'חלש'טער! (פייוועקע ברענגט אריין די פלאש עסיג) אהער, איהם איינרייבען די שלייפען... אט אזוי! אבער ווארט... לאמיר איהם ארויפהויבען אויפ'ן שלאפ־באנק... מיט'ן באנק מיט אלעמען ברענגען מיר איהם אהער... עפען דעם פענסטער... (זיי טוען אזוי) און געבען איהם מעהר פרישע לופט.

(עס הערט זיך א קלאפ אין טיר.)

פייוועקע

דיין פאטער קלאפט.

חיה שרה

לאז ער קלאפען... (שרייט היסטעריש צום פענסטער צו) • ווייל'ע ווארטען מוזט איהר, ווארטען! ווארטען!! — איצט איהם גוט איינרייבען מיט עסיג! (זי נעהמט אן זיינע הענט, ריהרט זיך צו צו זיין פנים און שרייט אויס:) ק—קאלט! וואס? 'סקען ניט זיין! ניין, ניין, ניין! פייוועל'ע, גיך א פעדער אהער... פון קי־סען, גיך! גיך! איי, וועה איז מיר! (זי פרובט בעהערשען איהר שרעק און רעט אין אן איינגעהאלטענעם, האלב־דערשטיקטען קול) אפשר... אפשר... ווער ווייס? פייוועל'ע, נו?

פייוועקע

(קומט צוריק מיט פעדערן אין דער האנר) ניט שרעק זיך, חיה־שרה'לע! מיר'ן איהם אבמינטערן, מיר'ן איהם אבמינטערן. ווארט! ניט שרעק זיך...

מיכאל'ס קול

(הינטערן פענסטער) סטעפּאַנקע, דאָרטען ביי חיה־שרה'ן איז אַן אומגליק געשעהן! ניט קלאַפּ! זי וועט אונז באַלד אַליין אריינ־רופען.

חיה שרה

(פּרובט אַרויפלעגען אַ פעדער אויף די אויבערשטע לופּ; איהר האַנד מיט אַ ציטער און די פעדער פאַלט אַרוים פון האַנד ביי איהר) קען ניט! פּייוועלע, פּרוביר דו, קום אהער.

פּייווקע

(צולעגענדיג אַ פעדער) אָט, אָט, איך לעג צו. שרעק זיך ניט, חיה־שרה'לע...

חיה שרה

(שטעהט איינגעבויגען איבער רחמיאל'ן, מיט אויסגעגלאָצטע אויגען און בעטראַכט מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג די פעדער. אַ מינוט פּויזע. פּלוצלונג ברעכט זי אוים מיט אַ דערשטיקטען געשריי) קיין אָטהעם ניט! קיין — אָטהעם — ניט!! —ק—קיין אָט—העם ניט! טויט! טויט פאר שרעק

פאָרהאַנג.

די מחיצה:

עפילאָג
צום „לעצטען נאַבאָר״.

פערזאָנען:

מיכאל גריץ, שטאַרק געעלטערט, גרוי, געבויגען און קרענקליך.

חיה שרה, זיין טאָכטער, אויסגעבלייכט, מיט בלויע פאַסען אונטער די אויגען, זעהט איצט אויס ווי איינע וואָס ליידט פון האַלוצינאַציעס.

פייוועל מעלניק, א שטומע ראָלע.

ירוחם, אַן אָרעמאַן א יאָהר 50 אַלט, מיכאל'ס א ווייטער קרוב.

סטעפאַנקע.

כלי זמרים, געסט, איינגלעך ארום דער חופּה — הינטער'ן סצענע.

אַלע זיינען יום־טוב'דיג אָנגעטאָן. — חיה־שרה, געקלדייט צו געהן אונטער דער חופּה, טראָגט שוין דעם דעקטוך, מעהר נישט אַריבער־געוואָרפען איבער'ן קאָפּ. — ירוחם האָט שטענדיג זיין טאַבאַקערקע אין דער האַנד.

סצענע: אַ מאָדערן מעבלירטער גרויסער צימער אין קאָוונא אויפ'ן „נייעם פּלאַן“. אַ טיהר אין צענטער מיט אַ פענסטער פון דער זייט. אויף איין וואַנד אַ זייגער, אויף דער אַנדערער אַ קאַלענדער אין אַ הילצערנע רעמעל מיט בעוועגליכע דאַטען.

ע ר ס ט ע   ע ר ש י י נ ו נ ג

סטעפאַנקע

וועט מען שטיעלען חופּה דאָ אין הויף?

ירוחם

(קרימט איהם איבער בייזערהייט) שטיעלען, שטיעלען, דאָ ביי אונז שטיעלען!

סטעפאַנקע

דו, בראַט, ניט דאַרפסט מיר איבערקרימען. [מיר, א קליין אינ־געלע, מאַליוטקאָיי, פּאַנימאַיעש, אין סאָלדאַטען אָבגעגעבען. פון ערסטע קאַנטאָניסטען גיעוועזט. פינפאַוצשוואַנטשיג יאָהר מיקאָ־לאַיען געדיענט. קיין אידיש וואָרט געהערט. דאָס אי זשיך איצט רעדען אויסגעלערנט; אין מיכאָל'ס הויז, ווסיאָ באָלשע]. איבער־קרימען ניעזאַטשעם!

ירוחם

ווער קרימט? וואָס קרימט? גלייך, טי מענע רוגאַל!

סטעפאַנקע

אי נאַפּראַסנאָ, בראַט, בייזערסט זיך.

ירוחם

בייזער זיך! נאַכשאָל זאָל איך זיך בייזערן? אויפ'ן האַרצען קאָלאַמוטנע, ווייטער גאָר־נישט!

סטעפאַנקע

ניט ביי דיר אליין בראַט... מיכאַאיל דאַווידאָוויטש אין כעס, און חזן דאָ געוועזט, וואָס קאָטאָרי דאַרף... דו ווייסט דאָך...

ירוחם

יע, יע... דאַרף דאָ מסדר קדושין זיין...

סטעפאַנקע

א וואָט־וואָט־וואָט! איזש איהם אויך ווסטריעוואָזשעט, זאַטיעם חתן אליין נאָז אראָבגעלאָזט... א חיה מיכאַילאָוונאַ זי זעהט אויס ווי א באַגיימע אין באָיינע אריינגעהט.

ירוחם

ער, אונז אלעמען צו לענגערע יאָהר, איהר ערסטער געווען, פער־שטעהסטו... א...

סטעפּאַנקע

וואָס ער געווען, בראַט, דו דאַרפסט מיר ניט ראַספּיסעווען... ווייס איך אליין...

ירוחם

מיין איך, פערשטעהסטו, אז נאָך איהם, אונז אלעמען צו לענגערע יאָהר, דעם גרויסען וואויל־לערנער, דעם יחסן, דעם זיידענעם יונגען מאַנטשיק, אז מען איז איהר מכבד מיט א בחור ווי דעם מילנער'ס זוהן... נו, וואָס איז דאָ צו רעדען, טוט טאַקע וועה די האַרץ אפילו מעהר ניט צוצוזעהן... נעהם א שמעק טאַבאַק... (גיט איהם.)

סטעפּאַנקע

דאָס, בראַט, ניע בּיעדאַ נאָך... פּייוּוקאַ מאַלאָדיעץ, זאָג איך דיר. און שכל זיך אָנגעקלייבט אין די דריי יאָהר זינט רחמיאל ניט געוואָרען. גאַניץ אַנדערי מיענטש היינט פּייוועל, ניע טאָ־שטאָ וואָס אמאָל גיוועז... ארום קלוגע זיך געריבט, אין קניזשקעס זיך געגראָבן...

ירוחם

מאַלע־וואָ! צו ירחמיאל'ן קומט ער ניט... אנאַנדער סאָרט!

סטעפּאַנקע

זנאיעם, זנאיעם! נאָר דאָס, בראַט, ניע ביעדאַ... שליעך איז וואָס חיה מיכאַיילאָוונאַ פּאַנימאַיעש, זי טראַף, אז טיאַטיאַ איהרי סבאָרשטשיק וועלפקע, זאַטיעם איך אליין, זינדיג מענטש, א מעהר ווי אלע, זי מיט פּייוּוקע'ן איהם, רחמיאל'ן, ציגעהרג'עט.

ירוחם

ווי הייסט צוגעהרג'עט?

[סטעפּאַנקע

אייל', ווייסטו ניט ווי זיך דאָס גימאַכט?

ירוחם

ווייס איך — אָבער ניט אויף קלאָר...

סטעפּאַנקע

טאַק וואָט האָסט׳ס, בראַט, איז צוויי ווערטער... דאָס זיך געטראָפן דעם יאָהר איידער, פּאַ פריקאַזו יעווּאָ וועליטשעסטווא, מי׳ט איינגעפיהרט, אַזש אַלע, אַלע זאָל אין סלוזשבע געהן... טאַק וואָט האָזש מען אין אונזער פּאָוויעט גידאַרפט גיעבען פון אידון זעקס אַהאַלב דושי און קהל געוואָרפען אויג אויף רחמיאל׳ן אונזערן... מיכאַל געזשאַלעוועט געלד האָט ער... איז אַוועקגעפאָהרען, בודטאָ סחורה האנדלען, ביז איבער׳ן נאַבאָר... האָט ניט געוועלט אָן אַכוואָטניק קויפען פאַר רחמיאל׳ן... געמיינט זיי וועלען ניט סמייען נעהמען זיין זיאַטיאָק, אַ בודיע־זשע אַזש מיט איהם פאַרט נעהמען, וועט ער עם פאַר׳ן נאַבאָר אויסקויפען...

ירוחם

דאָס איבריגע ווייס איך... חיה־שרה האָט איהם פערשטעלט פאַר טויט, כאַפּערס קומען, געהען אַוועג מיט אַ נאָז, קעהרען זיך אום, געהען צוריק אַוועג, מחמת חיה שרה האָט מעהר שכל אין פּיאַטע ווי זיי אין קאָפּ און ווען זיי זיינען שוין ווייט־ווייט אַוועג און זי, נעביך, קומט צום מאַן, וואָס זי האָט כלומרשט אַרויסגעראַטעוועט פון זייערע הענט, איז ער... ניט אין קיין אידישע הויז געדאַכט... אין אמת׳ן טויט!

סטעפּאַנקע

טויט, פּאָנימאַיעש, פאַר שרעק! אַ וואָט], זאָגט זי, מיר אַלי... געוועלט זיין צו־קלוג, זנאַטשים, און האָ׳מיר רחמיאל׳ן פאַר דער צייט, ווי זאָגט זי?

ירוחם

משמעות, אין קבר אריינגעבראַכט...

סטעפּאַנקע

טאַק טאָטשנאָ! אין קבר אריינגעבראַכט... ראַזבאָייניקי אַלע, זאָגט חיה מיכאַיילאָוונאַ.

ירוחם

„חיה־שרה" זאָגט מען! אַ אידישע טאָכטער און נאָדיר „חיה מיכאַיילאָוונאַ!" (איהם איבערקרימענדיג) עפּעס ווי אַ גויה להבדיל!

סטעפּאַנקע

ווייס איך, בראַט... פּריוויטשקאַ אַזעלכע... ניעראַראָם פינף און צוואַנציג יאָהר מיקאַלאַיען גיעדינעט. נו, אַ חופּה, זאָגסט, מען שטיעלען דאָ?

ירוחם

יע, יע! מ'וועט דאָס מאַכען קורץ און שאַרף... וואָס ווייניגער צערעמאָניעס, זאָגט מיכאל... אַן אלמנה, אַ שטיינער, ניט קיין מיידעל, פערשטעהסטו מיך, אַ צווייטער סדר...

סטעפּאַנקע

אַ עטאָ שטאָ?

ירוחם

ניט פאַר דיין קאָפּ... אָט איז ער אַליין.

צווייטע ערשיינונג

מיכאל

(קומט אַריין פערסאָפּעט, פערשמאַיעט; זעהט אויס קרענקליך) ווי פון פּעך ציעהט זיך דאָס... אַלץ עסקים פאַר מיר! (נעהמט צו אַ שטוהל פון לעבען דעם טיש) נויטיג ווי די אויג דאַרף מען דעם שטוהל דאָ... שטעהט ווי אַ ביין אין האלז... (שטעלט דעם שטוהל אַוועק אָן אַ זייט) מיין חתן, ר' פּייוועל, פרעגט צי מען האָט די כלה גערעדפּט בעזע־צען... יענער, עליו השלום, וואָלט דאָס שוין געוואוסט... סטעפּאַן געה, זעה אויב די חופּה קומט אהער... (סטעפּאַנקע אָב.) פיין אויס־געוואַקסען, פון דעסטוועגען דער חתן אונזערער, — פיין, סטאַטנע, בלוט שפּריצט פון די באַקען... נו, וואָס איז דאָ צו רעדען... איהם צו לענגערע יאָהר יענער...

ירוחם

איהם און אונז אַלעמען צו לענגערע יאָהר! אָבער ווייסט איהר, ר' מיכאל, כדאיער יענעם היינט ניט צו דערמאָנען. וואָס די ערד דעקט צו לאָז זיין פערגעסען...

מיכאל

יע, יע, איהר זייט גערעכט, ר' ירוחם... איך סטאַרעווע זיך אָן איהם צו פערגעסען די גאַנצע צייט אָט זינט דער שידוך איז געוואָרען... טאַקע, וואָס טויג דערמאָנען דעם שכן... ווי זאָגט איהר דעם שוכן...

ירוחם

דעם שוכן עפר... דעם וואָס ליעגט שוין אין דר'ערד ובפרט ווען יענער איז שוין טויט א קימא לן פון... פון...

מיכאל

א יאָהר דריי... דריי יאָהר דעם קומענדיגען חשון... און איך לייען, דאַכט זיך, קריאת־שמע מיט כונה, אָבער עס העלפט ניט און רק ער מישט זיך אריין צווישען די מלאָכים...

ירוחם

ווען איהר זאָגט, א שטייגער, מימיני מיכאַל... פון דער רעכטער זייט, מיכאַל... אייער אייגענער נאָמען...

מיכאל

יע, יע... איז אָנשטאָט גבריאל רעדט זיך ביי מיר שטענדיג ארויס רחמיאל, ניט צו זינדיגען מיט די רייד, און אפילו ווען איך בין ניט פערשלאָפען און איך חזר ביי זיך איין עטליכע מאָל פאַר'ן לייענען קריאת־שמע: גבריאל, גבריאל, גבריאל, איז... זאָג איך מיט די לעפצען גבריאל און אין האַרצען טראַכט איך רחמיאל, ווי איהר זעהט מיך א אידען...

ירוחם

אָבער היינט טאָרט איהר אַזעלכע רעיונות ניט האָבען. אייער בת־יחיד'קעלע ווערט היינט אין א גוטע, מזל'דיגע שעה, אם ירצה השם, חתונה האָבען... קינדער און קינדס־קינדער ווערט איהר, מיט

גאָט'ס הילף, נאָך דערלעבען און... אַ שמעק טאַבאַק? (מיכאל נעהמט.)

מיכאל

הלואי, פון אייער מויל אין זיינע אויערן, ר' ירוחם. מיט יענעם האָט חיה־שרה'לע קיין קינדער ניט געהאַט...

ירוחם

רק מיט יענעם... אָבער יענעם און ווידער יענעם... היינט געהט אַ נייע סדרה..

מיכאל

גערעכט, גערעכט! איהר זייט אודאי גערעכט, ר' ירוחם! (ער פערטראַכט זיך.) זיין גאָט אין הימעל וויים, מיר האָבען אַלע קיין בייז ניט געמיינט: ניט איך, חלילה, ניט חיה־שרה'לע, אפילו ניט וועלפקע ימח שמו... קיינער ניט, ווער האָט עפּעס צו איהם געקענט האָבען, דעם שעהנעם תכשיט אונזערן... דאָס האָט דאָך אַ פליעג אויפ'ן וואַנד ניט געצעפּעט... און, וואָס איז דאָ צו לייקענען...

ירוחם

פאָלגט מיר, ר' מיכאל... גלייכער...

מיכאל

לאָזט מיר אויסרעדען, ר' ירוחם: ער וואָלט נאָך היינט געווען פריש און געזונד, וואָלט דער שוואַרצער יאָהר מיר ניט פערטראָגען אין האָצע־פּלאָצע...

ירוחם

און דאָ האָט זיך יונה־משה־לייזער'ס דאָס זייניגע געטאָן, ווער וויים דאָס ניט... אַ שנאה האָט ער אויף אייך געהאַט... נעהמט אַ שמעק טאַבאַק, ר' מיכאל...

מיכאל

(נעהמט מעכאַניש, נאָך טיעפער פערטראַכט) און ווען איך בין צוריק־געקומען אַהיים איז שוין געווען צו שפּעט. שוין געווען אַליז, אַליז אויס... געריסען האָט ער מיר, דער שוואַרצער, פינסטערער יאָהר מיינער, זיך צו חכמה'נען מיט קהל, און דאָ יונה'קע משה לייזער'ס,

א ניכפה זאָל איהם פערצאַפּלען, דעם ימח־שמו׳ניק, ברענט פלאַם־פייער מחמת מיר האָבען זיין בנ׳אָק פערבראַקירט... אָיי! וואָלט׳ס שוין נעהמען א סוף! אויף איהר אויך א רחמנות... א האַלבע איז זי דאָך, נעבעך, שוין געוואָרען... ווי א ליכטעלע געהט זי מיר דאָך אוים, די טאָכטער מיינע... און קיין מאַמען האָט דאָס ניט... אָט, אָט ברענגט מען די חופה... ר׳ ירוחם! (מיכאל טוט זיך א כאַפּ פאַר׳ן קאָפּ: ער ווערט בלייך.) ר׳ ירוחם, גיך א טראָפּעלע וואַסער קאַלטע... מיר איבעלט, א האָרעלע... מיר׳ז ניט גוט גע־וואָרען...

ירוחם

(טוט אויף איהם אַ קוק) איך לויף, ר׳ מיכאל! (אָב.)

(פויזע... דורכ׳ן פענסטער אינ׳ם צענטער זעהט זיך ווי צוויי אינג־לעך טראָגען פאַרביי די חופה־שטענגלעך מיט דער חופה; אין גרויס אַוילענים, מיט אַן אויסדרוק פון מיטגעפיהל אויפ׳ן פנים, לויפט אין צימער אַריין —)

סטעפּאַנקע

קאָפּ טוט וועה, כאָזיאַאין?

מיכאל

יע, יע! היים זיי אָבהאַלטען... מיט׳ן שטעלען די חופה. שרעק ניט איבער חיה־שרה׳לען, אָבער זאָג איהר, מ׳וועט מוזען א האָרע־לע וואַרטען מיט׳ן מקדש זיין... א האָרעלע צו׳וואַרטען... וועט, מיט זיין הילף... הענט־ניט־געוואַשען, איבערגעהן... אזוי זאָג איהר, הערסט!

סטעפּאַנקע

לאַדנאָ! (ער געהט האַסטיג אַרויס.)

ירוחם

(מיט אַ גלאָז וואַסער אין דער האַנד) טוט א זופּ ר׳ מיכאל! (מיכאל טוט אַזוי.) אָט, אָט, אָט! אזוי איז גוט... אין גאַנצען טרינקט טאַקע אוים...

מיכאל

נו, גאָט צו דאַנקען, בעסער, א סך בעסער... ווער קומט? וואָס? חיה־שרה׳לע?

דריטע ערשיינונג

חיה שרה

וואָס איז דיר, טאַטע?

מיכאל

גאָר־נישט, מיין קינד, גאָר־נישט! נעכטיגע וועטשערע, משמעות, מיר ניט פּאָליובעט... איבעלקייט א האָרעלע... וועט איבערגעהן...

חיה שרה

דו ביסט זעהר בלייך... געשלאָפען די נאַכט?

מיכאל

ניט ווי.... ניט ווי אין דערהיים... קען אין שטאָדט קיינמאָל ניט שלאָפען ווי א מענש... די וועגען, מיט די דראָנסקעס, מיט די וואַגזאַלען וואָס פייפען און טראַסקענען בעגינען צו טאָגען... און אגב...

חיה שרה

(מיט אינטענסיווער נייגיער) יע, יע! און אגב?

מיכאל

(דערשראָקען) גאָר־נישט, גאָר־נישט... הערט, ר׳ ירוחם, געהט אריין, איך בעט אייך, צו חתנ׳ס צד און זאָגט זיי, אז באַלד, באַלד, אין א מזל׳דיגער שעה... א קליין ווייילינקע מוחל זיין צו־ווארטען...

(ירוחם אָב.)

חיה שרה

(לאָזט אין איהם אריין די אויגען און רעט מיט נאָך גרעסערער ליידענשאַפט) „און אגב“, טאַטע?

מיכאל

און אגב, — נו, וואָס איז דאָ צו לייקענען? — שלאָפט זיך שוין לאנג ניט גוט...

חיה שרה

דיר ניט און מיר ניט, טאטע, זינט מיר האָבען רחמיאל'ן...

מיכאל

נים איצט איז די צייט דערפון צו רעדען, מיין קינד... ניט איצט, ניט איצט...

חיה שרה

(איהם ניט הערענדיג) זינט מיר האָבען איהם צוגעהרג'עט... און ווייסטו, טאטע? דאָס האָב איך איצט דעם ערסטען מאָל זיין נאָמען דערמאָנט... דעם ערסטען מאָל זינט יענעם אָוועגד, ווען ער איז געשטאָרבען.

מיכאל

וואָס העלפט דער דערמאָנען? גענוג. דריי יאָהר געווען אַן אַלמנה... דריי יאָהר אָבגעפינסטערט... גענוג! און דערביי איז פייוועל דאָך אויך ניט אַבי־ווער... ניט קיין ווילד־פרעמדער. פון קינדוויין־אויף האָסט איהם, דאַכט זיך, האָסט איהם...

חיה שרה

יע, יע, האָלד געהאַט... ווייסטו, טאטע, איצט ערסט פערשטעה איך אויף קלאָר אַלץ וואָס אַמאָל איז געווען, יעמאָלט מיין איך... האָב געגוג זינט יענעם טאָג געקלערט און געטראַכט... דורך טעג און נעכט, טאטע, און הויז דעם אַ שעהן ביכעל אין ביכלעך אריינ־געקוקט... אַלץ פערשטעה איך איצט... לאָז מיר רעדען... זינט איך געדענק זיך איז מיר פייוועלע, — פייווקע דעם מילנער'ס פלעגען מיר איהם אַלע רופען — געווען אַן אייגענער, אַ ברודער...

מיכאל

(צופריעדען) יע, אודאי, אודאי!

חיה שרה

בעסער ווי אַ ברודער. מיידעלווייז פלעג איך מיט איהם ארומ־לויפען, — לויפען איבער וועגען און שטעגען, איבער וועלדער און פעלדער, לויפען און שטיפען און לאַכען... פלעג איהם שטענדיג

האלטען פאר׳ן האנד, אזוי ווי ער וואָלט אַלײן נאָך זײַן אַ קינד — אַ קינד קעגען מיר: ער פינף יאָהר, איך אַכט, אַ שטייגער. פלעגט זיך מיר שטענדיג אָבדוכטען, אז איך בין זיין עלטערע שוועסטער, אָדער זיין גיאַנקע, און... (איהר בליק וואַנדערט, זי שײַנט צו רעדען מעהר צו זיך ווי צום פאָטער) און ווען איך פלעג האלטען זיין האַנד אין מיינע, פלעגט מיר זיין אזוי... גוט אויפ׳ן הארצען... אזוי...

מיכאל

(האַכטיג, אין אַ נאָך מעהר צופרידענעם טאָן) פערשטעה, אודאי!

(קורצע פויזע.)

חיה שרה

(טוט זיך אַ טרייסעל, אַזוי ווי אויפגעוועקט פון שלאָף) יע, טאַטע, פלעגט מיר זיין אזוי גוט... אזוי גוט? איך מיין... ווי זאָל איך דיר זאָגען?... עפּעס פלעגט מיר ווערן אַנדערש אויפ׳ן הארצען... ניט אומעטיגער, ניט פרעהליכער, נור אָט... אנדערש, פערשטעהס־טו... און איך בין שוין דאַן געווען אַ מיידעל אין שידוכים... האָב געהערט אז יונה־משה־לייזער׳ס קדיש האָט אויף מיר אַן אויג... און... (איהר בליק וואַנדערט פון דאָס נײַ און זי פערטראַכט זיך ווידער) און פייווקע ווערט מיר וואָס אַ יאָהר אַלײן געטרייער, אַלײן מעהר צוגע־בונדען... ווי מיין שאָטען גערט ער מיר נאָך און טו איך אויף איהם אַ קוק, דוכט זיך מיר, אַב, אז איך הער ווי זיין הארץ קלאַפּט. אין פייער און וואַסער וואָלט ער כסדר פאַר מיר געהן...

מיכאל

ביז היינטיגען טאָג... איצט נאָך מעהר, נאָך מעהר, חיה׳לע.

חיה שרה

(טוט זיך ווידער אַ כאַפּ אויף) קיין זאַך איז איהם פאַר מיר ניט צו שווער... קיין זאַך ניט, און איך...

מיכאל

יע, יע, און דו?

חיה שרה

איך פלעג זיך פיהלען אזוי נאהנט צו איהם... און פלעג בענקען נאך איהם ווען ער איז לעבען מיר ניט געווען... און וואס עלטער ער איז געוואָרען, אלץ מעהר האָב איך איהם האָלד געהאַט און צוליעב מיר האָט ער אזוי גוט געלערנט ביין רבי'ן אונזערן און זיינע אייגען פלעגען בליסצען ווען איך פלעג איהם ליבען...

מיכאל

אודאי, אודאי! ווער געדענקט דאָס ניט?!

חיה שרה

(מיט אַ זיפץ, אין אַ ריהרענדען טאָן) ביז... יענעם טאָג בעת רחמיאל...

מיכאל

אַ גוטער בעטער זאָל ער פאר אונז אלעמען זיין...

חיה שרה

ביז ער איז אריינגעקומען אין שטוב, ער, מיט זיין איידעלען, שעה־נעם פנים... די שכינה האָט דאָך אויף איהם גערוהט... ביז ער איז אריינגעקומען און זיינע ליפען האָבען זיך געעפענט און איך האָב דערהערט זיין זיסען קול. פון יענעם טאָג האָב איך מעהר שוין קיינעם ניט געזעהן און ניט געהערט... קיינעם ניט חוץ איהם אליין...

מיכאל

ווי הייסט, קיינעם ניט?

חיה שרה

דאָס ווערסטו ניט פערשטעהן, טאטע, מיט'ן שכל קען איך דאָס אליין ניט ריכטיג בענעהמען... (זי פערטראַכט זיך פון דאָס נייע און רעדט צו זיך אַליין) קיינעם זעה איך שוין מעהר ניט... פארביי'ן אלמען, נרויכען דעמב געה איך, און דעם דעמב זעה איך ניט... איך קוק אויף די מיהל, אויף די קרעטשמע, אויפ'ן וועג, אָבער וואָס דאָס אלץ איז, ווייס איך ניט... די פערד, די בהמות דערקען

איך ניט... די ציג איז מיר פרעמד און איך שטויס איהר אַב
ווען זי לאָסצעט זיך צו מיר... די פויגלעך פּיפּצען און איך הער
זיי ווי דורכ'ן חלום... די זאַנגען אין פעלד, זיי בלאָזט דער ווינד
און זיי בויגען זיך צו מיר, און איך זעה זיי ניט... זעה גאָר־נישט,
קיינעם ניט, חוץ איהם, און (ווענדעט זיך פלוצלונג צום פאָטער) ווען
ער הויבט אָן צו רעדען, עפּענט זיך מיין מח, און עס עפענען זיך
מיינע אויגען, און... אָה, דו וועסט עס ניט גלויבען, טאַטע...!

מיכאל

רעד, רעד זיך שוין אויס דיין הארץ, מיין טאָכטער...

חיה שרה

מיר פלעגט זיך אָבדוכטען, בעת ער האָט גערעט, אז איך זעה די
ווערטער, ווי זיי קומען ארויס פון זיין מויל... זעה זיי, טאַטע,
זעה די ווערטער זיינע...

מיכאל

וואָס? בעשיינפּערליך? געה, געה! נו, און פּיווועל?

חיה שרה

ער? איהם האָב איך ליעב געהאַט ווי פריהער, מעהר ווי א ברו־
דער, מעהר נישט איהם האָב איך שוין ניט אָפּט געזעהן.

מיכאל

ער פלעגט זיך דאָך שטענדיג ארומדרעהען ארום דיר?

חיה שרה

אָבער איהם פלעג איך נור זעהן אַשטייגער ווי מען זעהט מענשען
בעת מען ליעגט אין היצקריינק...

מיכאל

ניט אין קיין אידישע הויז געדאַכט! און אזוי האָסטו דאָס פּיווו־
לען געזעהן די גאַנצע צייט?

חיה שרה

די גאַנצע צייט — ביז יענעם שרעקליכען טאָג...

מיכאל

וועלכען... וואָס איז שוין דאָס ווידער געווען פאַר א טאָג?

חיה שרה

דער טאָג, טאַטע, ווען מיר האָבן רחמיאל'ן צונעהרג'עט...

מיכאל

פע, וואָס רעדסטו, מיין קינד? צוגע... געוואוין זיך אָב דערפון, תלעבען!

חיה שרה

ביז יענעם טאָג. יעמאָלט אָבער איז פּייוועלע געוואָרען מיין רעכטע האַנד. בעת מען האָט גערדאַרפט ראַטעווען (ווידערהוילט איראָניש) „ראַטעווען" רחמיאל'ן, האָט ער מיר געהאָלפען מיט אַלע קרעפטען. יעמאָלט איז ער פאַר מיר פון דאָס ניי געוואָרען מיין פּייוועלע, דער אַמאָליגער פּייוועלע. און איצט, טאַטע, פערשטעה איך, וואָס מיר וואָלט זיך דענסטמאָל אפילו ניט געחלומט. דאָס איז אַ שרעקליכע זאַך, טאַטע: קען דאָס כמעט איבער די ליפּען ניט ברענגען...

מיכאל

וואָס, חיה'לע? דערצ... אהא! ירוחם געהט.

פּיערטע ערשיינונג

ירוחם

ר' מיכאל, גאָט־אי מיט איך! חתנ'ס צד וואַרט... ווי איז איך איצט? בעסער, ניין?

מיכאל

אַ דאַנק זיין הייליגען נאָמען, בעסער, בעסער. אָבער געהט, זייט מוחל, נאָך אַמאָל אריין צו זיי און בעט זיי צו וואַרטען נאָך אַ פערטעל שעה צייט...

ירוחם

דער מילנער איז זעהר... נעהמט אַ שמעק טאַבאַק, ר' מיכאל (גיט איהם). ער זעהט אויס זעהר כאַרעאָ־דאַבוה'דיג...

מיכאל

נישט־קשה, ר' ירוחם... האָבען אויף איהם לעננער געוואַרט, דעם גרויסען יחסן אונזערן... חיה־שרה'לע האָט מיר וואָס צו זאָגען...

אגב איז דער עולם ביי אונז אויך ניט קיין מורא'דיג גרויסער... פרוצעטאַלבען מענשען... וועל איך לאָזען וויסען ווען צו ברענגען דעם חתן אהער... געהט, איך בעט אייך, ר' ירוחם, זאָגט זיי, מיר שווינדעלט נאָך אביסעל, כדאַי־ער נאָך אַ האָרעלע צו פערציעהען...

ירוחם

געה איך, אָבער אומזיסט מאַרודעט ניט. ווי דעם חתן איז, נעבעך, אויפ'ן הארצען, ווייס איין גאָט אין הימעל... (נעהמט אַ גרויסען שמעק טאַבאַק און געהט אַוועג.)

מיכאל

וואָס, מיין קינד, וואָס איז דאָס אזוינס געווען?

חיה שרה

וואָס, טאַטע?

מיכאל

אָט די מורא'דיגע זאַך, וואָס דו קענסט כלומרשט ניט אריבער־ברענגען איבער די ליפּען... רעד זיך אויס, וועט דיר ווערן לייכטער אויפ'ן הארצען פאַר'ן געהן צו דער חופּה...

חיה שרה

(כאַפּט זיך אויף פון דער פערחלומ'טקייט) יע, יע! וועל עס דיר זאָגען: אָט יענעם טאָג, בעת איך האָב זיך געריכט אויף די כאַ־פערס און פּייוועקע מיט סטעפּאַנקען האָבען מיר נעהאַלפען מיט אַלע כחות, — יענעם טאָג, טאַטע, האָב איך איינגעזעהן, אז ער, רחמיאל, איז געווען אייפערזיכטיג אויף פּייוועקען...

מיכאל

איי..... פאָרז.... וואָס איז האָס אזוינס?

חיה שרה

דעמאָלט האָב איך דאָס אַליין אויך ניט געוואוסט, ניט דעם וואָרט, ניט דאָס וואָס מען מיינט דערמיט. איצט ווייס איך. (אין אַ שטילערן, אָבער פּייערליכען טאָן) טאַטע, רחמיאל האָט פּיינט גע־האַט פּייוועקען, מחמת איהם האָט זיך געדוכט, אז איך בין צו פּייוועקען צו גוט...

מיכאל

פערשטעה ניט...

חיה שרה

אז איך האָב ליעב פּיווקען...

מיכאל

דו? אַן אשת־איש, ליעב?...

חיה שרה

יע, יע, יע!

מיכאל

קען ניט זיין... אַ טעות, חיה'לע! (ווישט זיך דעם שוויים פון שטערן. אַ רגע פּויזע) און אפשר...

חיה שרה

דאָס איז ווי איך זאָג דיר, און דו ווייסט ניט ווי דאָס מוטשעט מיך...

מיכאל

איצט...? ער היום נאָך?

חיה שרה

איצט אַ סך מעהר ווי פריהער... וואָס נעהנטער איך קום צו פּיוור־לען, און וואָס נעהנטער מיר קומען צו דער חופּה, אַלץ מעהר און מעהר מוטשעט דאָס מיך... נעכט שלאָף איך ניט... שלאָף איך אמאָל יע, קומט יענער מיר צו־חלום... בלייך ווי קאַלך זעהט ער אויס... בלייך און בייז... ניטאָ מעהר די זיסקייט אויף זיין פּנים, די ליעבקייט, די פריינדליכקייט זיינע... און ביי־טאָג, אויפ'ן וואָהר, זעה איך איהם אויך אזוי, מעהר־נישט קלאָרער איז ביי טאָג זיין בליק. און, טאטע, וואָס איך סטאַרעווע זיך ניט, איהם צו זעהן פאַר מיינע אויגען אַ זיסען, אַ ליעבליכען, מיט אַ גוטען שמייכעל אויף די ליפּען, ניט זיך מיר דאָס בשום אופן ניט איין... איך קען נור געדענקען יענעם אַנבליק זיינעם, אַט יענעם ווי ער האָט געקוקט אויף פּיוולען דעם טאָג ווען מיר האָבען איהם געוואָלט ראַטעווען... ראַטעווען פון וועלפּקע'ס הענט.

מיכאל

נו, דאָס איז קינדעריי, חיה־שרה'לע! לאָמיר אַריינרופֿן די מחותנים, לאָמיר אָבשטעלען חופּה און אַ סוף...

חיה שרה

ניין, ניין! נאָך ניט, טאַטע! גיב מיר נאָך עטליכע מינוט ציים, נאָך עטליכע מינוט... (אין אַ שטילערן טאָן, בעת איהר בליק וואַנדערט פֿון דאָס גיי) טאַטע, איך האָב מורא, ער... ער, פֿער־שטעהסטו, וועט זיך בעווייזען ביי נאַכט צווישען די אונטערפֿיה־רער...

מיכאל

זיך בעווייזען? נאָט אי מיט דיר! וואָס מיינסטו? (ער כאַפּט זיך פֿאַר'ן קאָפּ) עפּעס איז מיר מיין קאָפּ ווי צוטומעלט... איין גאָט אין הימעל וויים, וואָס דאָס קען בעטייטען! רעד מיט ווער־טער, וואָס מיינסטו?

חיה שרה

(אין דעמוטלביגען טאָן) איך קלער, ער וועט זיך בעווייזען אין מיין קאַמער היינט ביי־נאַכט... אפשר נאָך אונטער דער חופּה...

מיכאל

נעה, דו רעדסט נארישקייט, חיה'לע. וואו איז דאָס געהערט גע־וואָרען, אַז מתים זאָלען קומען אויף חתונות?!

חיה שרה

(נאָך פֿייערליכער) ער וועט קומען, ער וועט קומען... קיינער וועט איהם ניט זעהן חוץ מיר... (רעט צו זיך) קלאָר וועל איך איהם זעהן... ווי נעכטען ביי נאַכט... וועט זיך שטעלען אונטער דער חופּה צווישען פֿייוולען און מיר... בעת ער וועט דאַרפֿען מיך מקדש זיין... צווישען איהם און מיר וועט ער זיין אונטער דער חופּה און נאַכדעם, ביי נאַכט...ער וועט פֿייוולען ניט צולאָזען צו מיר... ער האָט איהם פֿיינט...

מיכאל

רעד ניט אַזעלכע רייד, מיין קינד! ניט... נאָר ניט מעשׂה אידישע טאָכטער...

חיה שרה

(שפרינגט אויף, אַזוי ווי ערוואַכענדיג ביין לעצטען וואָרט זייגעס)

אָיי, דו שרעקסט מיך איבער, טאַטע!

מיכאל

מיט וואָס, מיין קינד?

חיה שרה

מיט די ווערטער דיינע... מיט די הארטע ווערטער... זיינע פּלע־גען גלעטען דעם אויער, ווי סאַמעט ווייך זיינען זיי געווען; דיינע ווערטער זיינען הארט, זיי רייסען, זאָלסטו מיר מוחל זיין... פּייווע־לע׳ס אויך... יע, זיינע אויך. ווען ער רעט ניט האָב איך איהם אזוי האָלד, פון גאַנצען הארצען האָלד... מיט אַמאָל עפענט ער אויף די מויל און די ווערטער פון זיין מויל פאַרהאַרטעווען מיין הארץ... און די וואַרעמקייט אין מיין בוזים ווערט אָבגעקיהלט...

מיכאל

מיר דאַכט, דו ביסט קראַנק, מיין קינד... איך אויך... אפשר פּייווע־לע אויך... אַלע זיינען מיר קראַנק.

חיה שרה

(האָט ניט געהערט) און בעת ער נעהמט מיך ארום...

מיכאל

ווער נעהמט דיך ארום?

חיה שרה

פּייוועלע, טאַטע...

מיכאל

פּייוועל? איהר האָט דאָך נאָך ניט חתונה געהאט?

חיה שרה

(האָט איהם ווידער ניט געהערט) בעת ער נעהמט מיך ארום און דריקט מיך צו זיין ברוסט, פּיהל איך איהם ניט... עפּעס א מחיצה איז דאָ צווישען פּייוועלען און מיר... רחמיאל׳ס מחיצה... (אין

עקסטאַז) אָי, טאַטע! אָט זעה איך איהם ווי אַמאָל! זיס און מילד און ליעבליך!...

מיכאל

ונעמען זעהסטו?

חיה שרה

אָיי, דו האָסט אַלץ איבערגעפיהרט... איצט איז ער ווידער בייז... און אָט זעה איך איהם שוין גאָרניט. (פויזע) איז וואָס האָב איך געוואָלט זאָגען? יע... ווען פייוועלע קוסט מיך... (מיכאל מאַכט ווידער אַ בעוועגונג) ווען ער קוסט מיך, און איך שטעל אויס מיינע ליפען צו איהם, ווערען זיי האַרט ווי געגאַרבטע פעל, און די גאַנצע זאַפט אין זיי ווערט אויסגעטריקענט און מיר דוכט זיך אָב, אַז צווישען מיין מויל און פייוועלע׳ס, צווישען אונזערע הייסע רויטע ליפען קומט אריין זיין קאַלטע, בלייכע האַנד... מחמת ער האָט פיינט פייוועלען, טאַטע, ער האָט איהם פיינט און ער פערסמ׳ט מיינע קוסען...

מיכאל

(פאַר זיך) די ביכלעך, די טרייף־פסול׳ס! זי געהט אראָב פון זינען, מיין קינד.. (טרערען שטעלען זיך איהם אין די אויגען.)

חיה שרה

יע, ער איז אייפערזיכטיג אויף פייוועלען... און מיינסטו, ער איז ניט גערעכט? ווער וועט פייוועלען ניט האָלד האָבען? פראָסט איז ער, אָבער גוט און דרייסט, און שעהן, און אַ גילדערנע האַרץ איז דאָ אין זיין בוזים... היינט, עהרליך און ריין... ווינש קיין אידישע טאָכטער ניט קיין ערגערן חתן (פערחלומ׳ט זיך). עהר־ליך און ריין... אַן אויג, וואָס וואַרעמט און לייכט...

מיכאל

(מאַכט זיך אַ האַרץ) וואָס איז דאָ צו רעדען! (עפענט די טיר) ר׳ ירוחם! אהער, זייט מוחל!

ירוחם

(אויפ'ן שוועל) הייסט עס...?

מיכאל

נעחט, ברענגט ארײַן כלה'ס צד — אלעמען, אלעמען! — און לאמיר געהן צו דער חופה... גיין, חיה־שרה'לע?

חיה שרה

(קוקט איחם אן און ענטפערט ניט.)

מיכאל

ר' ירוחם, הייסט די כלי־זמרים אויפשפיעלען און ברענגט דעם חתן צו דער חופה. געהען מיר, חיה'לע?

חיה שרה

(רעדענדיג ווי דורכ'ן חלום) געהען... געהען... (טוט זיך א ריהר.)

מיכאל

(עפענט די טיר) קום־זשע!

חיה שרה

(ווי פריהער) וואוהין?

מיכאל

צייט צו געהן צו דער חופה... איך בין, דאכט זיך, א דאנק זיין הייליגען נאמען, שוין ווידער אין גאנצען...

חיה שרה

רו? נו, און איך?

מיכאל

וועסט, מירצעשעם, אויך איבערגעהן, מיין קינד. און נאך דער חתונה, אז דער אויבערשטער וועט געבען, וועט אייך נאך... וועט איהר, יונגווארג, א לעב טאן... קיין געלד וועט אייך, חלילה, ניט פעהלען, לאז נאר זיין געזונד... און פייוועלע וועט דיר זיין צוגע־טאן מעהר און מעהר... אויף די הענט וועט ער דיר טראגען... פויגעל־מילך און דעם טעלער פון הימעל...

(די כלי־זמרים האָבן דרויסן דערווייל אויפגעשפּילט; דער חתן גייט, ווייזט אויס, צו דער חופּה.)

מיכאל

נו, א סוף — אַן עק, אין אַ מזל׳דיגער שעה! מיט די רעכטע פוס אַרויס, מיין קינד!

חיה שרה

(מיט אַ היסטערישן געשריי) טאַטע!!!

מיכאל

וואָס שוין ווידער, חיה׳לע?

חיה שרה

שווייגן הייס זיי! הייס זיי שווייגן! שווייגן!!

מיכאל

וועמען?

חיה שרה

די כלי־זמרים, טאַטע!

מיכאל

(עפענט די טיר און שרייט) ר׳ ירוחם! לאָז מען אויפהערן שפּילען!.. נאָך אַ רגע צו׳וואַרטען!

חיה שרה

יע, צו׳וואַרטען, צו׳וואַרטען! (בליקט ווילד אַרויס) אפשר וועט ער אוועקגעהן... (די מוזיק ווערט פאַרשטומט.)

מיכאל

ווער, מיין קינד?

חיה שרה

ער... יענער... פאַר מיינע אויגען שטעהט ער דאָ... זיין פּנים איז מרה־שחורה׳דיג... ער איז אין כעס... בלייך ווי אַ טויט און אין כעס! (פּויזע.)

מיכאל

קלער, מי דאַרף אָבלעגען די חתונה... רופט אַריין דעם חתן, ר׳ ירוחם! זי איז קראַנק, מיין קינד, קראַנקער פאַר מיר... (ירוחם אָב.)

זעקסטע ערשיינונג

פּיוּועל

(אָנגעטאָן יום־טוב'דיג, שטעהט ער ווי פערשטיינערט אין טיהר, די אויגען אַרײַנגעלאָזען אין חיה־שרה'ן. לאַנגזאַם קומט זי צו איהם צו.)

חיה שרה

פּיוּועלע... איך קען ניט... טייער ביסטו מיר, טייערער ווי דער לעבען, אָבער... מיר וועלען ניט התונה האָבען. (זי רייסט פון זיך אַרונטער דעם דעקטוך) ער... וועט ניט לאָזען... ער וויל ניט... צווישען מיר און דיר שטעהט ער, מיט זיין בלייכען, בייזען פּנים, מיט זיין ביסטרען קוק, פּיוּועלע... אַט אזוי ווי איצט... ווי איצט...

פּיוּועל

(מאַכט אַ בעוועגונג מיט די ליפּען. זי לאָזט איהם ניט רעדען.)

חיה שרה

ששש! שטיל, מיין גוטינקער, ניט גערעט! (טוט אויס אַ רינג פון'ם פינגער) נאַדיר קאַריק דיין תנאים־מתנה, נעהם דיין פינגער'ל צוריק! (ער נעהמט, ניט וויסענדיג וואָס ער טוט) אַט אזוי... מיר מוזען אָבלאָזען דעם שידוך, פּיוּועלע... שיידען, שיידען מוזען מיר זיך... טייערער ווי דער לעבען ביסטו מיר, אָבער רחמיאל לאָזט ניט, ער האָט דיך פיינט, גוטינקער... (זי האַלט ביין אַנידערפאַלען, מיכאל כאַפּט איהר אונטער) ער האָט דיך פיינט...

מיכאל

היה'לע, וואָס איז דיר, מיין קינד? ר' ירוחם, סטעפּאַן, אימיצער! א רופא אהער, א דאָקטאָר!

חיה שרה

(מיט אויסגעגלאָצטע אויגען געגען חתן; קאַס־קאַס וואָס זי רעט) דו הערסט, פּיוּועלע, רחמיאל ל... לאָזט ניט.

פ אָ ר ה אַ נ ג.

כלומרשט אַ חתונה:

אַ דראַמע
אין פיער אַקטען

פאָרוואָרט צו „כלומרשט אַ חתונה״.

זיך נעהמענדיג צום שרייבען דיעזע פיעסע, האָב איך פאַר זיך געהאַט די פאָלגענדע דרייפאַכע אויפגאַבע:

ערסטענס, ארויפצוברענגען אויף די ביהנע אַ גרופע אינטעליגענטע יונגע לייט אין זייער לעבען און זייערע באציעהונגען צווישען זיך. מיר איז ניט באַקאַנט, אַז דאָס זאָל זיין געווען דער פאַל אויף אונזער ביהנע זעהר אָפט. געווים, יונגע „אינטעליגענטען״ און עלטערע געפינען זיך מאַסענהאַפט אין דעם אידישען רעפּערטואַר. דאָס זיינען אָבער מייסטענס איינצעלנע פערזאָנען, אַלס געגענזאַץ צו „אַלט־מאָדישע״ אידען און אידינעס, אָבער ניט אינטעליגענטען צווישען זיך. אין „כלומרשט אַ חתונה״ איז אויך דאָ אַ מרס. זיגעל, אַ רעסטאָראַטאָר, אַ קעלנער און אַנדערע פון דעם אַלטען שנים אידען, אָבער זיי זיינען וועניגער באדייטענדע ראָלען און האָבען קיין גרויסען חלק ניט אין דער „האַנדלונג״ פון דער פיעסע״. די וויכטיגע פערזאָנען זיינען די געוועזענע שטודענטען און שפרה.

צווייטענס, האָט זיך מיר געוועלט ארויסברענגען דעם אויפכאַפּען זיך פון שלאָף, מיט אַלע זיינע אַסימילאַטאָרישע חלומות, פונ׳ם אידישען פאָלק ארום די לעצטע יאָהרען פונ׳ם נייַנצעהנטען יאָהרהונדערט. אַט די דאָזיגע אינטעליגענטען האָט דער נייער אַנטיסעמיטיזם אין די ציווילוזירטע לענדער ביסלעכווייז אויפגעריסען די אויגען און זיי האָבען זיך ארומגעזעהן, אַז זיי זיינען אַלין נאָך אידען; אַז צווישען סאָציאַליסטען זיינען קיין סתם־מענשען מיט הויל פראָלעטאַרישע באשטרעבונגען (און ווייטער גאָר נישט) ניטאָ, בעת דער אידישער מיטעלקלאַס האָט גענומען פיהלען, אַז אַלין וואָס ער האָט געטאָן אין דעם נייַנצעהנטען יאָהרהונדערט צו ווערען „מיט אַלעמען צוגלייך״: אַ טייטש צווישען טייטשען, אַ רוס צווישען רוסען און אזוי ווייטער האָט איהם גאָרניט געהאָלפען און ער איז נאָך אַלין אַ איד. ארום יענע צייט — מען קען נעהמען אַלס אַן אָנפאַנג פון דער נייער עפּאָכע דעם יאָהר 1897 — איז אויסגעוואַקסען פון איין זייט דער פּראָלעטאַרישער „בונדיזם״ און פון דער אַנדערער זייט דער פּאָלי־

מישער ציוניזם, יעדער אויף זיין אופן אונטערשטרייכענדיג דעם פאַקט, אַז עס איז דאָ אַזאַ זאַך ווי אידישקייט, צו וועלכען קלאַס און פון וועלכען שטאַנדפּונקט איהר זאָלט צו איהר ניט צוגעהן.

דריטענס, האָב איך פּרובירט אַרויסברענגען, כמעט פאַרבייגעהענדיג, דעם מאָדערנעם קוק אויף די פרוי אַלס מענש. איך זאָג פאַרבייגעהענדיג, ווייל אין דיעזען פּרט ווי אויך אין דעם פּרט פון אידישקייט האָב איך ניט געוואָלט אַריינגעהן אין צו ווייטע דרכים. ביידע פראַגען ווערען באַריהרט אין דער פּיעסע אין קורצע דיאַלאָגען, וואָס נעהמען ניט מעהר ווי אַ פּאָאַר מינוט דאָ, אַ פּאָאַר מינוט דאָרטען, כדי ניט צו שטערען די דראַמאַטישע האַנדלונג דורך טענדענציעזע לאַנגע דרשות.

דאָס אַלץ איז געווען מיין כונה אַרויסצוברענגען אין דער ענגער ראַהמקע פון אַ פּיער־אַקטיגער קאָמעדיע. צי דאָס האָט זיך מיר איינגעגעבען און ווי ווייט דאָס איז מיר געלונגען קען איך אַליין, פאַרשטעהט זיך, ניט אורטיילען.

וואָס איז שייך צו דער אויפפיהרונג אויף דער ביהנע, אויב דאָס זאָל ווען עס איז געשעהען, וואָלט איך דאָ מאַכען אַ פּאָאַר קורצע באַמערקונגען, אַ שטייגער ווי ביין „לעצטען נאַבאָר״.

שטוב איז אַ קאָמישע ראָלע, וואָס מאָר בשום אופן ניט איבערטריבען ווערען. שטוב איז אַן עהרליכער, ערנסטער מענש, וואָס האָט בלויז די שוואַכקייט צו זעהן אין אַלץ די שעהנקייט פון דער פּראָזע און אַריבערצובאַפּען די מאָס אין זיין אורטייל. ער איז אַ „שפּיאָנענזוכער״ אין ערנסט; דער קאָמיזם קומט אַרויס דורך די לאַגע, אין וועלכע זיין שפּיאָנענזוכעריי ווערט אָנגעווענדעט. ער איז ניט קיין באַיאַץ און ניט קיין געוועהנליכער פּראַזענמאַכער. בלויז זיין איבערטריבענע פריינדליכקייט, זיין איבערגעזאַלצענע אַרט פון אויסדריקען זיך מאַכען איהם פאַר אַ נודניק. אַזוי מוז שטוב געשפּיעלט ווערן. דער קאָמיזם וועט אַרויסקומען אַלץ מעהר בולט וואָס ערנסטער ער וועט זיין אויף דער סצענע.

עס שאַדט ניט צו באַמערקען, אַז שטוב געהט כסדר אַרום מיסטעריעז קוקענדיג אַרום זיך און כלומרשט צופעליג באַטראַכטענדיג פון אַ זייט יעדען פרעמדען מענשען. איך זאָג „פון אַ זייט״, מחמת בטבע איז שטוב ניט קיין צודרינגליכער מענש, ניט דאָס, וואָס די רוסען רופען אַ „נאַגאַל״. ער וואָלט אונטער געוועהנליכע אומשטענדען ניט אַריינלאָזען די אויגען אין אַ מענשען. די שפּיאָנענזוכעריי מאַכט איהם אַריבערטרעטען די גרעניצען פון געוועהנליכע איידעלקייט.

שפרה׳ס רייד מאָרען ניט אַרויסגעבראַכט ווערן צו באָמבאַסטיש, צו מעשה־מגידיש. שפרה שרייט קיינמאָל ניט. זי דעקלאַמירט ניט.

זי רעט. זי האָט אימער אַ פּריינדליכען שמייכעל אויף די ליפּען, אפילו ווען זי איז סאַרקאַסטיש. זי רעט מיט איבערצייגונג, מיט זיכערקייט, מיט פעסטקייט, ווי איינע וואָס האָט אַ סך נאָכגעדענקט און איז געקומען צו אַ באשלוס, וואָס קיין ספק קען ניט ריהרען פון אָרט.

קרויזקאָפּ'ס ראָלע דאַרף זיין לייכט צו פארשטעהן פאַר יעדען אינטעליגענטען אַקטיאָר קוים באגרייפט ער דעם טיף.

בערמאַנ'ס איז נאָך לייכטער אויפצופאַסען און דערפאַר נאָך לייב־טער פאָרצושטעלען.

ביידע זיינען זייער אסימילירטע, אָבער צווישען זיי איז דאָ אַ גרויסער אונטערשיעד. קרויזקאָפּ איז פּשוט אַ תם אין דער אידענ־פראַגע. ער האָט געלעבט אין זיין „אומגליק" אַל' די יאָהרען און האָט גאָר ניט געמערקט, אַז עפּעס האָט פּאַסירט אין דעם לעבען פון דער רוסיש־אידישער „אינטעליגענץ". דאָס עפענען זיך איצטער לאַנג־זאַם זיינע אויגען דורך שפרה'ס איינפלוס.

בערמאַן, דאַגעגען, איז אַן איבערצייגטער אַסימיליאַנט. ער וויל ניט וויסען פון קיין שום אידישקייט. ער וואָלט וואַהרשיינליך באַ־קעמפפען פונקט אַזוי שטאַרק דעם בונדיזם (יעדענפאַלס פונ'ם נאַציאָ־נאַלען פליגעל) ווי דעם ציוניזם, ווי אַלע אַנדערע נאַציאָנאַל־אידישע פּאַרטייען און ריכטונגען. ער דאַרף אַזוי געשפּיעלט ווערן, אַז עס זאָל זיך זעהן דייטליך און בולט, אַז ער האַלט זיין מיינונג פאַר די איינציג־מעגליכע און אַז ער קוקט אויף די נאַציאָנאַלע אידען מכל המינים מיט פאראַכטונג, אָדער מיט רחמנות וועגען זייער „לעכערליכע לאַגע".

לאָמיר זיך אויף אַ ווײַלינקע אומקעהרען צו שטופּ'ען.

ער איז אויך אַן אַסימיליאַנט און טאַקע פון בערמאַנ'ס חדר. אָבער ביי איהם פעהלט אין דעם פּרט ווי אין אַנדערע פּרטים די פעסטע איבערצייגונג. ער קען לייכט גענומען ווערען פון אַ שטאַרקע געגנ־נערישע פראַזע אויב זי איז נור שעהן. דערפאַר מוז דער, וואָס שפּיעלט שטופּ'ען, אין דעם פארלויף פון דער האַנדלונג ביסלעכווייז זיך צוהערען מעהר און מעהר סימפּאַטיש צו שפרה'ס „אידישקייט".

די שאַכשפּיעלער און די דאָמינאָ שפּיעלער מוזען געמאַכט ווערען פאַר גוטע, הגם קורצע, ראָלען דורך אַקטיאָרען, וואָס קענען שפּיעלען אָהן ווערטער. דאָ איז ניט נויטיג צו געבען ספּעציעלע לעקציעס אין דעם פּרט. די אָנדייטונג דאַרף זיין גענוג.

אויב עס איז טעכניש מעגליך, וואָלט געווען גוט אין דריטען אַקט צו ווייזען דורכ'ען פענסטער אינ'ם הינטערגרונד דעם לאָנדאָנער „פאָג".

דאָס קען, קלער איך, געמאַכט ווערען דורך אַ שטראַסען־לאָמפּ, וואָס זעהט זיך האַלב פאַרדונקעלט דורך אַ מין נעבעל. די שוישפּיעלער דאַרפען זיין אָנגעטאָן עפּעס אַזוי ווי זיי וואָלטען זיין דורכגענומען דורך און דורך פון די פייכטע קעלט.

כלומר'שט אַ חתונה

פערזאָנען:

יודעל (יוליום) קרויזקאָפּ, דער פּרויענהאַסער, 31 יאָהר אַלט.
שפרה (סאַפּיע) בערמאַן, אַן אינטעליגענטקע פון אַ יאָהר 23.
נחום (נאַאום) בערמאַן, איהר ברודער, 25 יאָהר אַלט.
מרס. זיגעל, קרויזקאָפּ'ס בעל־הבית'טע, אַן אלמנה פון אַ יאָהר 50.
גדליה שטופּ, אַ נודניק, אַלט אַ יאָהר 30; אַ שפּיאָנענזוכער.
ברוך פלינק, אַ רעסטאָראַטאָר מיט פּרעטענזיעס אויף השכלה, אַלט אַ יאָהר 60.
שמעלקע, אַן אַלטער קעלנער, אַ יחסן פון דערהיים, אַלט אַ יאָהר 50.
שאַך־שפּיעלער, דאָמינאָ־שפּיעלער, מיטינג־בעזוכער,
עלטערע און איינגערע מענשען.

צייט: דער יעסען פון 1899.
אָרט: לאָנדאָן, אין אידישען קוואַרטאַל.

צווישען דעם ערסטען אַקט און דעם צווייטען פערגעהט אַ וואָך;
צווישען דעם צווייטען און דעם דריטען — עטליכע שעה;
צווישען דעם דריטען און דעם פיערטען — פיער טעג.

ערסטער אַקט

ברוך פלינק׳ס רעסטאראַן; סמנים פון אַמאָליגע עלעגאַנץ; ציכטיג אומעדום. — פיערקאַנטיגע טישלעך מיט פיער שטולען אַרום יעדען און אַ גרויסער רונדער טיש אין מיטען סצענע. — אינ׳ם הינטער־גרונד אַ טיהר אין גאַס אַריין; איבער׳ן טיהר אַ הירשקאָפּ; אַרום — אַלערליי אָנצייגען, בילדער, בילדלעך און אַ וואַנד־קאַלענדאַר.— לינקס אינ׳ם הינטערגרונד אַ טיהר אין קיך אַריין, רעכטס אַ מין טאָנבאַנק מיט אַ קאַסע־פּולט דאַרויף; אונטען זעהען זיך קעסטלעך פון ציגאַרען און פּאַפּיראָסען. — זיצען צוויי געסט און שפּילען דאָמינאָ.—די פענסטער זיינען פערהאַנגען מיט האַלבע גאַרדינען.— עס איז אַרום האַלב נאָך עלף אַ זייגער פון אָוועגד. — אייִדער דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף דערהערט זיך אַ שטורעם פון אַפּלאָדיס־מענטען פון אַ זאַל איבער׳ן וועג.

ערסטע ערשיינונג

ברוך פלינק, שמעלקע דער קעלנער און צוויי דאָמינאָ־שפּיעלער.

פלינק

הייסט דאָס — א סוף! גאָט צו דאנקען דערפאַר! האָב גע־מיינט דער מיטינג וועט זיך גאָר קיינמאָל ניט ענדיגען זיך. אָט רעט מען! גלאַט אין דער וועלט אריין רעט מען! פרעג: ווער? וואָס? וועמען? מי האַקט א טשאַייניק, האַקט מען. און דאָ

זיץ און ברען געז א גאנצע נאכט, דער שווארץ יאָהר וויים פאר וועמען.

שמעלקע

דאָס האָט, הער איך, קרויזקאָפּ היינט געדארפט דרשה'נען. נו, האָט ער איצט געמוזט קאָנטשען רעדען. מאכען א ביסעל ליכטיגער, ניין? דער עולם וועט זיך באלד א לאָז טאָן אהער... (צינדט אָן נאָך געז־רעהרען.)

פלינק

יע, יע! זיי לאָזען זיך אריין מיט אמאל זיך... אָבער וויפיעל? נויטיג געדארפט אזאן עולם האלטען ביז האלבע נאכט... געהען זיי ארויס פון האָל ארום עלף איז... פאר אלעמען גלייכער... איי די מיטינגס! פרעג: ווער דארף זיי! א שטער צום לייזונג און ווייטער גאָר ניט.

איין דאָמינאָ־שפּיעלער

איי, ר' קרוב, שפּיעלט איהר! אויף גוי'אישע חתונות מעגט איהר שפּיעלען! ווי זעהט מען דאָס ניט אזא קלאָרען בלאָק? בלינד דארף מען דאָך זיין עס ניט צו זעהן... נו,ווארט, וויפיעל נעהם איך? (צעהלט) צעהן, פופצעהן, ניינצעהן, דריי־און־צוואנציג, ניינאונצוואנציג, זיעבענאונדרייסיג... פערשרייבט!

צווייטער

ווארט, לאָמיך איבערצעהלען (בורבעלט) אכט, פערצעהן, אכטצעהן, צוואנטשיג־צוויי, צוואנטשיג־זיעבען, דריישיג־זיעבען... ריכטיג! זיעבען־אי־דריישיג... וואו'ז מיין בלייער? דאכט־זיך נאָר־וואָס געהאט?! (זוכט אין אַלע קעשענעס, אויפ'ן טיש, אונטער'ן טיש און אָרום טיש) ניטאָ! כסדר, איך פערליער בלייערס... צום קאַדיק! מיסטער פלינק, טוט א מענשען א טובה, אנטלייהט א בלייער!

פלינק

אזוי! א בלייער אויך! און וואָס נאָך, וואָס? פאר איין גלאָז טיי א קיימאָ־לן פון צוואנציג קוביק־פיס געז אויסגעברענט, א

פערטעל שטוהל אַבגעזעסען, אַ פולע שטוב אָנגערויכערט און דער־לאַנג איהם נאָך אַ פּענסיל אויף צו אַלע צרות, דערלאַנג איהם...

ערסטער שפּיעלער

אַט דאָס רוף איך אַ איד אַ בעל חשבון! אויסגערעכענט מיט תשבורת, אויפ׳ן האָאר! מילא־וואָ? וועלען מיר מאַכען אַ גימטריא! איך נעהם ביי אייך זיעבען־און־דרייסיג כשר׳ע אויגע־לעך... זיעבען־און־דרייסיג איז בגימטריאָ... בנימטריאָ... אזוי ברייט און אזוי לאַנג ווי דגל — דגל אַ פּאָהן. (ער מישט, זעהר צופריעדען מיט זיך, די שטיינער.) זעצען זעצט איהר; אַ ביינדעל אהער!

צווייטער

(פערטראַכט) און איך... איך האָב דאָס נאָך גאָר ניט?

ערסטער

פון וואַנען זאָלט איהר האָבען? אַ פריץ האָט פערלאָרען? איהר האָט ביי מיר גענומען דאָפּעל־בלאָס, מאַכט רש״י, צוויי מאָל גאָר־נישט. ניט אמת, מיסטער פלינק? צוויי מאָל גאָרנישט איז לכל הדעות גאָרנישט. אזוי וויל, דאַכט זיך, האָבען דער „צפנת פענח“ און ער, זאָגט מען, האָט געקענט רעכענען, ניין?

צווייטער

איהר וועט, אם ירצה־השם, לאַכען מיט אנאַנדערער קול ווען דער רעדלע וועט זיך אַ דרעה טאָן קאַריק! זיעבען־און־דריישיג קען מען אזא אידען ווי אייך פאַרגעבען. (שטעלט אַ שטיין, דאַן זוכט ער ווייטער, נערוועז, אין די קעשענעס.) דאָפּעל־זעקס! ער קלעבט צו מיר ווי...

ערסטער

(העלפט איהם אויס) ווי דער שלים־מזל צום דרדקי־מלמד... וואָרים פון מיר ווייכט ער... איך קריעג איהם ניט... גאָר ניט, אודאי ניט... ווי קום איך צו דאָפּעלט־זעקס?

צווייטער

אז איהר קריעגט דעם דאָקטאָר־אַדלער דאַרפט איהר איהם... אייך קומט אזא שטיין שטענדיג צו־ניץ... וואָס קויפט איהר אזא סך?

ערסטער

מסתמא דאַרף איך. שאַרמאַק, ר׳ קרוב, איז ניט מיין שפּיעל... און אויף נסים פאַרלאָז איך זיך ניט...

צווייטע ערשיינונג

גדליה שטופּ צו די פריהערדיגע.

צווייטער

איצט וועט מען שוין גאָר ניט קענען שפּיעלען. דער נודניק איז דאָ.

שטופּ

(אַריינקומענדיג) מיסטער פלינק, איהר מעגט זיך ריכטען אויף אַן עולם, אַ גרויסען עולם, גאָר אַ גרויסען עולם, ביי דזשינגאָ! (פלינק קעהרט זיך פון איהם אָב, ער געהט איהם נאָך און רעט:) קרויז־קאָפּ האָט היינט גוט גערעט. אָבער, פערשטעהט איהר מיך טאַקע גוט, גוט וואָס גוט הייסט! אויף מיינע מבינות מעגט איהר זיך פערלאָזען. האָב געהערט די בעסטע — וואָרים וואו בין איך ניט אויסגעוועזען? — האָב געהערט די בעסטע רעדנער פון מיין צייט, גאָר די בעסטע, פערשטעהט איהר, די סאַמע וואַזשנע, רעדנער אַ־לאַ גאַמבעטאַ, דיזראַעלי און... און... אַ מאַלאָ וועמען נאָך? און אגב...! (פלינק דרעהט זיך אַרויס פון זיינע הענט און געהט אַריין אין קיך; שטופּ רעט ווייטער אין דעמזעלבען טאָן, זיך ווענדענדיג צום קעלנער:) און אגב, זאָג איך, בין איך דאָך עפּעס אַליין אויך ניט פון די קאַליקעס ווען עס קומט צום רעדען...

שמעלקע

יע, צום רעדען, ניט צו פערזינדיגען, איהר רעט, פּאַני שטופּ, ווי אַ היימישער שדכן, אָדער אַ היגער באַרבער...

שטופּ

(אַ ביסעל בעליידיגט) אַלס אַ ווערטעל גאָר ניש־קשה׳דיג, דזשאָו!... אַ קלוגער אורח האָט דאָס מסתמא געלאָזט פאַלען דאָ און איהר האָט עס אויפגעהויבען...

שמעלקע

אין קלוגע געסט זיינען מיר דאָ, הלואי ווייטער, ניט זעדנע, פּאַני שטופּ. פון אייך אַליין...

שטופּ

פון מיר אַליין האָט איהר שוין גאָר געמעגט...

שמעלקע

אודאי! האָטש שטעה און קלייב... מיט אייערע ברעקלעך קען מען אָנקאָרמענען אַ פּולק זעלנער און איך בין, ברוך השם, דאָ ארום אייך גרוי און אַלט געוואָרען.

פלינק

(פון קיך) נעהם, שפּרייט אויס אַ ריינעם טישטוך אויפ'ן גרויסען טיש! (שמעלקע געהט אַוועג, שטופּ רוקט זיך צו צו די דאָמינאָ־שפּיעלער.)

שטופּ

ווער געווינט, אַ ציקאַוועס? וואָס? איהר פערשרייבט דאָס גאָר ניט? איך האַלט פון פאַרשרייבען, און טאַקע ריכטיג פאַרשרייבען. וואָס טויג אייך האָבען אַ מחלוקה נאָך יעדען שפּיעל? ביי מיר איז אַ כלל... איי, איי, איי! גזלן, וואָס טוט איהר? גאָט איז מיט אייך! אָט דער גאַנג קוילעט אייך דאָך אַוועק... קוילעט אָהן אַ חלף... צום פינף האָט איהר געדאַרפט געהן, צום פינף!

ערסטער שפּיעלער

ר' קרוב, זייט מוחל, קוקט און שווייגט... אז מען וועט זיך נויטיגען אין אַן עצה, וועט מען דערגעהן אייער אַדרעס. (צום צווייטען:) אַביסעל לעבעדיגער! אַ שטיין אָדער אַ ביין, מען קען דאָך אַזוי איינדרעמלען אונטער אייערע הענט...

פלינק

במחילת כבודכם, רבותי, אַ האָרעלע שטילער. מי קומט פונ'ם מיטינג, קומט מען. (אַריינקוקענדיג אין טיהר:) אָה, מיס בערמאַן, מיסטער בערמאַן, ווי געהט'ס?

בערמאַן

א איד וואָלט געזאָגט: „ווי זאָל עס געהן?"

שפרה

נאָר מיר, נאאום, זיינען דאָך קיין אידען ניט...

בערמאַן

דו לאָזט אַן אויג ניט אראָב פון דיינע אידען... בעשיץ זיי, אָבער איך קלער, מי קען זיין אַ גאַנץ גוטער איד און זיך אָבגעוואוינען פון יענע מידות, וואָס מאַכען דעם אידען לעכערליך...

שפרה

און זיך צוגעוואוינען צו ניט־אידישע מידות, וואָס מאַכען איהם נאָך לעכערליכער, ווייל זיי זעהען אויף איהם אויס ווי דער פראַק איבער אַן ארבע־כנפות.

שטופּ

בראַוואָ! בראַווימאָ! דאָס רוף איך אריינגעזאָגט... און ווי נאָך אריינגעזאָגט... איך געדענק מיט עטליכע יאָהר צוריק, שעהנע עטליכע יאָהר צוריק, איך בין נאָך דאַן געווען גאָר אַ יונגער מאַן...

שפרה

דאָס ווייסען מיר; דאַרפט קיין פּחד ניט האָבען, אַז מען וועט אייך האַלטען פאַר אַלט... נאאום, בעשטעל טיי! קרויזקאָפּ האָט היינט זעהר גוט גערעט; ער קען זיין זעהר אַנגענעהם אויף דער פּלאַטפאָרמע... (נאאום גיט זיין אָרדער אָהן ווערטער.)

ערסטער שפּיעלער

(פּלאַצט אַרויס) האָב מאַקע געקלערט, אַז איהר וועט דעם דאָפּעל־פינף ניט האָבען... אין חכמה ואין עצה כנגד איינעם וואָס איהם געהט אַ שטיין.

צווייטער

אָבער פערשפּיעלט האָט איהר? הייסט דערלאַנגען טיי און מיר געהען אהיים. שפּעט גענונג. אַגב... עס לאַכט זיך עפּעס ניט מעהר... האָב אייך געזאָגט, אַז דער גלגל חוזר קען זיך דערלאַנגען אַ דרעה צו מיר, וועט...

ערסטער

איהר זייט אזא שפּיעלער ווי איך בין א טענצער... האָט אייך דעם מאָל אָבגעגאָלטען. וועל מיט אייך מאָרגען לערנען בלק.

שמעלקע

צוויי טיי, מיינע הערן? (ערסטער שפּיעלער שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ: יאָ!)

שטופּ

זאָל דאָס מיר צוקומען וואָס אייךביידען פעהלט צו גרויסע שפּיעלערס. איהר האָט געדאַרפט זעהן ווי דער גרויסער, דער וועלט־בעריהמטער צוקערטאָרט פלעגט שפּיעלען אָט אין די ביינדלעך. איינמאָל, געדענק איך, זאָגט ער צו מיר... עס געהט אן עולם, אָן געהט קרויזקאָפּ!

דריטע ערשיינונג

קרויזקאָפּ און פערשיעדענע געסטע צו די פריהערדיגע.. זעצען זיך אויס פּאָאר־ווייז, אַנדערע איינציג־ווייז אַרום די טישלעך. קרויקאָפּ ענטפערט אויף בערמאַנ׳ס גרוס פון ווייטען און זעצט זיך אין א ווינקעלע.

בערמאַן

וואָס האָסטו פריהער געוואָלט זאָגען וועגען קרויזקאָפּען אויף דער פּלאַטפאָרמע?

שפרה

מעהר נישט, אז פון דער פּלאַטפאָרמע מאכט ער זעהר אן אנגענעהמען איינדרוק, בעת פּריוואט, זאָגט מען, איז ער אן ערגערער בער ווי יענער אין טשעכאָוו׳ס וואָדעווילטשיק.

בערמאַן

אן אנדער כאָרט בער, אן אנדער סאָרט פּרויענבער...

שפרה

וואָס רופסטו אנאנדער מין „פּרויענבער"?

בערמאַן

ער איז אַ פּראָוויִנציאַלער, אַ פערשוואָרענער שונא אייערער... דו זעהסט ווי ער זיצט אָבגעקעהרט אָן אַ זייט? דאָס מיידט ער דיך אויס... ווען ניט דו, וואָלט ער צו מיר צוגעגאַנגען און מיר וואָלטען זיך אפשר פריינדליך אונטערהאַלטען... דערזעהט ער אַ ווייבס־פּאַרשוין ציעהט ער זיך צונויף ווי אַ יאָזשיק... אין אַ קנויל.

שפרה

(לאַכענדיג) מיט אַלע זיינע נאַרלען אויסגעשטעלט געגען אונז אָרעמע ווייבער, מסתמא...

בערמאַן

יע, מוכן ומזומן צו שטעכען רעכטס און לינקס, טאָמער ריהרט איהם אַזוינע ווי דו אָן, ספּעציעל אַ יונגע...

שפרה

וואָס איך הער? פאַרוואָס ספּעציעל...

בערמאַן

אַ יונגע? ווייל ער פיהלט זיך ניט אַזוי זיכער ווי אין דער געזעל־שאַפט פון פרויען, אָדער עלטערע מיידלעך.

שפרה

ער האָט געמוזט זיין דער העלד אין אַ שרעקליכען ראָמאַן... האָט זיך פערבריהט אויף הייסע און בלאָזט אויף קאַלטע.

בערמאַן

אַזוי ווייזט עס אויס. נאָר פרעג מיך ניט, וואָס דאָרטען האָט ביי איהם אַזוינס פּאַסירט, וואָרים דאָס ווייס קיינער ניט. יעדענפאַלס ווייס מען ניט יענע איינצעלהייטען מיט אַלע זייערע רעדעלעך און שרייפעלעך, וועלכע דיין ווייבערשע נשמה גאַרט געוויס צו וויסען.

שפרה

נו, אודאי! אָהן אַ שטיינדעלע אין מיין גערטעלע בעגעהט זיך דיינע אַ רעדע ניט; זאָל דיר'ס וואויל בעקומען. אינטערעסאַנט, לאָמיך פאַרבייגעהענדיג דיר זאָגען, נאָאום, איז דאָס, וואָס איהר ראַדיקאַלע, פאָרטגעשריטענע מענער, הגם איהר האַלט אין איין

שרייען, אז די פּרויען דאַרפן האָבן גלייכע רעכטע מיט מאַסנ־בילען, ווייל זיי זיינען, זאָגט איהר, אין קיין פּרט ניט ווייניגער מענשען ווי די מענער, לאָזט איהר אין פּריוואט געשפּרעך קיינמאָל ניט פּאַרבייגיין אַ געלעגענהייט, אונז צו ווייזען מיט וויפיעל מיר זיינען קלענער און שטעהען, כלומרשט, ניעדריגער פאַר אייך. (קרימט איהם איבער:) „דיין ווייבער'שע נשמה"! ווי לייכט זי ווענדט אין איער וואָגשאָל, די נשמה די ווייבער'שע, ווען איהר בעדאַרפט איהר ניט אַלס אַ צוגאַב צום ווייבער'שען גוף!

בערמאַן

גלייך געפינסטו זיך בעליידיגט! אפשר וועל איך עס נאָך ערגער מאַכען, אָבער מיר דאַכט, אז דאָס איז אויך אַ ווייבער'שער חסרון: איהר פערשטעהט ניט קיין שפּאַס!

שפרה

אודאי ניט! ווי קומען מיר מיט אונזער ווייבער'שען פערשטאַנד דערצו? און דאָך דאַרף מען כסדר ביי אייך אויפּפּאַסען דוקא ווען איהר שפּאַסט, אָדער בייזערט זיך, ווייל נור דאַן דערגעהט מען ביי אייך אַן אמת, נור דאַן, ניט אַנדערס... אָבער לאָמיר רעדען פון פרעהליכערע זאַכען! ווען ביזטו מיט קרויזקאָפּען בע־קאַנט געוואָרען? (שפּיעלער און אַנדערע געהען אַרויס.) האַ?

בערמאַן

מיט אַ יאָהר זעקס־זיעבען צוריק אין ציריך. מיר האָבען ביידע שטודירט אין בערן, ער מעדיצין, איך — יורא. געטראָפען האָבען מיר זיך אויף אַ פּאָליטישען קאָנגרעס... דאָס איז געווען ניט זעהר לאַנג נאָך זיין גרויסען ראָמאַן, דאָס הייסט נאָך דעם ענד, דער „ראַזוויאַזקאַ" ווי מיר זאָגען. די וואונדען זיינען, ווייזט אויס, יעמאָלט ביי איהם נאָך געווען אָפען און ער האָט מיך גלייך פער־אינטערעסירט. אונגליקליכע ליעבהאָבער זיינען זעהר אינטערע־סאַנט ווען זיי... ווען זיי ליאַרמען ניט וועגען זייער וועהטאָג...

שפרה

דאָס הייסט אויף פּאָעט־לשון, ווען זיי טראָגען די אָפענע וואונדען

פערשלייערט און בעהאלטען. איך פערשטעה... דערצו דארף מען ניט קיין שכל, דאס בענעהמט א פרוי מיט'ן הארצען.

בערמאן

דו ביסט היינט זעהר ביטער, סאניא!

שפרה

(האלב אין שפאס) אין קאנטראסט געגען דיין זיסקייט. אבער מיר וועלען לאנג איינער פון דעם אנדערן ניט ליידען... נאך א וואך, נאך צוויי. לאמיך נור קריגען א פאס.

בערמאן

אויב מיר זאל זיך איינגעבען מיין פלאן... (שטופ געהט אוועק פון קרויזקאפ'ן און געהט צו בערמאנען) איהם דארף איך. עס איז וויכ־טיג אז איך זאל מיט קרויזקאפען זיך דורכרעדען אונטער פיער אויגען. שטופ!

שטופ

(זיך איראניש פערבויגענדיג) וואס געריהען זי בעפעהלען וואלען צו האבען?

בערמאן

טוט מיר א געפאלען, דאס הייסט טוט עס מיין שוועסטער. איך מוז דא פערברענגען א מינוט 10-15 מיט קרויזקאפען. מיט איהם צו רעדען מוז איך משלח זיין סאפיען, ווייל א ניט אנטלויפט ער...

שטופ

כידוע! נו?

בערמאן

איז דערפאר טוט סאפיען אביסעל וועה דער קאפ און אזוי ווי די נאכט איז א שעהנע, און די לופט פריש, באט איהר אן אייער ארעם און געהט מיט איהר ארום אהין און צוריק הא אין גאס, ביז מיר קומען ארויס. (שטופ וויל ענטפערן.) אהן „ספיט־שעס"! די צייט איז קורץ.

שטופּ

איבערגליקליך, אזיב פרוילין בערמאַן איז צופריעדען.

שפרה

צופריעדען און דאַנקבאַר. קומט! (ביידע אָב.)

בערמאַן

שמעלקע! וואו איז פלינק?

שמעלקע

אין בעט. וואָס דאַרפט איהר?

בערמאַן

זיין אַליין מיט קרויזקאָפּען.

שמעלקע

פערשטעה. זעהט! מיר דאַכט, ער האַלט ביין איינשלאָפען.

בערמאַן

ניין, דאָס איז ער פערטיעפט אין זיין צייטונג...

שמעלקע

צוויי גלאָז פרישע טיי, א פּעקעל טערקישע און איך לאָזען אַליין? איך קען מיינע קונדען.

בערמאַן

וואָרום, נאָך ניט צייט, וואָס?

שמעלקע

א ביסעל פרישע יעסען-לופט קען מיר אויך ניט שאַדען. (ער שטעלט אַוועג די פּאַפּיראָסען מיט צוויי גלעזער טיי נעבען קרויזקאָפּען; בערמאַן געהט צו צו איהם; שמעלקע אָב.)

בערמאַן

(צו קרויזקאָפּען) נעהמט א גלאָז טיי, קרויזקאָפּ, פּערּרויכערט א פּאַפּיראָס און שענקט מיר צעהן מינוט צייט.

קרויזקאָפּ

(אַרויסנעהמענדיג דעם קאָפּ פון דער צייטונג) וויכטיגע נייעס פון רוס־לאַנד, בערמאַן?

בערמאַן

די בעוועגונג שטעהט אויף תחית המתים; אָבער, אויב איהר וועט מיר ערלויבען, וועלען מיר היינט לאָזען די פּאָליטיק אַן א זייט.

קרויזקאָפּ

איהר רעט זעלטען אין אזא טאָן...

בערמאַן

דער ענין איז ניט קיין געוועהנליכער, מיין ליעבער קרויזקאָפּ, איהר וועט מיר מוזען ערלויבען אייך צו שטעלען שעהנע עטליכע פראַגען, כדי צו פערשפּאָרען צייט. דאָס איז צווישען אונז אויך ניט קיין געוועהנליכע פּראָצעדור, אָבער אונטער די אומשטענדען זעהר, זעהר א נויטיגע.

קרויזקאָפּ

פרעגט. וואָס איך וועל קענען וועל איך ענטפערן.

בערמאַן

טו הערט־זשע!

קרויזקאָפּ

(פערראויכערט אַ פּאַפּיראָס און דערלאַנגט בערמאַנען איינעם) איך הער, איך הער!

בערמאַן

איהר זייט אַן ענגלישער אונטערטהאַן, ניין?

קרויזקאָפּ

געוויס, שוין עטליכע יאָהר!

בערמאַן

און געבאָרען זייט איהר אין עסטרייך?

קרויזקאָפּ

יע, דאָס הייסט, נאַטירליך, אין גאַליציען.

בערמאַן

אין רוסלאַנד זייט איהר געוועזן א פּאָאר יאָהר מיט אַן עסטרייכישען פּאַספּאָרט.

קרויזקאָפּ

ריכטיג. האָס קלינגט ווי אַ רוסישער דאָפּראָס. (ער שמייכעלט.) אָבער ווייטער, ווייטער!

בערמאַן

אין רוסלאַנד זייט איהר אין דער בעוועגונג ניט געוועזן טהעטיג, ניט אכטענדיג...

קרויזקאָפּ

אויף מיינע סימפּאַטיען און איבערצייגונגען, — ווי שטוּפּ וואָלט זאָגען, „מיין ליעבע צו דער זאַך איז געוועזן אַ ריין פּלאַטאָנישע.“

בערמאַן

(שמייכלענדיג) גוט. און דאָס ברענגט מיך צו אַנאַנדער פראגע, פאַר וועלכע איך מוז בעטען ענטשולדיגונג פאָראויס, ווייל...

קרויזקאָפּ

פרעגט, זשענירט זיך נים. אינ׳ם שלימסטען פאַל וועל איך ניט ענטפערן. מיר זיינען דאָך ניט קיין פרעמדע.

בערמאַן

איהר האָט נאָך אַלץ פיינט די... די פרויען?

קרויזקאָפּ

ווי די שפּינען — בתולות, אלמנות און גרושות...

בערמאַן

שעהנע און יונגע אויך?

קרויקאָפּ

זיי אַם מייסטען... פיינט ווי דעם טויט אַלץ וואָס לעבט אין קאָר־סעטען און ספּאָרנעצעס...

בערמאַן

און איהר זייט נאָך אַלץ ענטשלאָסען קיינמאָל, קיינמאָל ניט צו הייראטהען?

קרויזקאָפּ

סאיידען איך וועל משוגע ווערען... אָבער, הערט! די פראגע אין פאַר אַ מענשען ווי איך אַ בעליידיגונג...

בערמאַן

איך האָב אייך געבעטען פאַרוויס אום ענטשולדיגונג. אייער טיי ווערט קאַלט. גיט מיר אַ מעטש... אַ דאַנק אייך...

קרויזקאָפּ

(האָט איהם דערלאַנגט; טוט אַ זופּ) רעדענדיג וועגען חתונה האָבען... האָט איהר ניט אויף זיך אַרויפגעשלעפּט דעם יאָך?

בערמאַן

איך? ניין. ווארום פרעגט איהר?

קרויזקאָפּ

איז דאָ ניט מיט אייך געוועזען אַ מיידעל, אָדער אַ ווייבעל? האָב געמיינט...

בערמאַן

דאָס איז געוועזען מיין שוועסטער. זי איז אויך געוועזען אין בערן, אָבער שוין ניט אין אייער צייט... וועגען איהר וויל איך טאַקע מיט אייך רעדען...

קרויזקאָפּ

וואָס ווייניגער, לאָמיך האָפען.

בערמאַן

ניט פיעל...

פלינק

(שרייט אַרונטער פון אויבען: שמעלקע!!)

פיערטע ערשיינונג

שמעלקע, באַלד שטופּ און שפּרה צו די פריהערדיגע.

שמעלקע

(אַריינקומענדיג) איך קום, איך קום! וואָס ברענט דאָרטען ביי אייך? (געהט אַרויף אויבען.)

קרויזקאָפּ

מיסטער פּלינק'ען מוז ווען טאָן די האַרץ אויף די געז, וואָס מיר ברענען אוים. לאָמיר דאָס טאַקע מאַכען גיכער און געהן.

בערמאַן

עס וועט ניט לאַנג דויערן. איז... וואָס איך וויל וויסען... אהא! וואָס איז דאָס? מיין שוועסטער קומט צוריק מיט שטופּ'ען...

קרויזקאָפּ

(אין פערלעגענהייט) וואָס ווילען זיי?

שפרה

(צו איהר ברודער) זאָג מיסטער שטופּ'ען אז ער איז ניט ביין זינען.

שטופּ

פרוילײן בערמאַן, מיט מיין גאַנצען רעשפּעקט פאַר אייך, און מיין רעשפּעקט פאַר אייך איז גרויס, זעהר גרויס, גאַר, גאַר גרויס, פערשטעהט איהר מיך, מוז איך אייך זאָגען, אז איך בין גערעכט...

בערמאַן

אַרום וואָס רעדט איהר? און מיט אזוי פיעל היץ?

שפרה

הערר שטופּ, ווי געוועהנליך, זעהט אומעטום שפּיאָנען...

שטופּ

אומעטום, ווי אומעטום! לאָז זיין אז איך בין משוגע, אַבוואָהל, איך פערשטעה זיך אויף די טונקעלע חברה... איי, פערשטעה איך זיך! און ווי נאָך פערשטעה איך זיך! איך פערשטעה זיך שוין גאָר גוט! נאָר איך רעד ניט איצט וועגען סתם שפּיאָנען, עפּעס גלאַט אזוי אין דער וועלט אריין שפּיאָנען. דאָ ביין הויז, אַרום הויז, אַרום אייערע פענסטער האָט זיך טאַקע איצט — און ווען איך זאָג איצט, מיין איך איצט... די געגענווערטיגע צייט, בעת איהר ביידע האָט דאָ גערעדט — אַרומגעדרעהט א רוסישער שפּיאָן און טאַקע א רוסישער: האָב איהם דערקענט נאָך זיין פּאַכאָדקע, נאָך זיין הילוך...

בערמאַן

(צו זיין שוועסטער) ווי ווייט ביזטו געווען פון איהם?

שפרה

אַ הייזער צוואַנציג... ער איז משוגע, מיין קאַוואַליער.

בערמאַן

ענדיג) ניט אין גאַנצען. וואו איז דער שפּיאָן אהינגעקומען?

שטופּ

איז מיט אַ פּאָאר מינוט צוריק פּלוצלונג פערשוואונדען... עפּעס ווי די ערד וואָלט איהם איינגעשלונגען.

בערמאַן

בערוהיגט זיך, ליעבער שטופּ. שפּיאָנען זיינען אפשר ארום אונז דאָ, אָבער גראָד דאָס מאָל האָט איהר געזעהן אונזער אַלטען גוטען פריינד, דעם קעלנער, שמעלקע׳ן.

שפרה

דאָס האָסטו איהם מן הסתם ארויסגעשיקט צו קענען זיין אַליין מיט הערר'ן קרויזקאָפּ. (ער פערבויגט זיך צו איהר, זי ענטפערט מיט אַ שמייכעל, טוענדיג אַ שאָקעל מיט׳ן קאָפּ; קרויזקאָפּ ווערט קאָנפוז.)

שטופּ

איז דאָס מעגליך? (שמייכעלט.) טאָ פאר וואָס איז ער מיט אמאָל פערשוואונדען? איך וואָלט געשוואָרען, אז ער האָט זיך ארייננגע־גנב׳עט דורך אַ פענסטער אַהער אין הויז, כדי צו קענען האָרכען און איהר זאָלט איהם ניט זעהן.

בערמאַן

ניט ארייננגע׳גנב׳עט האָט ער זיך, ער איז אריינגעלאָפען, און ניט דורכ׳ן פענסטער, נור דוקא דורכ׳ען טיהר, ווי אַלע מענשען פון אַ גאַנץ יאָהר. האַסטיג, דאָס איז אמת, איז ער אריין, ווייל הערר פלינק האָט איהם מיט כעס אַ רוף געטאָן.

שפרה

. הייסט דאָס, הערר שטופּ, אַז מיר האָבען דאָס מאָל...

שטופּ
דאָס מאָל ווייס איך ניט, אָבער אַזאַ פּאַל איז געווען אין זשענעווא ביי פּראָפּעסאָר דראַגאָמאַנאָוו, ווייסט איהר דאָך פּראָפּעסאָר דראַגאָמאַנאָוו, דעם גרויסען דראַגאָמאַנאָוו...

שפרה
קומט, איהר וועט דאָס מיר דערצעהלען אין גאַס. דאָ איז סאַיי ווי סיי צופיעל אָנגערויכערט און אגב — שיינט עס... (טוט אַ שעלמישען קוק אויף קרויזקאָפּ'ען) זיינען מיר דאָ איבריג. אָן אונ־געבעטענער גאַסט, זאָגט דער רוס, איז ערגער פאַר אַ טאָטער"...
קומט! (זי נעהמט שטופּ'ס אָרעם און געהט מיט איהם אַרויס.)

קרויקאָפּ
דאָס איז אַן אמת'ע מאַניע, די שפּיאָנענזוכעריי. שטופּ איז ניט דער איינציגער... די מגפה האַלט זיך אין פערשפּרייטען. נאָה לאָמיר צוריקקומען צו אונזער ענין... און מאַכט עס גיך.

בערמאַן
אַזוי קורץ ווי עס וועט זיך לאָזען. הערט־זשע! איהר זאָגט איהר האָסט פּרויען... גלויבט איהר, אַז דאָס וועט אימער אַזוי זיין?

קרויזקאָפּ
(אונגעדולדיג) הערט, בערמאַן, זיינען די אַלע פראַגען ווירקליך נויטיג?

בערמאַן
זעהר נויטיג. איהר מוזט מיט מיר האָבען געדולד. זייט איהר זיכער ,אַז איהר וועט אימער אַזוי פיהלען און דענקען?

קרויזקאָפּ
אַבסאָלוט זיכער!

בערמאַן
אַז איהר וועט קיינמאָל שוין ניט חתונה האָבען?

קרויזקאָפּ
אַזוי זיכער ווי איך בין זיכער מיט'ן טויט.

בערמאַן

און טאַמער... קען דאָס גאָר ניט פּאַסירען, אַז צו אייער הארצען זאָל אַמאָל אויך דערגעהן אַ פייל פון גאָט אמאָר׳ס בויגען?

קרויזקאָפּ

(שמייכלענדיג, אָבער ביטער) קיין פייל וועט ניט דורכנעהמען דעם פּאַנצער, וואָס איך טראָג געגען מיין ברוסט.

בערמאַן

הונדערטער, טויזענדער מענשען, אין אַלע צייטען, האָבען אין אייערע אומשטענדען געשוואָרען קיינמאָל, קיינמאָל מעהר ניט צו ליעבען, מעהר ניט צו קוקען אויף פרויען און זיינען סוף־כל־סוף...

קרויזקאָפּ

געבליבען נאררען. איך וויים, איך וויים. אָבער, ליעבער בערמאַן, ניט איין מענש אין אַ מיליאָן האָט געהאַט מיין ערפאַהרונג. וואָלט איך׳ס אייך דערצעהלט, וואָלטען זיך אייך געשטעלט די האָאר קאפּויר. עס איז דערפאַר ניט וואהרשיינליך, כמעט ניט מעגליך, אַז מיט מיר זאָל געשעהן, וואָס עס איז געשעהן מיט טויזענדער אנדערע. אָבער... (ער פערטראַכט זיך.)

בערמאַן

יע, אָבער... טאָמער פּאָרט? טאָמער קומט אַמאָל פּאָרט אַזאַ ווייבס־בילד, וואָס וועט נעהמען געפאַנגען אייער הארץ מיט׳ן פּאַנ־צער מיט אַלעמען, וואָס דאַן?

קרויזקאָפּ

טאָמער פּאַסירט אַזאַ אונמעגליכע זאַך פּאָרט — און לאָנדאָן ברידזש וועט ניכער זיך פערוואַנדלען אין אַ בריק פון שפּינוועבס — דאַן וועל איך ווערן נאָך אומגליקליכער, ווי איך בין שוין איינמאָל געוועזן, ווייל...

בערמאַן

יע, יע, ווייל....

קרויזקאַפּ

ווייל וואָס מעהר איך וואָלט איצט אַ פרוי ליעבען, אַלץ מעהר וואָלט איך זיך האַלטען ביי מיין בעשלוס, ניט חתונה צו האָבען.

בערמאַן

אפילו ניט אין דעם פאַל, ווען זי וואָלט אייך ליעבען?

קרויקאָפּ

דאַן געוויס ניט...

בערמאַן

איך פערשטעה אייך ניט, ווארום דאַן געוויס ניט?

קרויזקאָפּ

אָה, איהר זייט נאָך גאָר אַ קינד, בערמאַן! קודם, וואָס הייסט ליעבען, מיך ליעבען? ! אַ פרוי מיך ליעבען? ! אַ פרוי'ס ליעבע איז ענטוועדער פאַלש, אַזוי פאַלש און אַזוי ווּעניג סאָליד, אַזוי פּוסט און אָהן אַ ממשות, ווי דער שוים פון... ניט פון ים, (מיט אַ שמייכעל) נור פון אַ גלאָז בייעריש־ביער... אָדער אַניט, גערהט דאָס איבער איידער איהר קוקט זיך אַרום. אָה, איהר קענט זיי ניט... אַ שלאַנג אַרום אייער ברוסט איז ניט אַזוי געפעהרליך ווי אַ ווייבערישע אומאַרמונג... אין אַ שולער איז דאָ מעהר אמת, מעהר עהרליכקייט ווי אין אַ פרויענצימער... אַ.. אַ... (ער טוט זיך אַ נעהם פאַר'ן האַרצען) לאָז זיין! גענוג!

בערמאַן

והשנית?

קרויזקאָפּ

וואָס מיינט איהר?

בערמאַן

איהר האָט אָנגעהויבען: „קודם... קענען זיי ניט ליעבען" און אַזוי ווייטער... נו, טאָמער אָבער...

קרויזקאָפּ

גערעכט! וואָס איך האָב געוועלט אויספיהרען איז איינפאַך אָט־וואָס: טאָמער פּאַסירט אַז איך זאָל דורך ערגיץ אַ כישוף, אַז איך

זאָל דורך ערגיץ אַן איבערנאַטירלעכן צופאַל זיך פאַרליבען אין אזא פרויענצימער, וואָס זאָל מיךווירקליך אמת ליעבען... וואָלט איך דאַן ערסט רעכט מיט איהר ניט חתונה געהאַט, כדי ניט צו האָבען די מעגליכקייט ווידער אמאָל צו דערלעבען דאָס וואָס איך האָב דורכגעלעבט, ווייל צוויי מאָל קומט קיין אברהם ניט ארוים לעבעדיג פון אַן אור־כשדים. אָבער צו־וואָס איז דאָס אַלץ איך נויטיג צו וויסען?

בערמאַן

איהר ועט באלד זעהן. לאָמיך צוערסט אונטערציהען די אונטערס־טע שורה, כדי צו געהן אויף אַן אייזערנעם בריק צום תוך פון מיין ענין... סומא סומארום פון אַלע אונזערע רייד, הייסט דאָס, איז אַז אין קיין פאַל וועט איהר קיינמאָל ניט נעהמען קיין ווייב, אפילו ניט ווען אייערע געפיהלען זאָלען זיך ענדערן...

קרויזקאָפּ

יע, דאָס איז דער סך־הכל. אָבער...

בערמאַן

דאָס פרעהט מיך צו הערען. אויב אזוי, האָב איך, דאכט זיך, אָנ־געקלאפּט אין די ריכטיגע טיר...

קרויזקאָפּ

וואָס מיינט איהר?

בערמאַן

אַט איז וואָס איך מיין: איהר, מיט אייער גרויסע הארץ, קרויז־קאָפּ, מיט אייערע בעקאנטע צוגעבונדענקייט צו אונזער הייליגער זאך, קענט איצט גליקליך מאכען א מענשען.

קרויזקאָפּ

איהר ווערט מיסטעריעזער מיט יעדען אויגענבליק. ווי אַזוי קען איך דאָס טאָן? דאָס — וואָס?

בערמאַן

אזוי ווי איהר האָט בעשלאָסען קיינמאָל ניט צו נעהמען קיין ווייב, פערלאַנג איך, אַז איהר זאָלט חתונה האָבען מיט מיין שוועסטער.

קרויזקאָפּ

(פּלאַצט אַרויס מיט אַ היסטערישען געלעכטער) חאַ־חאַ־חאַ! חאַ־חאַ־חאַ! חי־חי־חי! אַ דאַנק אייך — חאַ־חאַ־חאַ! — אַ דאַנק אייך, בערמאַן, אַזוי האָב איך שוין ניט געלאַכט פון יאָהרען... חאַ־חאַ־חאַ! געהט, איהר זייט אַ ליץ!

בערמאַן

ענדינגט לאַכען, וועל איך אייך ווייזען, אַז דער ענין איז זעהר אַן ערנסטער. (קרויזקאָפּ האַלט אין איין לאַכען. פּויזע.)

פינפטע ערשיינונג

פלינק אין אַ כאַלאַט מיט פּאַנטאָפּעל אויף די פיס לויפט אַריין אין צימער; נאָך איהם שמעלקע פון גאַס.

פלינק

גאָט אי מיט אייך! וואָס טוט זיך דאָ, וואָס? האָב געמיינט די הויז ברענט, אָדער אימיצער איז דאָ משוגע געוואָרען, איז ער... אָדער...

בערמאַן

אָדער גאָר נישט! געהט צוריק אין בעט אריין. טאָמער ברענען מיר אויס צופיעל געז... קען איך דערפאַר בעצאָהלען... ו׳ שמעלקע איז צופרידען צו ווארטען נאָך אַ פּאָאַר מינוט... אונזער געשפּרעך איז באַלד צו־ענד. געהט, מיסטער פלינק, צוריק צו אייער רוה. (לאַכט.) איהר זעהט אויס זעהר קאָמיש אין דעם כאַלאַט אייערן.

פלינק

דערלעבט! ווי זאָגט יענער? דער שכן האָט אַרויסגעטריבען דעם בעל־הבית! גוט, געהען מיר. שמעלקע, מאַכט צו, אַזוי גיך ווי זיי געהען אַרויס... (ער און שמעלקע אָב.)

קרויזקאָפּ

איצט שנעל אַ סוף! אָבער רעט ערנסט. פון נאָך אַזאַ לאַך קריעג איך קאָנוואולסיעס, מיין פריינד.

בערמאַן

איהר וועט באַלד זעהן, אַז איך בין זעהר אין ערנסט. די מעשה דערפון איז אַזוי. מיין שוועסטער, סאָפיע, דאַרף אַוועקפאָהרען קיין רוסלאַנד... צוליעב אַ געוויסע זאַך... אין אַלגעמיין פערשטהעט איהר וואָס איך מיין... אין איינצעלהייטען טאָר מען ניט אריינגעהן. געננוג, זי דאַרף און מוז פאָהרען... ניט אַהיים, ניין! זי מוז אָבער, דוקא צוליעב דעם עסק, צוליעב וועלכען זי פאָהרט, אַהין פאָהרען לעגאַל, מיט אַ פּאַס, אַן ענגלישען פּאַס. קריעגען אַזאַ פּאַס קען מען פון איינעם אַ היגען אימיגראַנט, איז ער אָבער געוואָרען אַן ענגלישער אונטערטהאַן, זייענדיג אַליין אַ רוסישער אַ געבאָרענער. מיט זיין פּאַס איז סאָפיע בעשיצט אומעטום חוץ אין רוסלאַנד... אייך דאַרף מען דאָס ניט דערצעהלען... דוקא דאָרטען, וואו זי דאַרף דעם פּאַס האָט ער פאַר איהר קיין שום ווערטה ניט: ענגלאַנד בעשיצט אייך אומעטום חוץ אין דער מדינה פון וואַנען איהר קומט...

קרויזקאָפּ

איהר זאָגט אַליין, מיר דאַרפט איהר ניט דערצעהלען און דערצעהלט עס אויף אַ כפול־שמונה'דיגען אופן. איך פערשטעה וואָס איהר ווילט...

בערמאַן

גוט. אָבער האָ איז דאָ איין קלייניגקייט וואָס איך מוז אייך קלאָר מאַכען.

קרויזקאָפּ

צום ביישפּיעל?

בערמאַן

כדי אַז דער פּאַס זאָל סאָפיען קענען נוצען, מוז זי זיין געזועצליך אייער ווייב אַזוי, אַז וועגען דעם זאָל קיין שום ספק ניט קענען זיין. איהר מוזט דורכגעהן די גאַנצע צערעמאָניע מיט אַלע קליפּערלעך.

קרויזקאָפּ

וואָס רופט איהר די צערעמאָניע מיט אַלע קליפּערלעך?

בערמאַן

איך מיין, אז אין די אויגען פון די, וואָס קענען איהר דאָ, זאָל זי ווערען בעוואוסט אַלס אייער ווייב.

קרויזקאָפּ

צו וואָס איז דאָס נויטיג?

בערמאַן

דאָס טאָר איך אייך איצט ניט זאָגען.

קרויזקאָפּ

און אויב איך זאָל מיט איהר ווירקליך חתונה האָבען — לפּנים, פיקטיוו, הייסט דאָס — וואָס קען איך פאַר איהר מעהר טהאָן ווי איהר געבען מיין נאָמען? פאַר'ן געזעץ, מיין איך?

בערמאַן

זי וועט מוזען וואוינען וועניגסטענס זעקס־זיעבען טעג אונטער אייער דאַך.

קרויזקאָפּ

דער עסק ווערט זעהר קאָמיש. וואָס? נאָך דער חתונה, אָדער פאַר דער חתונה.

בערמאַן

פריהער און נאָכדעם. א וואָך וועט פערגעהן איידער איהר קריגט א פּאַס.

קרויזקאָפּ

און איך וועל שלאָפען אין א האָטעל?

בערמאַן

אזוי שטעל איך מיר עס פאָר. איהר זעהט? פאָרמעל, וועט די חתונה זיין א גאַנץ ערנסטע זאַך און פאַר יעדען אנדערן וואָלט דאָ געווען די געפאהר פערקלאָגט צו ווערען פאַר ביגאמיע, אויב ער זאָל שפּעטער וועלען אין אמת'ן חתונה האָבען, אָבער פאַר אייך...

קרויזקאָפּ

גוט. נו, און וואָס טוט זי, טאָמער (ער לאַכט) טאָמער ענדער איך טאַקע מיין מיינונג און קום און בעשטעה אויף מיינע רעכטע און וויל ווירקליך ווערן איהר מאַן?

בערמאַן

איהר וועט קיינמאָל ניט וויסען וואו זי איז.

קרויזקאָפּ

אָה! אנדערע דבורים. נו, און טאָמער, וויעדער, וויל ז י דאָר־טען חתונה האָבען?

בערמאַן

צורייסט זי דעם פּאַספּאָרט און דעם ענגלישען מעריעדזש־סער־טיפיקייט און איז צוריק די רוסישע פּאָדדאַנע, הבתולה מרת שפרה, אויף טייטש, סאָפיע בערמאַן. קרויזקאָפּ, איך פיהל, אז איהר וועט דאָס טאָן!

קרויזקאָפּ

גיט מיר צייט אָבצוכאַפּען דעם אָטהעם.

בערמאַן

גוט. איך וועל געהן זעהן וואו מיין שוועסטער איז. (נעהמט זיין הוט און געהט אַרויס.)

קרויזקאָפּ

קעלנער! (שמעלקע רופט זיך ניט אָב; קרויזקאָפּ שטעקט אַרויס די קאָפּ פון טיהר און רופט נאָך אַמאָל:) קעלנער!

שמעלקע

(בעווייזט זיך) וואָס פערלאַנגט איהר?

קרויזקאָפּ

דאָ ביי אייך איז דאָ א פרייער צימער?

שמעלקע

פאַראַן, פאַראַן! וואָרים וואָס?

קרויזקאָפּ

איך וועל איהם, דאַכט זיך, דינגען אויף א וואָך. וועל קומען אהער שלאָפען.

שמעלקע

אהער שלאָפען? אזוי!

קרויזקאָפּ

יא, מיין פריינד. איך... האַלט! מען קומט...

זעקסטע ערשיינונג

בערמאַן, צוריק, שפרה און שטופּ צו די פריהערדיגע.

בערמאַן

(צו קרויזקאָפּען) נו?

קרויזקאָפּ

וועל עס דאַכט זיך טאָן.

שפרה

(כאַפּט איהם אָן פאַר די רעכטע האַנד, איידער ער ווערט געוואָהר וואָס דאָ טוט זיך) דאַנק אייך, הערר קרויזקאָפּ! דאַנק אייך, דאַנק אייך!

קרויזקאָפּ

(רייסט אַרויס זיין האַנד; פערטראַכט זיך אויף א רגע, דאַן פּלאַצט ער אַרויס מיט אַנאַנדער היסטערישען לאַך:) יא, איך טו א שידוך!

פאָרהאַנג.

צווייטער אַקט

אַ צימער אין מרס. זיגעל'ס הויז. — איניגע ביכערשראַנקען, פון פערשיעדענע מינים, אָנגעפּאַקט מיט אַלערליי, מייסטענס אַלטע ביכער. — צייטונגען און פּאַפּיערען אין אַן אונאָרדנונג אומעטום. — לינקס אַ גרויסער פענסטער צום הויף; רעכטס אַ טיהר אין שלאָפצימער אַריין; אינ'ם צענטער אַ טיהר אין קאָרידאָר אַריין. — אין אַ ווינקעל שטעהט אַ קלאַוויר מיט אַ סך נאָטען-העפטען און לויזע בלעטער, אין אַ מישמאַש. — אין מיטען צימער אַ לענגליכער אַלטמאָדישער טיש און עטליכע שטולען אַרום איהם. —

ערסטע ערשיינונג

מרס. זיגעל האָט געענדיגט אויפראַמען. זי קוקט מיט כעס אויף די אָנגעוואָרפענע פּאַפּיערען. באַלד קומט אַריין שטופּ, מיט צייטונגען און אַ בוך אין האַנד.

מרס. זיגעל

(רעדענדיג אין שלאָפצימער אַריין) איך וואָלט געוואָלט, אַז אימיצער זאָל מיר זאָגען, ווען אַ מענש קען דאָס אויסלייענען אַט די אַלע ביכער און ביכלעך און צייטונגען! און נאָך אַ מענש, וואָס געהט אַרום אַ גאַנצען ליעבען טאָג פון הויז צו הויז מיט לעסאָנס... קומט

שפּעט ביינאַכט אַהיים... סאיידען ער זיצט דורך נעכט, אַ קשיא אויף אַ מעשה... און די צייטונגען — וויפיעל עס איז דאָ לשונות אויף דער וועלט אַזוי פּיעל האָט ער זיי... מיסטער שטופּ זאָגט, אַז מיסטער קרויזקאָפּ... קען אפשר אַ טויז לשונות און אויף וואָס׳ער אַ לשון מי דרוקט אַ ביכעל קען ער זיי לייענען. איך וויים? מייד נער, אונז אַלעמען צו לענגערע יאָהר, איז דאָך אויך געווען אַ איד אַ למדן, אָבער... וואָס אי דאָ צו רעדען? אַלץ האָט דאָך אַ שיעור: אַז מי זאָל כסדר אַזוי קויפען ספרים, אפילו אַלטע, ווי ער קויפט, קען דאָך דעם מלך׳ס אוצר ניט סטאַייען?

שפרה

(רעט פון אינעווענינ, פונ׳ם שלאָפצימער) ער לאָזט דאָס אייך גאָר גיט אָבשטויבען זיינע ביכער?

מרס. זיגעל

ווען איך שטעה צו איהם שטאַרק צו... איינמאָל אין אַ יובל איז פּאַר איהם נאַטע־געגנוג... און ווייסט איהר? ווען איך וויל ביי איהם עפּעס אויספּיהרען, פּיהר איך אוים... שטעה צו איהם צו איינמאָל, צוויי מאָל און... זיך אָבצוצעפּען, גיט ער נאָך: צו פּער־שפּאָרען מיט מיר צו רעדען...

שפרה

(קומט אַרויס פון צימער) און רעדען רעט ער דאָך מסתמא מיט אייך קיינמאָל ניט... ער רעט דאָך מיט קיינעם ניט...

מרס. זיגעל

מיר האָט דאָס נאָך אפילו ניט אָנגעזעהן ווי אַ מענש. איבער דריי יאָהר וואוינט דאָס ביי מיר... דריי יאָהר געוואָרען אין אלול... און פרעגט איהם בחרם ווי איך זעה אוים: מיט׳ן קאָפּ אָן אַ זייט רעט ער מיט מיר, און רעט מיט האַלבע ווערטער, עפּעס אַזוי ווי די רייד קאָסטען איהם, אַ שטיינער, טייער אין לייפּציג.

שפרה

איך האָב פון איהם דערוויייל נאָך ד י עהרע אויך ניט געהאַט.

מרס. זיגעל

מילאַ: מיט איך רעט ער ניט מחמת ער איז אַ שעמעדיגער. וואָס ווייסט איהר ווי גוט ער איז צו איך! פאַר די עטליכע טעג וואָס איהר זייט דאָ, טראַכט ער אוים אַלע ווײלע אַנאַנדער זאַך פאַר איך. מיינט איהר, ער האָט דאָס אַזוי האָלד בלומען? קיינמאָל איז ביז איך דאָ אין די ביידע צימערן אַ בלום ניט געזעהן געוואָרען. און שמאַנט צום קאַפע? און דער קאַרפעטעל אונטער די פיס אין שלאָפצימער ביי איך? און אייפּס וואָס ער שלעפּט אָן אַ גאַנצען טאָג? היינט, ווענען וואָלט דאָס גלאַט קרויזקאָפּ אָבגעבען זיינע ביידע צימערן?

שפרה

און מיט מיר רעט ער ניט אוים אַ וואָרט...

מרס. זיגעל

ער שעמט זיך, זאָג איך איך! אַ מענש האָט שוין פון יאָהרען מיט אַ פרויענצימער ניט גערעט... ווארט! איהר וועט, אם ירצה השם, אין אַ מזל'דיגער שעה התונה האָבען, וועט דער הענדעלע שוין קרעהען, ווי הויך ער זאָל ניט האַלטען דעם קאָפּ! אוי וועט ער קרעהען! אפשר נאָך צופיעל אמאָל. מיינער, איהם צו לענ־גערע יאָהר, האָט אין אָנהויב אויך ניט געקענט קיין צוויי צעהלען. צו פריה... נעבעך... האָט ער רעדען אויפגעהערט (אין האַלז שטעלען זיך איהר טרערען) פאַר דער צייט (הויבט אָן שטיל צו וויינען)...

שפרה

(געהט צו איהר צו) בערוהיגט זיך, פרוי זיגעל! אָט איז מר. שטופּ.

שטופּ

אַ שעהנעם, גוטען מאָרגען איך, לײדיעס! מיס בערמאַן, איז מר. קרויזקאָפּ שוין געוועזן ביי איך?

שפרה

ביי מיר? איהר מיינט, דאָ? איך גלויב, ער איז דאָ געוועזן גאַנץ פריה. האָב זיך נאָר־וואָס אָנגעטאָן. איהר דאַרפט איהם זעהר נויטיג? (מרס. זיגעל געהט אַרוים.)

שטוף
האָב נאָכגעפּרעגט וועגן דער „ספּעשעל לייסענס". איהר פער־שטעהט, ענגלאַנד איז, למשל, טאַקע אַ פרייע מדינה, זעהר אַ פרייע מדינה, די פרייעסטע, זאָגט די וועלט, צווישען די פרייע... דער גרויסער פּאָעט סווינבערן האָט וועגן דעם אַ פיינע פּאָעמע, אָבער גאָר אַ פיינע, איינע פון די פיינסטע אין דער ענגלישער ליטעראַ־טור. און חוץ אַלעמען...

שפרה
יע, אָבער וואָס האָט דאָס פאַר אַ שייכות מיט דער „לייסענס"?

שטוף
טו לאָזט־זשע אַ מענשען אויסרעדען, ליעבעס פריילײן... איך זאָג, ענגלאַנד איז זיך טאַקע אַ פרייע מדינה, אָבער אַז מען וויל חתונה האָבען איינס־צוויי־דריי... איז דאָס ניט קיין לייכטע זאַך, גאָר ניט קיין לייכטע זאַך. איהר מוזט האָבען אַ ספּעציעלע ערלויבע־ניס דערצו און דאָס קאָסט מיה און געלד, מיה און אַן אייגענס געלד, בּערשטעהט איהר מיך. נאָר קיינער טאָר דאָס ניט וויסען, דאָס זאָג איך אייך בסוד: ער וויל ניט אַז אימיצער זאָל וויסען וויפיעל דער עסק קאָסט אַבי...

שפרה
אַבי פון מיר וואָס גיכער פּטור צו ווערען. אַזעלכע גוטע מענשען ווי קרויזקאָפּ קענען אָנטאָן מעהר יסורים ווי אַנדערע שלעכטע.

שטוף
ווען איך בין אויף אייער אָרט, מאַך איך זיך ניט וויסענדיג, גאָר ניט וויסענדיג, איגנאָריר איך איהם... (עס הערט זיך אַ קלאַפּ מיט׳ן „נאָקער" אין גאַס־טיהר.) אימיצער קומט. אפשר ער....

צווייטע ערשיינונג

בערמאַן צו די פריהערדיגע.

בערמאַן

(גריסטביידען) קרויזקאָפּ וועט דאָ באַלד זיין. שטעל זיך פאָר, ער, וואָס וויל דיך ניט קענען און ניט וויסען, סאָניטשקאַ, האָט זיך ענטזאָגט פון שעהנע עטליכע פעטע לעסאָנס — האָט זיך, מיין איך, פון זיי פריי געמאַכט — כדי, ווי ער זאָגט, צו קענען וואָס גיכער ענדיגען דעם אונאַנגענעהמען געשעפט.

שפרה

דער עסק וועט איהם קאָסטען א שעהנע מטבע? ניין?

בערמאַן

געוויס, דירעקט און אינדירעקט... דו ווייסט, סאָניא, אפשר ווען איך וואָלט דעם בער אונזערן בעסער געקענט, וואָלט איך זיך צו איהם ניט געווענדעט. צאָהלען קען מען איהם ניט...

שטופּ

צאָהלען? ניט שלעכט, חלעבען! מעהר וואָלט אייך ניט גע־געפעהלט... פּרובירט איהם נאָר אָנבאָטען געצאָהלט, וואָס רייד איך? פּרובירט איהם א פּיפּ, א וואונק טאָן, א שאָטען אויפ'ן וואַנד ווייזען...

שפרה

איהר פערפּלאָנטערט זיך, ליעבער שטופּ... (לאַכט) ווייטער.

שטופּ

וואָס איך מיין איז, פּרובט איהם דערמאָנען דעם וואָרט „בעצאָה־לען" זייט איהר ניט זיכער מיט'ן לעבען. א קליינינגקייט, קרויז־קאָפּ! דאָס איז דאָך די גוטסקייט אַליין, א הארץ וואָס פליסט (גיט א וואונק צו שפרה'ן), ווי אַמאָל ארץ־ישראל, מיט לויטער מילך און האָניג.

שפרה

ע טי, ברוטע! איהר אויך געגען מיינע אידישקייט? אַלע גע־

געגן מיך! און דערביי בין איך אייך מוחל גאַנץ ארץ ישראל; אפילו אָהן ד י ביסעלע ערד צוקאָפּענס, וואָס מי גיט ביי אונז דעם טויטען, וואָלט איך זיך קענען בעגעהן. אַלץ וואָס איך וויל איז אז מיר זאָלען אַלע אויפהערען צו שפּיעלען ראָלען וואָס מיר קענען ניט דורכפיהרען, ווייל די ראָלען זיינען גוי׳שע און אונזערע פּנים׳ער — אויגען, נאָז און ברעמען — זיינען אידישע. מיר איז, דערפאַר, אפילו אַנגענהמער ווען איהר רופט מיך שפרה און ניט סאָפיע. עפּעס הארמאָנירט מיין נאָז ניט מיט סאָפיען: ער איז דערצו ניט גריעכיש גענוג... דאָס האָב איך שוין אין גימנאַזיע געפיהלט בעת איך פלעג זיך זעצען אויף דער סקאַמייקע לעבען די אמת׳ע סאָפיעס.

בערמאַן

צווישען ניט־אידען זיינען אויך ניט אַלע נעזער גריעכישע און ניט אַלע קעפּ בלאָנדע און פון דעסטוועגען זיינען ביי די אַלע פעלקער דאָ דיזעלביגע סאָפיעס און מאַריא׳ס... ווער איז די אמת׳ע סאָפיע? אויב דו ווילסט איז דאָס אָפּט פונקט פערקעהרט: דער אמת׳ער „איוואַן“, למשל, פון רוסלאַנד, דער אמת׳ער יאָהאַן פון דייטשלאַנד, דער אמת׳ער „זשאַן“, דער „אמת׳ער „דזשאָהן“ פון פראַנקרייך און ענגלאַנד איז דער אידישער יוחנן — יאָ־האַנאַן — וואָס האָט ביי יענע אַלע פעלקער אָנגענומען די פאָרמע, וואָס מען רופט, וואָס דו רופסט א „גוי׳עשען“ נאָמען.

שפרה

אָבער, ליעבער נאַאום, דו ווייסט גאַנץ גוט, אז דער אונטערשיעד איז ניט אין נאָז, אויגען און האָארפאַרב אַליין. מיר אונטערשיידען זיך פון די, וועלכע מיר טאַנצען נאָך און קרימען אין יעדען פרט איבער, אין פיעל אַנדערע הינזיכטען אויך. מיר קענען אונזער פנים און קליידונג ענדערן, פון באָרד און פאות לויז ווערען, מיר קענען אונזער צונג „ציוויליזירען“, אָבער מיר קענען ניט אונזער נשמה אונזער פערגאַנגענהייט, אונזער כאַראַקטער אונזערע גע־וואוינהייטען, אונזערע טאַטעס און מאַמעס ניט ענדערען, ניט לויז

ווערען, ניט איבעראַנדערסען. און כל־זמן מיר קענען דאָס ניט, וועט יענטע זיין לעבערליך אַלס יעווגעניא, און שפרה אַלס סאָפיע.

שטופּ

איהרביידע ז׳אַרפט נור צונויפקומען, ברעכט גלייך אויס דער ציוויל־קריעג! וואָס קימערט אייך ביידען אַזא זאַך ווי אידישקייט? וואָס זייט איהר ביידע פאַר אידען? רק איהר קריעגט זיך וועגען נאַציאָנען און נאַציאָנאַליטעטען... דערווייל האָט איהר אין גאַנצען פערגעסען, אַרום וואָס מיר האָבען גערעט. און די פראַגע וועגען קרויזקאָפּ׳ס האַנדלונג גענען אייך איז אַ וויכטיגע פראַגע, זעהר אַ וויכטיגע, איינע פון די סאַמע וואַזשנע פון דעם לעבען פון...

שפרה

מיר פערשטעהען, נור וואָס זאָל מען טהון?

שטופּ

דאָס איז, ווי איך פערשטעהע עס, ווי איך, מיט מיין קליינעם פערשטאַנד בעגרייף עס, אַ פראַגע פון פערפליכטונג, פון נעהמען אויף זיך דאַנקבאַרקייט פאַר אַ טובה; פון דאָס וואָס מען רופט אויף ענגליש, אויף דעם לשון וואָס ווערט גערעט דאָ אין לאַנד, „אָבליגיישען" און „אָבליגיישען" לויט ווי ספּענסער, ווי הערבערט ספּענסער, דער גרויסער הערבערט ספּענסער, וויל האָבען, ווי ער דעפּינירט עס אין זיין בוך איבער „עטהיקס", אין דעם ערסטען טהייל... אויב איך האָב ניט קיין טעות, אין דעם 15טען קאַפּיטעל... מי קלאַפּט!

מרס. זיגעל

מיסטער בערמאַן, אַ מאַטראַץ איז אָנגעקומען, אַ בעצאָהלטער. אָט איז אַ צעטעלע. (דערלאַנגט איהם.)

בערמאַן

(לעזט שנעל איבער) נו, פערשטעהט זיך. קרויזקאָפּ האָט זיך געכאַפּט אַז מרס. זיגעל׳ס אַלטער מאַטראַץ פונ׳ם בעט האָט איהם געמאַכט... (שלינגט אַרונטער אַ פּאָאר ווערטער.) איז קורץ און גוט

שוין אלט און אויסגעלעגען און ער קען ניט פערלאנגען אז מרס. זיגעל זאל אויסגעבען געלד אויף א נייעם און אזוי ווייטער.

מרס. זיגעל

מיסטער קרויזקאפּ זאל מיר מוחל זיין, וואס ער זאגט וועגען מיין מאטראץ... נור איך וויים דאך וואס ער מיינט... גוט, גוט, נו! מיר וועלען דעם מאטראץ אוועקלעגען אויף אייער בעט און דאס וועט אין קורצען (שמייכעלט אונטער) צוניץ קומען אין א מזל'דיגער שעה. איז ניט אין מיין בעט איז אין אנאנדערע און אפשר טאקע אין די אליין. מילא!... געהן מאכען א גלאז טיי, ניין?

בערמאן

געהט און מאכט טאקע. באלד וועט מיסטער קרויזקאפּ דא אויך זיין...

מרס. זיגעל

וואס ער? אין מיטען טאג?

בערמאן

אזוי וויזט עס אוים.

מרס. זיגעל

(ווינקט צו שפרה'ן) וואס מיר האבען דערלעבט! (געהט ארויס.)

שפרה

(צו איהר ברודער) אט ווי דו זעהסט. כמעט א שעה פערגעהט ניט וואס איך זעה ניט עפּעס אן אויפמערקזאמקייט, א צערטליכקייט פון איהם. ווען א פרעמדער, וואס וויים פון קיין זאך ניט, וואלט דאס זעהן, וואלט ער מיינען, אז דער מאן איז אין מיר שטערבליך פערליעבט... דעם רעמעלע האסטו?

בערמאן

(דערלאנגט איהר א זילבערנעם רעמעל פאר א בילד) און גראד איצט, קען איך דיר זאגען אויף קלאר, איז ער ניט נור דער אלטער פרויען-האסער בכלל, נור ער האסט אלע פרויען אין דיין פערזאן ער האט דיך אמת פיינד, סאניטשקא, פון גאנצען, טיעפען הארצען.

שפרה

(פּאַקט אַ בילד צו צום רעמעל, עטוואָס אויפגערעגט) דאָס איז זיכער די קאָמישסטע ערשיינונג, וואָס אימיצער האָט ווען עס איז ערגיץ־וואו געזעהן.

שטופּ

אפשר וויל ער טאַקע דורך דעם וואָס ער שלעפּט אויף אייך ארויף די דאנקבארקייט פאַר זיינע טובות זיך אָן אייך נוקם זיין? אָט ווי איך האָב אייך געוועלט זאָגען בעת מרס. זיגעל איז אַריינגעקומען מיט'ן מאַטראַץ, איז דאָס אויסגעדריקט אין ספּענסער'ס, הערבערט ספּענסער'ס...

בערמאַן

(אונגעדולדיג) דעם גרויסען הערבערט ספּענסער'ס, נו, נו!

שטופּ

(קוקט איהם אָן און רעט געלאַסען ווייטער) אין זיין דעפיניציע פון דעם וואָרט „פערפליכטונג“.

שפרה

די לאַגע איז אַן אונאַנגענעהמע... אָבער וואָס קען מען טאָן? איך וואָלט זיך מיט איהם בלויז קענען אָברעכענען אויף איין וועג. (זי נעהמט דעם פּאָרטרעט אַרויס, בליקט איהם אָן און בעהאַלט איהם נערוועז.)

בערמאַן

צום ביישפּיעל?...

שפרה

אַ בער, ווי איהם, וואָס... (עס הערט זיך אַ קלאַפּ מיט'ן „נאָקער„ אין גאַס־טיהר) דאָס איז ער! וואָלט איך פערליעבט אין מיר. (זי לאַכט.)

בערמאַן

איך דאַרף מיט איהם רעדען... שנעל, סאָניטשקאַ, אין שלאָפצימער אריין! ווען ער דערזעהט דיך דאָ, געהט ער גלייך אַוועג!

(שפרה אָב.)

דריטע ערשיינונג

קרויזקאָפּ צו די פריהערדיגע.

קרויזקאָפּ

(עטוואָס קאָנפוז) בערמאַן, מיר קענען נאָך היינט ארויסנעהמען די לייסענס... מי דארף מאַכען א סוף פון די דומע קאָמעדיע אזוי גיך ווי נור מעגליך... דער גאַנצער שווינדעל האָט נור א י י ן גוטע זייט...

בערמאַן

צום ביישפּיעל?

קרויזקאָפּ

וואָס אזא נאַרישקייט קען מען געזעצליך ניט טאָן מעהר ווי איין מאָל... סאַיידען...

בערמאַן

יע, סאַיידען?

קרויזקאָפּ

סאַיידען עס טרעפט זיך, אז מען געהט דורך נאָך א דומע צערע־מאָניע און מען גט זיך.

שטופּ

עס איז דאָ אין די היינטיגע „טאַיימס" אַן אינטערעסאַנטע, זעהר אַן אינטערעסאַנטע...

בערמאַן

(אונטער'ן נאָז) גאָר, גאָר אַן אינטערעסאַנטע...

שטופּ

איהר האָט דאָס אויך געלייענט? (בערמאַן שאָקעלט מיט'ן קאָפּ:: יאָ.) ווי איהר זאָגט, גאָר, גאָר אַן אינטערעסאַנטע מעשה וועגען א גט אין פלאָרענץ, אין איטאַליען. האָרטען...

קרויזקאָפּ

(טוט זיך א כאַפּ) אָה, דער גט אין פלאָרענץ? געלעזען, האָב'ס אויך געלעזען!

שטוּפּ

נו, איז דאָס ניט עהנליך אויף אייער פאַל, ווי איהר, פערשטעהט איהר מיך, שטעלט זיך איהם פאָר? וואָס הייסט עהנליך, אַלץ הייסט עהנליך? דאָס איז דאָך ווי צוויי טראָפּען וואַסער, ווי אַן איי אויף אַן איי פּאָכאָזשע... ווען דער גראַף...

קרויזקאָפּ

(ווינקט צו בערמאַנען) מיר האָבען עס דאָך געלעזען, ביידע געלעזען... הערט, פריינד שטוּפּ, איהר קענט אונז אַלעמען טאָן אַ גרויסע טובה אויב איהר האָט אַ פערטעל שעה צייט...

שטוּפּ

(קוקט אויפ׳ן זייגער) אַ פערטעל שעה? מיט פערגעניגען. אפילו אַ האַלב־שעה, אפילו פערציג מינוט. איך האָב צייט, אָט וועל איך אייך זאָגען... דער זייגער איז איצט באַלד 12, עס איז צעהן, וואָס רייד איך? עס איז זיעבען, דאָס הייסט כמעט זיעבען מינוטען צו צוועלף... דאַרפען דאַרף איך זיין אום צוויי אינ׳ם בריטישען מוזעאום... דאַרף דאָרט עפּעס נאָכזעהן... ביי מיר איז קיין סודות ניטאָ, קען אייך דאָס אויך זאָגען...

קרויזקאָפּ

לאָזט איצטער זיין. די צייט — ביי מיר — איז קורץ.

שטוּפּ

גוט, גוט, נו? וואָס איז עס? דערצעהלט, לאָמיך הערען, ווי זאָגט דער טייטש: וואָמיט קאָן איך דיענען?

קרויזקאָפּ

אָט הערט. געהט, זייט אַזוי גוט צו, אָדער בעסער פאָהרט צו מיט׳ן אָמניבוס צום רעדזשיסטראַר׳ס אָפּיס און געפינט אויס ווען מיר דאַרפען אהין קומען כדי ניט צו מוזען דאָרטען זיצען און וואַרטען.

שטוּפּ

דאָס איז אַלעס? געוויס, טו עס מיט פערגעניגען. מיט׳ן גרעסטען פערגעניגען. געה גלייך און אין ווייניגער ווי צוואַנציג מינוט

האָט איהר מיך צוריק מיט אַלע אינפאָרמאַציאָנען, אָדער: זאָגט איהר אפשר אינפאָרמאַציעס? סאָ־לאָנג. (געהט האַסטיג אַרויס.)

בערמאַן

א וואוילער בחור, אונזער פריינד שטופּ, אָבער אַ נודניק, אַ גרויסער נודניק, פון גאָר די גרויסע — ווי ער אַליין וואָלט געזאָגט...

קרויזקאָפּ

וואו איז זי? דאָרטען? (ווייזט אויפ׳ן שלאָפצימער.)

בערמאַן

יע. אָנגעטאָן איז זי, אָבער מען מוז איהר זאָגען זי זאָל זיך פאַרטיג מאַכען מיט אונז צו געהן צום רעדשיסטראַר. (אָב אין שלאָפצימער. קורצע פּויזע.) האָס וועט זיין אַלראַייט.

קרויזקאָפּ

האָט מען דאָ געבראַכט דעם מאַטראַץ?

בערמאַן

געבראַכט, געבראַכט. כמעט צו פריינדליך פון אייך. זייטינגע מענשען וואָלטען זיך ניט לייכט קענען פאָרשטעלען, אַז איהר זייט ניט קיין פרויענפריינד.

קרויזקאָפּ

איך האַס די פרויען אַלס פרויען, ניט אַלס מענשען. אַלס מענש איז מיר אייער שוועסטער ניט קיין שונא, אַלס מענש איז זי ניט שעדליך פאַר קיינעם; זי איז שעדליך, זי איז אַן עפּענטליכע געפאַהר נור אַלס פרויענצימער און אַלס אַזעלכע איז זי אַלץ שעדליכער און געפעהרליכער וואָס אינגער, וואָס שעהנער, וואָס קליגער, וואָס געבילדעטער זי איז.

בערמאַן

רעדט ניט אַזוי הויך: זי קען אונז הערען.

קרויזקאָפּ

לאָז זי הערען. איך רייד ניט געגען איהר פּערזענליך, איך רייד געגען איהר געשלעכט. איך האָב עס איהר שוין מעהר ווי איינמאָל געוועלט זאָגען אין פּנים אריין, נור איך קען מיט אַ פרויענצימער

ניט רעדען. זייער אָנבליק גיט מיר אַ שטאָך אין האַרצען, ריהרט אין מיר פון דאָס נייע אויף אַלע אַלטע וואונדען, מאַכט מיך קראַנק...

בערמאַן

דאָס הייסט נערוועז, קען דאָס פערשטעהן.

קרויזקאָפּ

צייטענווייז ווילט זיך מיר אַז אייער שוועסטער זאָל מיך פערשטעהן. איך וויל זי פּערזענליך ניט בעליידיגען. עס פּאַסירט זאָגאַר ניט זעלטען, אַז עס ווילט זיך, זי זאָל וויסען מיין פערגאַנגענהייט, כדי צו פערשטעהן פון וואַנען ביי מיר נעהמט זיך אַל די גאַל און גיפט וואָס די פרויען געפינען ביי מיר. מיך קימערט זעהר ווייניג זייער מיינונג וועגען מיר, אָבער דאָס איז אין אַלגעמיין גערעט. ווען אָבער דער צופאַל, דער בייזער צופאַל, שלעפּט מיך, ווי איצט, צונויף מיט ערגיץ אַ פרוי און איך ווייז איהר, ניט ווילענדיג, אַלע ציינער, בעררייט צום בייסען, ווילט זיך מיר, אַז זי זאָל פערשטעהן ווי אַזוי איך בין געוואָרען אַ חיה־רעה פון אַ מענשען, בטבע ניט ערגער ווי יעדער אַנדערער. גיט אַ פּאַפּיראָס!... ניין, לאָז זיין. (ווייזט אויף די אָפענע שלאָפצימער־טיהר.) הא?

בערמאַן

אָה, דאָס שטערט איהר ניט. זי איז געוואוינט דערצו. מיר רויכערען אַלע. זעהט פון דעסטוועגען ווי אויפמערקזאַם איהר זייט!

קרויזקאָפּ

ניט עקסטראַ. מעהר נישט וועהרענד מיר מאַכט ניט אויס צי די פרויען — אַלע צוזאַמען און יעדע איינציגווייז — האַלטען מיך פאַר אַ טיגער אָדער ניט, וויל איך ניט אַז איינע פון זיי זאָל מיך האַלטען פאַר אַ שווין. זייער האַס איז מיר זיס, איז שמייכעלהאַפט און האַלט מיין האַרץ שטאַרק און שטייף, עפּעס ווי איינגעמאַכט אין עסיג; זייער פעראַכטונג אָבער וואָלט מיר זעהר וועה טאָן... ערקלערט דאָס ווי איהר ווילט, אַ פאַקט איז דאָס.

בערמאַן

איהר האָט נאַר־וואָס געזאָגט, אַז איהר וואָלט וועלען אַז סאָפיע זאָל ווערען בעקאַנט מיט אייער פערגאַנגענהייט...

קרויזקאָפּ

האָב איך דאָס געזאָגט? איך ווייס... אפשר... אָבער רופּט איהר ניט אריין. אויב איך פערשטעה צו־וואָס זי בעדאַרף מיין נאָמען און וואוהין זי פאָהרט, דאַרף זי זיין אַ גוטער מענש. איך קען ניט זאָגען, אַז מיר איז גלייכגילטיג די מיינונג פון אַ גוטען מענשען, אפילו ווען דער מענש איז חוה'ס אַ טאָכטער און אַ קרובה פון'ם נחש הקדמוני... איי, די פרויען! איך קען פשוט ניט בעגרייפען, ווי אזוי אַ גרויסע, נאָבעלע נשמה קען זיך בעזעצען אין אַ פרויענצימער וואָס איז כמעט שטענדיג, ענטפער רייצענד און פאַלש, אָדער העסליך און נאָך פאַלשער...

בערמאַן

דאכט זיך מרס. זיגעל ברענגט אונז טיי... (מרס. זיגעל קומט אַריין מיט אַ טאַץ, אויף וועלכען זי האָט דריי גלעזער טיי, וועלכע זי שטעלט אַוועק אויפ'ן טיש און געהט גלייך אַרויס.) אהא! פאַר סאָפיען אויך... איהר ארייננרופען? (קרויזקאָפּ ווערט קאָנפוז און ענטפערט ניט.)

שפרה

פערשפּאָרסט מיך צו רופען, איך קום אַליין. מיר איז איינפאַך געוואָרען אונמעגליך צו בלייבען אין יענעם צימער. פערמאַכען די טיהר וואָלט פון מיר געווען גראָב און, לאָזענדיג די טיהר אָפען, האָב איך געמוזט הערען וואָס איהר רעט, צי איך וויל הערען צי ניט. איהר רעט הויך גענוג, אַז מען זאָל אייך קענען הערען אפילו דורך אַ פערמאַכטער טיהר. (זי זעצט זיך ביין אַנדערן עק טיש און שטעלט אהין אַוועג איהר גלאָז טיי.)

בערמאַן

דו מאַכסט פאַר זיך שבת?

שפרה

דו האָסט געמעגט זיין רעליקאַט אויף אַזויפיעל, וועגן דעם ניט צו מאַכען קיין בעמערקונגען. וואָס מיין מיינונג זאָל ניט זיין וועגען די געפיהלען פון געוויסע מענשען, גלויב איך, אַז איך דאַרף זיי רעספּעקטירען, ווען זיי זיינען ערנסט.

בערמאַן

און וואָס א י ז דיין מיינונג וועגען די געפיהלען, ארום וועלכע דו רעדסט? וואָלט געווען אינטערעסאַנט צו הערן. סאָניא, דו האָסט דאָס וואָרט.

שפרה

זעהר פריינדליך פון אייך... מיין מיינונג איז אַז די דאָזיגע גע־פיהלען זיינען פריהער פון אַלץ באַרבאַריש און ספּעציעל באַרבאַ־ריש ווען זיי געפינען אַן אָרט פאַר זיך אין אַ אידישע האַרץ...

בערמאַן

אהא, שקאָצעל קומט! די אידישקייט! זיי־זשע וויסען, מיין ליעבע שוועסטער, אַז וועגען דעם צו רעדען איז אַרויסגעוואָרפענע אַרבייט. קרויזקאָפּ איז נאָך וועניגער איד ווי איך און אויף מיר האָסטו, דאַכט זיך, לאַנג שוין אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנד. ווילסטו קריטיזירען אימיצענס געפיהלען, רעדענדיג מיט אונז, טו עס פון אַן אַלגעמיין־מענשליכען שטאַנדפּונקט, ניט פון אַ אידישען.

שפרה

שעהן געדעט און וואויל געדרשנט! וואָלסטו אָבער געהאַנדעלט אויף אַן אַלגעמיין־מענשליכען און ניט אויף אַ אידישען שטייגער, וואָלסטו מיך פריהער אויסגעהערט... צי דו ווילסט, צי ניט — דו ביסט אַ איד, נאַאום, און אַזוי איז אונזער פריינד דער שונא. איהר ביידע רייסט זיך אַרויסצושפּרינגען פון אייער אידישע הויט און קענט ניט... אָבער ניט דאָס בין איך אויסען. וואָס איך האָב געוועלט זאָגען בשעת דו האָסט מיך אונטערבראָכען איז, אַז פון אַ אידען איז ספּעציעל ניט שעהן צו פערדאַמען א ל ע פרויען, דערפאַר ווייל איין פרוי איז געווען, אויב זי איז געווען, פאַלש

און שלעכט און וואָס אין קאָרט שטעהט... א איד דאַרף געדענקען, וואָס ער האָט דורך צעהנדליגער הונדערטער יאָהר געליטען פון אזעלכע גענעראליזאַציעס... ער און זיין ראַסע. פאַר איהם, וואָס וויים, וואָס דערפון קומט אַרויס ווען מי פאַלט אָן אויף א גאַנצען כלל דערפאַר וואָס ערגיץ א יחיד האָט געטאָן אַן עולה, איז זעהר ניט שעהן — אזוי צו רעדען.

בערמאַן

אין דעם גלויב איך אויך ניט. און, סאַניטשקאַ, דעם ברוך שלא עשני אשה האָבען מיר בירושה פון דיינע אידישקייט; און דער וואָס האָט צווישען טויזענד ווייבער ניט געפונען איינע א רעכטע איז אויך געווען דער איד שלמה, דער אידישער פילאָזאָף שלמה, וועל־כער האָט זיך פון דעסטוועגען געלאָזען גוט געהן ביי זיינע טויזענד ווייבער, און ניט דער אָרעמער גריעכישער פילאָזאָף סאָקראַט, וואָס איז אַרויסגעשלעפּט געוואָרען פון דער ארורה קסאַנטיפּע, זיין איינ־ציגע ווייב.

שפרה

אָיי ווי קלוג דו רעדסט! א מחיה, חלעבען, דיך צו הערען. שלמה איז געווען דער ערסטער פרויענפעראַכטער — מערק דיר, פרויען־פעראַכטער און ניט פרויענהאַסער,—איז דערפון וואָס גערדרונגען? און אַז אַלע אונזערע אבות, מיט די נביאים, מיט די זקנים און ווי ז ייהאָבען דאָרטען אַלע געהייסען, וואָלטען אויף אונז, פרויען, גע־קוקט מיט די אויגען פון שלמה המלך און דעם אַוטאָר פון׳ם ברוך שלא עשני אשה, וואָס וואָלט דאָס בעוויזען? אַז מען דאַרף דערפאַר היינט, צום ענד פון׳ם נייצעהנטען יאָהרהונדערט, אין ענגלאַנד, צווישען אינטעליגענטע יונגע מענשען, פעררעמען אַלע אידען, פון אַלע לענדער און אַלע דורות, ווייל אימיצער האָט אַמאָל אימיצען געקריייציגט — מען וויים אפילו ניט ווער ווען — און אַז מען דאַרף האסען אַלע פרויען (אין טיהר בעווייזט זיו שטופּ) ווייל אַמאָל אין די אוראַלטע צייטען האָט א פרוי א מאַן געלאָזען א ביס טאָן א פערבאָטענעם עפּעל און ער האָט דורך איהר פערלאָ־רען דעם גן־עדן...

פ י ע ר ט ע ע ר ש י י נ ו נ ג

שטופ צו די פריהערדיגע, אפלאדירענדיג.

שטופ

בראוואָ, מיס בערמאַן! אָבער ענדיגט, ענדיגט!

שפרה

איך ענדיג. איך זאָג אַז געבילדעטע מענשען דאַרפען זיך שעמען אזוי צו רעדען. אַ פּראָפּאָ! דער שלאַנג איז, דאַכט זיך, געווען אַ זכר.

קרויזקאָפּ

בערמאַן, פּרויליין... בערמאַן וועט, האָף איך, ענטשולדיגען... נו, שטופּ? שוין צייט צו געהן?

שטופּ

אַלץ בעשטעלט. דאָס וועט געהן ווי אויף אַ שנירעלע. אָבער ווייסט איהר ווי? פיין, עקסטראַ פיין. פיין שבפיין! איהר וועט ניט דאַרפען וואַרטען קיין פערטעל מינוט, מעהר נישט איצט איז נאָך ניט די צייט. מיר געהען פון דאַנען ארויס אין אַ מינוטען צוואַנציג.

קרויזקאָפּ

(צו בערמאַנען) וואָס זייט איהר שטיל געוואָרען? רעט, רעט!

שטופּ

אפשר שטער איך? איך האָב פיינט צו זיין אַן איבעריגער... האָב עס זעהר פיינט... דאָס איז, קודם, ניט דעליקאַט, שרעקליך ניט דעלי־קאַט און חוץ דעם בעווייזט דאָס, אַז אַ מענש האָט ניט געהאַט קיין ערציהונג, קיין וואָספּיטאַניע, אַז ער איז במעט אַ חם... איז, ווי איך האָב נאָר וואָס געזאָגט, אויב איך שטער ווען עס איז, דאַרף מען מי'ר נור זאָגען, אַ ווינק איז גענוג... בין ניט פון די מענשען, וואָס וועלען וואַרטען אויף אַ קאַפּוליער אָנצוהערענס, איך נעדענק...

בערמאַן

איין וווילינקע, שטופּ! הערט, קרויזקאָפּ, האָט איהר ניט פריהער געזאָגט אַז איהר וואָלט אונז וועלען דערצעהלען עטוואָס פון אייער פערגאַנגענהייט?

קרויזקאָפּ

איך? פון מיין פערגאַנגענהייט?

בערמאַן

יע, מיר זיינען דאָ אַלע אייגענע מענשען. שטופּ א: אייערער אַן אַלטער בעקאַנטער און מיר זיינען אויך ניט קיין ווילד־פרעמדע צו אייך.

שפרה

טאָמער זשעניר איך הערן קרויזקאָפּ?

בערמאַן

איך גלויב, אַז ניט. ווער ווייס, צי איהר ביידע וועט זיך וועז וויע־דער אמאָל צונויפטרעפען — וויסען קען אַזעלכע זאכען, פערשטעהט זיך, קיינער ניט — און... פאַר וואָס זאָלט איהר איינער דעם אַנ־דערן ניט בעסער קענען.

קרויזקאָפּ

(קאָנפוז) זי... איך... טרייב קיינעם ניט. אָבער, בערמאַן, ווייסט איהר וואָס דאָס הייסט עפענען פון דאָס ניי א פערזיגעלטען פעקעל פון שמערצליכע עראינערונגען? ערגער ווי אַלץ איז, אַז איך קען זיך שטאַרק אויפרעגען, רעדענדיג וועגען מיין טרויעריגע פערגאַנ־גענהייט... קען זיך אויפרעגען און זיך מאַכען צום נאַררען, ווי עס מאַכט זיך צום נאַררען יעדער, וואָס רעגט זיך אויף.

שפרה

נאַאום, הערר קרויזקאָפּ איז אונגערעכט. מען קען זיך אויפרעגען און גאָר ניט מאַכען זיך צום נאַררען...

קרויזקאָפּ

די פראַגע וועט זיין, ליעבער בערמאַן, וואָס מען רופט זיך מאַכען צום נאַררען...

שפרה

איך מיין, נאַאום, אַז אַ מענש קען זיך אויפרעגען אויף פערשיעדענע אופנים. סאַיי ווען ער ווערט ענטריסטעט פון אַ גרויסער עולה, סאַיי ווען ער ווערט נתפּעל פון אַ גרויסע נאָבעלע טהאַט...

קרויזקאָפּ

אין מיין פאַל אָבער, בערמאַן, קען די אויפרעגונג נור מיך אריינ־ברענגען אין אַזאַ אויסגוס פון שוועבעל און פעך, וואָס קען אפשר זיין אונאַנגענעהם פאַר געוויסע פערזאָנען, וואָס זיינען געוואוינט צו פערפיומירטע רייד...

שפרה

נאַאום, הערר קרויזקאָפּ וויים ניט וואָס ער רעט, זאָל ער מיר מוחל זיין... נור איהר פּריווילעגירטע העכערע בעשעפעניסען, ווי רופט מען אייך דאָ אין ענגלאַנד, אייך מאַנסבילען?

שטופּ

לאָרדס אָוו קריאַיישען, ניין? אַ שעהן ווערטעל צי אמת [illegible]ים, וואָרים ווי איך פערשטעה עס...

קרויזקאָפּ

ענטשולדיגט, שטופּ! איך גלויב, ליעבער בערמאַן, אַז פריינד שטופּ האָט אונטערבראָכען.

שפרה

האָב נור געוואָלט זאָגען, נאַאום, אַז איהר מאַנסבילען מעגט אַלץ טאָן און זאָגען, צי אין אייערע רייד און טואכצען איז דאָ שכל און רעכט, אָדער ניט.

קרויזקאָפּ

בערמאַן, דאָס איז ניט... איך וויל אַזוי ווייט ניט רעדען. מיר מאַנסבילען זיינען, גראָד פערקעהרט, גיכער די שקלאַפען איידער די העררשער, די לאָרדס פון דער וועלט... איך גלויב, אַז די צייט איז געקומען זיך צו עמאַנציפּירען...

שפרה

פאַר די פרויען, נאַאום! געקומען, יע, געקומען...

קרויזקאָפּ

ניין, בערמאַן! מ י ר דאַרפֿעו זיך עמאַנציפּירעו, מיר, די מענער. מיר האָבען לאַנג גענוג געטראָגען זייער יאָך, געאַרבעט פאַר זיי, געדיענט ביי זיי, געמאַכט אַ וואַרע פאַר זיי, געהויבען דעם הוט פאַר זיי, געליטען פון זייערע קאַפּריזען, נאָכגעטראָגען זייערע שלעפּעס און אויסגעהאַלטען זייערע היסטערישע סצענעס... פריי מוזען מיר ווערען!

שפרה

אַ שעהן ביסעל איבערטריעבען, נאַאום! נור איהר מאַנסבילען מענט אַלץ! די תורה פון הימעל האָט אַראָבגעבראַכט אַ מאַנס־ביל, די לאַנדגעזעצע מאַכט איהר מאַנסבילען, מען זאָגט (לאַכט) אַז אַפילו אונזערע ווייבערשע מאָדעס טראַכטען אויס מאַנסבילען און מיר מוזען געהאָרכען... טאַנצען נאָך אייער דודקע...

קרויקאָפּ

פשוט, דערפאַר, ליעבער בערמאַן, ווייל דעם אַנדערן צד פעהלט דער שכל אַפילו אַ מאָדע אויסצוטראַכטען...

שפרה

(אויפגערעגט) דאָס געהט צו ווייט, נאַאום!

בערמאַן

איך קלער אויך אַזוי... חוץ אַלעמען וואָלט איך וועלען אַזוי ניך ווי מעגליך אַרויסגעהן פון דער ראָלע פון אַ טעלעפאָן, דורך וועלכען מען רעט זיך דורך פוןביידע זייטען.... אַ טעלעפאָן פון פלייש און בלוט, קינדערלעך, האָט געפיהלען, וואָס זאָגט איהר אַמיקום שטופּ?

שטופּ

מיר געפעלט ד'ער „טעלעפאָן". געפעלט מיר זעהר, ווייסט איהר? גאָר, גאָר אַ סך. איך האָב האָלד אַ ווערטעל, וואָס...

בערמאַן

וואָס ווערטעלט זיך און האָט אַ סך ווערטעלאַך? (לאַכט) איהר זייט אַן אָריגינאַל, פריינד שטופּ. (פאַר זיך) אַגב האָט עס כמעט געהאַלטען ביין אויסברעכען פון אַ בלוטיגער מלחמה. שטופּ קומט

צו ניץ... (צו קרוויזקאָפּ'ען) לאָמיר די אַלע נאַרישקייט לאָזען אַן א זייט. בעסער דערצעהלט אונז אייער מעשה... דערווייל איז ביי אונז אַלעמען קאַלט געוואָרען דער טיי און אָן פריינד שטופּ'ען האָבען מיר אין גאַנצען פערגעסען. וואַרט איין אוינענבליק, איך ברענג אריין פיער גלעזער טיי.

שפרה

און, נאַאום, ווער עס וויל רויכערן, מיר שטערט עס ניט. (בערמאַן געהט אַרויס.)

שטופּ

איך פעררויכער גלייך, פאַר אייך, קרוויזקאָפּ, האָב איך א סיגאַר, א פיינעם האַוואַנאַ, א סיגאַר, זאָג איך אייך, פון סיגאַרענלאַנד. (דערלאַנגט.) ניט קוקט אויף זיין אויסזעהן... ווי זאָגט די פּאָס־טושקע אין שיר השירים? אל תראוני שאני שחרחורת... (צו שפרה'ן:) ניט קוקט אויף מיין שוואַצקייט... דער סיגאַר קומט פון אַן אָרט, פערשטעהט איהר מיך, וואו מען איז פיינשמעקער, קומט פון די הויכע, הויכע פענסטער...

קרויזקאָפּ

אויב עס איז ערלויבט, וועלען מיר פעררויכערן און זעהן... אַט קומט בערמאַן מיט א נייעם טאַץ טיי...

שטופּ

הערסטו? טיי, מיט פּאַפּיראָסען, מיט ביסקיטס...

שפרה

און, פערשטעהט זיך, דער לאָרד פון קריאיישען...

שטופּ

מען קען זאָגען: פון בראשית. איהר האָט דאָך ליעב אז אַלץ זאָל זיין אידיש. ניין?

שפרה

געוויס. וויכטיג איז הּאָ אָבער, אז מיין הערר ברודער האָט פער־געסען אריינצוברייננגען סערוויעטען און אש־בעכערס. (לויפט אַרויס.)

שטופּ

ווי זאָגט דער פּסוק ? „דאָס עוויג ווייבליכע"... אויף דער באַריקאַדע, מיט'ן טויט פאַר די אויגען, פאַר די סאַמע אויגען, וועט אַזעלכע ערשיינען מיט אַ ריינעם ווייסען פאַרטוך אויף זיך, און וועט מיט אַ „דאָסטער" אין האַנד יאָגען דעם שטויב פון די ברוקשטיינער אויף דער באַריקאַדע... איך געדענק...

בערמאַן

אָט דאָ בלייבט שטעהן ! פיהרט ניט איבער דעם עפעקט פון אייער שעהנער רעדע מיט אַ פּראָזאַאישען צוגאָב. אָט איז סאָפּיע. איצט זיך גענומען צו די טיי ! קרויזקאָפּ, איהר פערדרויכערט שטופּ'ס מתנה, און מיר וועלען נעהמען פּאַליען די פּאַפּיראָסען. צווישען אַ זופּ און אַ ציעה, וועט איהר אונז בעווייזען אייער רעכט צו האַסען דעם שעהנסטען טהייל פון גאָט'ס ארבייט.

שפרה

דו שניידסט זיך אויף אַ פּאָעט, נאַאום ! אַ מענש קען קיינמאָל ניט וויסען וואָס פון איהם קען ווערען : דו קענסט, אַל תפתח פה לשטן, נאָך אַמאָל ווערען אַ איד אויך.

בערמאַן

(לאַכענדיג) ביין אויבערשטען איז אַלץ מעגליך... הערט, קרויזקאָפּ... איהר האָט, דאכט זיך, לאַנג געלעבט אין דייטשלאַנד ?

קרויזקאָפּ

ניט לאַנג, דריי יאָהר...

שטופּ

דערפון אַנדערהאַלבען יאָהר אין טורמע, ניין ?

קרויזקאָפּ

וואָס איז די נפקא־מינה וואו ? (צו בערמאַנען :) צו־וואָס פרעגט איהר דאָס ?

בערמאַן

איך ווייס אַליין ניט. איינגעפאַלען מיר אַזאַ פראַגע. אָבער דאָס איז פאַר מיר אַ נייעס. אַכטצעהן חדשים? גאַנצע אַכטצעהן חדשים זייט איהר „געזעסען" אין דייטשלאַנד?

קרויזקאָפּ

יע, אין פּרייסען... ביי אייך אין רוסלאַנד איז דאָס, פערשטעהט זיך, ניט קיין נאָווינע.

בערמאַן

ביי אונז איז אַ נאָווינע אַן אינטעליגענטער יונגער מאַן, וואָס איז נ י ט געזעסען אין טורמע, ווען אויך ניט אימער אַנדערהאַלבען יאָהר...

קרויזקאָפּ

נו... אָט זעהט איהר (רעט אונווילּיג, לאַנגזאַם), טורמע איז ניט אומעטום און אונטער אַלע אומשטענדען די זעלביגע זאַך... מיך האָט די טורמע רואינירט... אַ מילדער, צערטליכער לעמעלע, פול מיט ליעבע און פריינדשאַפט בין איך אַהין אריין און ארויס בין איך אַ חיה רעה, אַ... אַ... פול מיט גיפט און האַס. אמת, די טורמע האָט מיר געפּענט די אויגען... אָבער אדם הראשון האָט שוין פאַר מיר אויסגעפונען, אַז דער פּרייז פון געעפענטע אויגען איז אַ פאַרלאָרענער גן־עדן. צייטענווייז, קלער איך, אַז עס וואָלט אפשר פאַר מיר בעסער געווען צו בלייבען אַ בלינדער... צו קענען הערען און, ניט פרעגענדיג קיין קשיות, גלויבען... גלויבען אין מענשען... גלויבען אין זייערע ווערטער... גלויבען אַז זיי האָבען אמת'ע, עהרליכע הערצער... די טורמע האָט פון דאָס אַלץ געמאַכט אַ תל.

בערמאַן

זעהט איהר, דאָס איז אינטערעסאַנט. דערצעהלט, קרויזקאָפּ!

שטוף

אַלע הייסט אינטערעסאַנט! דאָס דאַרף דאָך זיין אַ שטיק פּסיכאָ־

לאָגישע ווירקליכקייט און דערביי אַ ראָמאַן פון די שפּאַנענדסטע; איינער פון יענע מערקווירדיגע ראָמאַנען...

שפרה

וואָס מען דאַרף לאָזען דערצעהלען, פריינד שטופּ! איהר וועט, האָף איך, ענטשולדיגען די אונטערברעכונג. נאַאום, דיין טיי ווערט קאַלט. לאָז הערר קרויזקאָפּ אָנהויבען אויב ער האָט לוסט צו דערצעהלען, נאַאום. מיר וועלען באַלד דאַרפען אַוועקגעהן.

קרויזקאָפּ

דאָס קען געמאַכט ווערען זעהר קורץ. (טוט אַ זופּ פון גלאָז טיי, פעררויבערט און הויבט אָן:) פּאַסירט האָט דאָס צוריק מיט אַ יאָהר צעהן. איך בין דאַן געוועזן אַ יונגערמאַן פון 21 יאָהר. אין מיליטער־דיענסט האָט מען מיך ניט גענומען און איך האָב בעשלאָסען צו ענדיגען מיינע מעדיצינישע שטודיען אין פּרייסען. מיינע עלטערן זיינען געוועזן רייך און בערייט מיר נאָכצוגעבען יעדען קאַפּריז. געזונד, געלד, יוגענד און ניט־גאָר־שלעכטע פעהיגקייטען האָב איך געהאַט. אין פּרייסען האָב איך געפונען אַזאַ ארבייטער־בעוועגונג ווי איך האָב אין דערהיים ניט געהאַט געזעהן, איך בין גלייך אַריינגעצויגען געוואָרען אין דעם גרויסען שטראָם. אַ קורצע צייט שפּעטער בין איך געוואָרען פעראַנטוואָרטליכער רעדאַקטאָר פון אַ סאָציאַליסטישע צייטונג און האָב, פערשטעהט זיך, גלייך געהאַט אויף זיך אַ קרימינאַל־פּראָצעס. אַ האַלב יאָהר שפּעטער האָט מען מיך געמשפּט און פערמשפּט. מיין פּסק ווייסט איהר שוין! אַלץ וואָלט געוועזן גוט, ווען מיין אונגליק וואָלט זיך דערמיט געענדיגט. דאַרף זיך אָבער אָט וואָס מאַכען: קומענדיג אַהין פון גאַליציען, האָב איך גענומען אַ וואוינונג אין אַן ארבייטער־פאַמיליע, ביי גענאָסען, וועלכע זיינען ניט געוועזן אָרעם. דער מאַן, אַ שלאָסער און זעהר אַ פעהיגער ארבייטער, האָט, ווי מי זאָגט דאָ אין לאָנדאָן, געמאַכט אַ פיינעם לעבען. ער האָט קיין דערוואַקסענע קינדער ניט געהאַט, אָבער אַ פּלימעניצע זיינע, אַן עלטערן ברודער'ס אַ טאָכטער מיט אַ פּאָאר יאָהר

אינגער פאר מיר, פלעגט אָפט אריינקומען אין הויז, פלעגט דער עלטערער מיידעלע געבען שטונדען אין מוזיק. פיאַנאָ האָט זי איהר געלערנט שפּיעלען. איהר פערשטעהט דאָך, אַז דאָס איז געווען די פערזאָן, די העלדין פון מיין ראָמאַן... אויב עס איז ווען עס איז אין דער וועלט אַרומגעגאַנגען די אונשולד אין דער געשטאַלט פון אַ... איך וועל ניט זאָגען בילד־שעהנע, אָבער דאָך רייצענדע ברונעטקע, איז ז י דאָס געווען, און, וואָס זאָל איך פיעל בראַייען? איך בין פון איהר איינגענומען געוואָרען ביי דעם ערסטען אָנגריף. אַז אימיצער וואָלט אימיצען געקענט ליידענ־שאַפטליכער ליעבען ווי זי האָט מיך געליעבט, וואָלט איך דאָן בשום אופן ניט געגלויבט... מיסטער שטופּ גיט מיר אַ שוועבעלע, זייט אזוי גוט.

שטופּ

(טוט זיך אַ כאַפּ ווי פון שלאָף) מיט'ן גרעסטען פערגעניגען! צינדט אָן און דערלאַנגט קרויזקאָפּען.)

קרויזקאָפּ

און דאָ קומט דער פייערליכסטער טאָג פון מיין לעבען. נאָך אַ דריי־מאָנאַטליכער אונטערזוכונגס־האַפט קומט אָן דער פּראָצעס. איך שטעה פאר די געשוואָרענע. איך פּארטהיידיג זיך אליין. איך האַלט אַ גוטע רעדע: שטאָלץ, אגרעסיוו, אָבער אָהן טהעאַטראַ־לישע עפעקטען. זי איז אין זאַאַל. זי לעבט דורך יעדע בעוועגונג מיינע, זי דענקט דורך יעדען געדאַנק מיינעם, איהרע ליעבעפולע אויגען זאָגען מיר אלע ווייַלע: גוט, זעהר גוט, בראַוואָ! מיר דוכט זי אַפּלאָדירט מיר, מעהרנישט איך איינער אין זאַאַל הער עס... ווען איך ענדיג מיין רעדע זעהט זי מיך אָן מיט שטאָלץ און גליקליך ווי אַ מוטער, וואָס איהר קינד האָט פּערהערט אַ גרויסער רב און האָט איהר פּראָפעצייהט אַז ער, דער אינגעל, וועט אמאָל זיין אַ גדול בישראל. און דאַן קומט דער אורטהייל, דער באַרבאַ־רישער ווערדיקט און איך געפין ווידער אונטערשטיצונג און קו־ראַזש אין איהר בליק. איך פיהל, אַז יעדער חדש וואָס מען

וועט מיר געבען אין טורמע וועט מיך מאכען אלץ טייערער און בעליעבטער ביי איהר; אז מיין אורטהייל מאכט מיך פאר א העלד אין איהרע אויגען; אז וואס מעהר איך וועל ליידען אין דער צייט פון מיין געפאנגענשאפט, אלץ גרעסער און פולער וועט נאכדעם זיין מיין גליק מיט איהר... בערמאן גיט מיר...

בעראן

וואס, מיין פריינד?

קרויזקאפ

גיט מיר א זופ וואסער. (שפרה גיט איהם צום ערסטען מאל א קוק געראד אין פנים אריין, ער מערקט עס.) גאר נישט, גאר נישט. מיר איז טרוקען געווארען אין האלז רעדענדיג. וועל האס מאכען קירצער. (בערמאן דערלאנגט איהם א גלאז וואסער.) א דאנק אייך. (טוט א זופ און שטעלט אוועג די גלאז.) און עס פערגעהען עטליכע חדשים. זי שרייבט מיר, איין מאל בעזוכט זי מיך. עס פערגעהען וויעדער עטליכע חדשים. איך קריעג איין בריעף, פול מיט סודות, מיט אונפערשטענדליכע אנצוהערעניסען... נאך א בריעף, אז זי פאהרט אוועק פון שטאדט און וועט מיך ניט קענען זעהן ביז איך וועל ארויסקומען. און דאן הער איך אויף צו קריעגען בריעף אויף. עס האט קיין זין ניט צו פרובירען אייך שילדערן, וואס איך בין אין יענע חדשים אויסגעשטאנען. דער ניט קענען געהן, פאהרען, לויפען אויסגעפינען וואס דא טוט זיך האט מיר געמאכט די טורמע פאר אן אמת'ען גיהנם, וואו טויזענד שדים און מלאכי חבלה האבען מיך טאג־טעגליך געקוועלט. — ווען עס זיינען געווען אוועגגעגאנגען פיער חדשים זינט איך האב געהאט געקראגען איהר לעצטען בריעף, האב איך ביי זיך בעשלאסען, אז זי מוז זיין טויט... איך האב דאן נאך געהאט א וואכען זיעבען צו זיצען. פאסירט אט וואס: אין געפענגנים קומט אריין א נייער „שטרעפלינג“, ווי זיי רופט מען אין פרייסען. איך ווער מיט איהם בעקאנט אויפ'ן גענזע־מארש...

שמואל

וואס איז דאס?

קרויזקאָפ

אויף דעם שפּאַציער פּאָאר־ווייז אַרום און אַרום אין הויף, וואָס ווערט ערלויבט דעם אַרעסטאַנט איין שעה אָדער מעהר אַלע טאָג און... אייך ניט לענגער אויפצוהאַלטען מיט אוננויטיגע איינצעל־הייטען... איך הער פון איהם, אַז מיין געליעבטע איז די פרוי פון אַ מאַן, מיט וועלכען זי האָט זיך אינטים געקענט נאָך איידער איך בין אריין אין טורמע!! דאָס איז אַלעס.

בערמאַן

שרעקליך, שרעקליך. (דריקט קרויזקאָפ׳ען די האַנד.)

שטומ

איך בין שטום...

קרויזקאָפ

(מיט אַ בליק צו שפרה׳ן צו) דאַנק אייך ביידען. איך גלויב אַז איהר מאַכט איצט אַליין דעם פירוש אויף מיין געשיכטע, אויב זי נויטיגט זיך אין אַ פירוש. יעדענפאַלס פערשטעהט איהר מיך.

שפרה

איך סימפּאַטיזיר מיט אייך געוויס, אָבער...

קרויזקאָפ

(אין גרויס אויפרעגונג) אָבער וואָס?

שפרה

גלייכער איצט צו שווייגען...

קרויזקאָפ

(מיט האַס אין יעדען וואָרט) דער „אָבער" אייערער פערפליכטעט אייך זיך צו ערקלערען.

שפרה

אויב איהר ווילט... איך האָב פאַר אייך קיין מורא ניט. איך וואָלט פריהער פאַר אַלץ געוועלט אויסהערען דעם צווייטען צד. איך בין זיכער, אַז יעדעס וואָרט אייערס איז אמת, אָבער איך האָב ניט געהערט דאָס וואָס איהר, געוויס אָהן אַ שלעכטע כונה, האָט פערשוויגען. אָבער אפילו אָננעהמענדיג אַז קיין זאַך, וואָס איך

וואָלט נאָך געקענט הערען, וואָלט ניט אָבגעשוואַכט מיין מיינונג, זעה איך בשום אופן ניט איין, ווי אַזוי אַ פערנינפטיגער מענש קען פערענטוואָרטליך מאַכען אַ ל ע פרויען פאַר דעם אונרעכט וואָס איהם איז געשעהען פון א י י ן פרוי.

קרויזקאָפּ

אָט האָט איהר עס! טאָמער האָב איך געדאַרפט נאָך אַ גרונד פאַר מיין טיעפען האַס צו אַלע ספּאָדניצעס, האָט מען מיר דאָס דאָ געגעבען. אַזוי... פערפיד רעדען קען נור אַ פרויענצימער... נאַ לאָמיר מאַכען אַ סוף! לאָמיר געהן!

שפרה

איהר מעגט חרטה האָבען אויך... (געהט אַריין אין שלאָפצימער.)

בערמאַן

סאָניטשקא, וואָס רעדסטו?

קרויזקאָפּ

זי וויל מיך בעליידיגען, לאָזט איהר. איך האָב קיין חרטה ניט ווען איך בעשלים וואָס צו טאָן. שטופּ איז עס שוין צייט צו געהן?

שטופּ

צייט, לאַנג צייט. קומט.

קרויזקאָפּ

קומט. (ער טוט אָן אַ הוט און אַן אויבערראָק. די אַנדערע אויך. שפרה קומט אַרויס פון אַנדערען צימער.) פרוילין בערמאַן, איך בין פאַרטיג. אַ דאַנק אייך פאַר אייער אַפּענהערציגקייט. מיר קענען זיךביידע איצט. איהר קענט מיך ניט מעהר און טיעפער האַסען ווי איך האַס אייך מיט אייער גאַנצען שעהנעם, צאַרטען געשלעכט! קומט... התונה האָבען.

פאָרהאַנג.

דריטער אַקט

דערזעלבער צימער ווי אינ׳ם פריהערדיגען אַקט. די אונאָרדנונג איז נאָך פּיעל גרעסער. אין מיטען צימער זעהען זיך אַלערליי זאַכען: אַ קאָפער, האַנדגעפּעק אין רימענס, אַ רייזע־טאַש און קליינינקייטען. שטופּ דרעהט זיך אַרום; וועלענדיג העלפען, שטערט ער כסדר.—דורכ׳ען גאַנצען אַקט הערשט אַ געהויבענע שטימונג.— עס איז אַרום 7 אַזייגער פון אָווענד. דרויסען איז אַ געדיכטער נעבעל.

ערסטע ערשיינונג

ש פ ר ה, פּאַדענדיג אַרום איהרע זאַכען, פרוי ז י ג ע ל איהר העלפענדיג, און ש ט ו פ, זעהר צוטראָגען.

שפרה

האָט איהר אָפּט דאָ אַזעלכע טומאַנען?

שטופּ

טומאַנען איז גוט! דאָס איז אַן ערדעלער נאָמען פאַר אַ לאָנדענער פאָג. זעהר אַן ערדעלער נאָמען פאַר זעהר אַ גראָבע זאַך. אָבער דעם ריכטיגען פאָג... (הויבט אויף פון דער ערד אַ טאַשענטיכעל.) איז האָס אייערע, מיס בערמאַן?

שפרה

(האַסטיג בעטראַכטענדיג) ניין.

שטופּ

דאָס איז אָבער זיכער ארויסגעפאַלען פון אייערע זאכען? אָבער וואָס מאכט דאָס אויס? איך זאָג: דעם ריכטיגען פאָג, דעם אמת׳ען לאָנדאָנער פאָג, וואָס די וועלט רעט ארום איהם... מרס. זיגעל, איז דאָס אייער מיכעל?

מרס. זיגעל

מיינע, מיינע, מר. שטופּ, א דאנק אייך.

שטופּ

איז וואָס האָב איך געוועלט זאָגען? מילא, לאָז זיין.

מרס. זיגעל

איך וואָלט זיך אין אזא פאָג אויפ׳ן שיף ניט געזעצט. מען איז ניט זיכער מיט׳ן לעבען אריבערגעהענדיג א גאַס און דאָ געה, לאָז זיך אוועג אויף ימים! אָסור אויב איך טו דאָס!

שפרה

(כסדר בעשעפטיגט מיט׳ן פּאַקען) א רוסישער ווערטעל איז דאָ: „דער פּחד האָט גרויסע אויגען“...

שטופּ

וואונדערבאר ווי ביי אייך איבערזעצט זיך אלץ אויף אידיש!

שפרה

„או סטראכא גלאזא וועליקי“ האָב איך געדארפט זאָגען, מר. שטופּ, ניין? טאקע אָן עולה, כ׳לעבען, צו נעהמען אזוינע ציוויליזירטע, געשליפענע, רוסישע ווערטער און פון זיי מאכען א תל אין אידיש, אין גראָבע אידיש...

שטופּ

דאָס איבערטרייבט איהר, למשל. אידיש איז ניט גראָב, אידיש איז איינפאַך קיין לשון ניט, ניט דאָס וואָס מען פערשטעהט אונ־טער דעם וואָרט לשון... אידיש איז כלומרשט א לשון...

שפרה

אויף וועלכען זיעבען מיליאָן כלומרשט־מענשען רעדען זיך כלומרש׳ט צוזאמען... זעהר גוט.

שטופּ

בראַוואָ, בראַוויסימאָ! גערעכט — אָדער ניט, אָבער שעהן האָט איהר זיך אויסגעדריקט, זעהן שעהן, גאָר־גאָר שעהן האָט איהר דאָס ארויסגעזאָגט...

שפרה

אזוי? און טאַקע אויף דעם לשון, וואָס איז כמעט גאָר קיין לשון ניט?... איי איז אויף אייך אַלעמען אַ רחמנות! אייער גליק איז נור, וואָס איהר אַליין ווייסט ניט ווי לעכערליך איהר מאַכט זיך. ווען ניט איך... ווען איהר שעמט זיך ניט פאַר מיר, דרעהט איהר, מאַטערט איהר אַלע אייער צונג אויף אַלע לשונות, חוץ אייער אייגענעם, און אַלס אַ דאַנק דערפאַר לאַכט מען אין די הויפענס פון אייער אקצענט, פון אייער זשעסטיקולאַציע, פון אייער קול, פון אייערע מיענעס... גלויבט מיר, פריינד שטופּ, אַ מענש, וואָס שעמט זיך מיט זיין פאָלק איז שטענדיג איינער וואָס זיין פאָלק שעמט זיך מיט איהם, בעת...

שטופּ

ווידער פיין ארייננגעזאָגט! וואָס אמת...

שפרה

לאָזט זיך רעדען... בעת, זאָג איך, די אַנדערע פעלקער, צו וועלכע ער מאַכט זיך צו און וועלכע ער מאַכט נאָך, פעראַכטען איהם אפשר נאָך מעהר ווי דעם אידען, למשל, וואָס איז אַ איד און שעמט זיך ניט דערמיט... (אויפ'ן שפעל בעווייזט זיך בערמאַן; ער אַפּלאָדירט איהר אירא‏ָניש.)

צווייטע ערשיינונג

בערמאַן צו די פריהערדיגע.

בערמאַן

ווידער אמאָל אמעריקאַ ענטדעקט! עס פערגעהט ניט אַ טאָג וואָס ערגיץ אַ נאַציאָנאַליסט זאָל ניט פון דאָס ניי „ענטפּלעקען“ אָט דיעזע וואונדערבאַרע שטיק חכמה... אַ מענש ווי אַלע מענשען

טויג ניט, פערֹאכט מען דיך: מען מוז זיין א איד ווי אלע אידען. איהר זייט פייגלינגע, דאס איז וואס איהר זייט, דו און אלע אידישע אידען: וואלט איהר געהאט דעם מוטה, וואלט איהר אפען פראפאגאנדירט די יארמאלקע מיט'ן שטריימעל פאר מענער, דעם פארוק מיט'ן שייטעל פאר ווייבער!

שפרה

דערצו פעהלט אונז ניט מוטה, מיין ברודער, דערצו פעהלט אונז דיין איסימילאטארישע לאגיק.

בערמאן

(אויפגערעגט) וואס איך הער!

שפרה

(קאלט) יע, וואס דו הערסט! דיין לאגיק איז אזעלכע, אז קיין אנדער אידישקייט ווי די, וואס טראגט א יארמאלקע, איז ניטא; דאס איז ביי אונז אבער א רוסישקייט וואס קומט אוים אהן א פאדיאָווקא מיט א פופאייקא, דאס פערשטעהסטו. א רוס, וואס וויל דורכאוים זיין א טייטש איז אין דיינע אויגען לעכערליך געננג, אבער א איד וואס וויל זיין א רוס, א פאליאק, א טייטש,—אליז, אליז, נור נישט קיין איד איז א גאנץ געוועהנליכער, ציוויליזירטער מענש...

בערמאן

און אזעלכע אידעען פיהרסטו אהין... עס לוינט זיך צו נעהמען אזא ריזיקא ,ווי דו נעהמסט, צוליעב א ניט־דערוואקסענעם ציוניזמוס...

שפרה

נאאום, דו רעדסט נאררישקייט... דו זאגסט שטעכווערטלעך ווייל דו קענסט ניט לאגיש ענטפערן אויף מיינע רייד. די מעטהאדע איז ניט קיין נייע, און פון דיר איז עס ניט שעהן.

שטופ

איהר וועט זיך פאר'ן אוועגפאהרען נאך צוקריגען אויך. אזא מעשה, פונקט אזא מעשה, אבער טאקע, ווי איהר זעהט מיך א

לעבענדיגען, טאַטש־ווּ־טאַטש אַזאַ מעשה האָט פּאַסירט אין... (צו שפרה'ן, וועלכע קוקט אָן אַ זייט צו דער ערד צו) איהר זוכט עפּעס וואָס?

שפרה

דערצעהלט, דערצעהלט! איהר האָט רעכט: עס איז גלייכער צו שווייגען, וואָרים מיר קענען זיך אין דער אמת'ן צוקריגען און ווער ווייס צי מיר וועלען זיך ווען עס איז וויעדערזעהן...

מרס. זיגעל

(וויינט זיך פאַנאַנדער) זיינע ווערטער, אייך אַלעמען צו לענגערע יאָהר, פאַר'ן אַוועגפאָהרען קיין (וויינט וויעדער) באַלבירישאָק.
(פּויזע.)

שפרה

וואָס האָט איהר געוועלט זאָגען, מר. שטופּ...

שטופּ

דעם אמת רעדענדיג, בין איך עפּיס היינט גאָר אַ צודרומשקעטער...

שפרה

איך טוט באַנג וואָס איך פאָהר אַוועג (שמייכעלט), ניין?

שטופּ

וואָס איז דאָ צו לייקענען? געוויס טוט באַנג און ווי נאָך באַנג? באַנג — באַנג איז דאָך ניט גלייך! אָט איז מען צונויפגעקומען, זיך צוגעוועהנט איינס צום אַנדערן און, ווי זאָגט דער ענגלענדער? „איי וואָז דזשעסט בעגינינג טו לאַייק יו" —

שפרה

הערסטו? אַזאַ אידישע אידענע ווי איך?

שטופּ

גוטע ווערטלעך... האָבען... די ענגלענדער, זעהר גוטע, גוטע און איינפאַכע, גאָר איינפאַכע... „איי וואָז דזשעסט בעגינינג..."

מרס. זיגעל

ער קומט... מר. קרויזקאָפּ!

ד ר י ט ע ע ר ש י י נ ו נ ג

קרויזקאָפּ צו די פריהערדיגע.

קרויזקאָפּ

(זעהר פערטראַכט) האָב בעשטעלט א קעררייעדזש... האלב נאָך זיע־בען מוזט איהר ארויספאָהרען... וועט נעהמען א מינוט צעהן צו צו ליווערפול סטריט סטיישען...

שפרה

הערט, מרס. זיגעל! לאָמיר נאָך טרינקען צו גלעזלעך טיי...

מרס. זיגעל

אודאי, וואָס רעט איהר, אודאי! דאָס ווערט ביי מיר איינס־צוויי־דריי? (אָב.)

שטופּ

און אפשר וואָלט טאקע זיין א סברא זיך די לעצטע פונפצעהן מינוט ניט צו קריעגען, נאָר ניט צו קריעגען... אָהן שטעכווערטלעך צו רעדען, אָהן...

שפרה

איך וויים, וואָס איהר מיינט! נאאום, דו הערסט?

בערמאַן

וועל טאָן מיין בעסטעס, סאָניטשקא! אויב דו וועסט זיך איינ־האלטען?...

שפרה

איך האלט זיך אימער איין... דו... נור דאָ קענען מיר זיך וועגען דעם גופא צו־ווערטלען... נו, און איהר, הערר קרויזקאָפּ?

קרויזקאָפּ

(אימער פערטראַכט) איך? וואָס?

שפרה

מיר ווילען האָבען שלום — וואָס מען רופט הארמאָניע — די לעצטע צעהן מינוט פאר מיין אָבפאָהרען...

קרויקאָפּ

גוט, איך קען אוועקגעהן...

שפרה

אָה, ניין, הערר קרויזקאָפּ, אַזוי האָב איך דאָס ניט געמיינט. פער־קעהרט... איך האָף, אַז איהר וועט פאַר מיר מאַכען אַן אויסנאַהמע ביז איך פאָהר אַוועג... איך ווייס, איך בין אַ פּרויענצימער...

קרויזקאָפּ

(קוקט איהר אָן, פערטראַכטערהייט, צום ערשטען מאָל גלייך אין געזיכט אַריין) ביז... איהר פאָהרט... אָה, יאַ! גוט! גוט! איך קריעג זיך מיט קיינעם ניט מעהר ווי איינמאָל...

שפרה

האָבען מיר זיך דען שוין איינמאָל געקריעגט? איך געדענק ניט; סאַיידען (שמייכעלט) איהר רופט זיך געקריעגט, דאָס וואָס צווישען אונז איז פאָרגעקומען פאַר'ן... יענעם טאָג... פאַר'ן...

קרויזקאָפּ

פאַר'ן געהן חתונה האָבען... (טוט זיך אַ כאַפּ) ענטשולדיגט, איך קום גלייך אַריין... איך קום צוריק אין אַ מאָמענט. (נעהמט זיין הוט און געהט אַרויס.)

שפרה

אַלץ, דאַכט זיך, פערפאַקט! האָסטו דעם פּאַס אַריינגעלעגט אין האַנדטאַש, נאַאום?

בערמאַן

אַלץ אין אָרדנונג, סאָניאַ! ווי געפעלט דיר דער בער אונזערער? האָט דאָך מיר ניט געלאָזען בעשטעלען קיין קעב... אַליין, זאָגט ער, מוז ער דאָס טאָן, כדי אַלע זאָלען טאַקע גלויבען, אַז ער האָט מיט דיר חתונה געהאַט...

שפרה

שש... מרס. זיגעל געהט.

מרס. זיגעל

(מיט פיער גלעזער טיי, פּרוכט און געבעקס) וואו איז מיסטער קרויז־קאָפּ?

בערמאַן

ער קומט באַלד אַריין... אָט איז ער! זעצט זיך, קרויזקאָפּ, לאָמיר טרינקען טיי. מיר האָבען נאָך (קוקט אויף זיין זייגער) זיעבען מינוט... אייגענטליך מעהר... א בילעט האָב איך שוין... און אויף באַגאַזש אויפגעבען וועט דויערן ניט לאַנג... איהר ווילט פערדרוי־כערן? (גיט קרויזקאָפּ׳ען פייער, יענער פערדרויכערט.)

שפרה

ווען מיר וואָלטען זיך ניט צו׳ווערטעלט פאַר־אכט־טאָגען, הערר קרויזקאָפּ וואָלט איך אייך עטוואָס געבעטען...

קרויזקאָפּ

איהר? מיר? וואָס הייסט בעטען? (פּלאַצט אַרויס) בורזשואזנע רעדענסאַרטען! זיי זיצען ניט טיעף די אידעען אונזערע פון מיין און דיין...

שפרה

האָב אָנגעהויבען צו לעזען א בוך אין אייער ביבליאָטעק... זאָלא׳ס „געלד“ (ל׳אַרזשאַן) און אויב איהר...

קרויזקאָפּ

(מיט היץ) מאַכט ניט קיין צערעמאָניעס... (לויפט צו איינעם פון די שראַנקען) דאָס איז איינפאַך א בעליידיגונג. איהר וועט מיר געוויס נאָך דאַנקען אויך, ניין? (דערלאַנגט איהר דעם בוך) אָה, די פרויען!

בערמאַן

און אָבגעמאַכט שלום, דאַכט זיך.

שפרה

ניין, נור וואַפּענשטילשטאַנד אויף צעהן מינוט....

שמוּפּ

וואַפּענשטילשטאַנד איז גוט! זעהר גוט! איך געדענק שוין ניט וואו... אָבער ערגיץ א דייטשער שרייבער און אפשר א פראַנצויזי־שער, עס קען זיין מיר חלומ׳ט זיך א פראַנצויזישער שרייבער אי־בערזעצט אויף דייטש, אָדער פערקעהרט א דייטשער... אי־בערזעצט אויף פראַנצויז? ניין, דאַכט זיך, אז ניט...

שפרה

נו, נו?

שטופּ

בקיצור, זאָגט דער שרייבער, גערענק איך, אַז דאָס לעבען פון מאַן און ווייב איז אַ לעבענסלענגליכע מלחמה צווישען צוויי בעלי־גערענטען... מיט אַ וואַפענשטילשטאַנד פון צייט צו צייט... (קרויז־קאָפּ געהט ווידער אַרויס.) וואָהין געהט איהר, קרויזקאָפּ?

קרויזקאָפּ

(פון יענער זייט טיהר) קום אין אַ רגע צוריק...

בערמאַן

(קוקט אויפ׳ן זייגער) דער קעבמאַן וועט געוויס באַלד דאָ זיין. קרויזקאָפּ קען ניט איינזיצען... אויף אַן אָרט.

מרס. זיגעל

(לויפט אַרויס) אפשר פיהלט ער זיך ניט גוט?

שפרה

הלואי זאָל זי האָבען געטראָפען!

בערמאַן

אזא שונא ביזטו איהם ווירקליך?

שטופּ

אזא...

שפרה

(לאָזט איהם ניט אויסרעדען) אַיי, מאַנסבילען! קורץ איז אייער שאַרפער בליק, אייער דורכדרינגענדער...

שטופּ

(לאַכענדיג) אַדלערבליק.

שפרה

יע, אייער אָדלערבליק. טיעף זעהט איהר אפשר, אָבער ניט ווייט און אַ בוך מיט זיעבען זיגלען איז פאַר אייך אַ מענשענ׳ס הארץ.

שטופּ

שעהן און ביבליש גערעט... אַ בוך מיט זיעבען זיגלען! ווייסט

איהר אין גרונד דארף מען זאָגען אַ בריעף מיט זיעבען זיגלען, ווייל...

שפרה

פריינד שטופ, דערצו איז איצט ניטאָ קיין צייט. (צו בערמאַנען) ווי שפּעט איז עס שוין?

בערמאַן

די דראָשקע וועט דאָ באַלד זיין.

שפרה

אויף קרויזקאָפּ'ען וואָלט אימיצער געדארפט אויפּפּאַסען... לעבען איהם דארף מען האָבען אַ ווערטערין, אַ מין קאַטוילישע שוועסטער פון בארמהערציגקייט. דאָס איינציגע וואָס איך, אַלס אידיש קינד, בין די קריסטען אמת מקנא.

בערמאַן

דו האַלטסט איהם פאַר קראַנק?

שפרה

יא, ער איז קראַנק, דער נאָבעלער קרויזקאָפּ! און אַלע האָבען איהם (ער בעווייזט זיך אין טיהר) עס מאַכט ניט אויס, ער מעג מיך הערען... איך וועל איהם מעהר שוין קיינמאָל ניט פאַלען צו לאַסט... מיט ווערטער...

קרויזקאָפּ

איז ניט מעגליך צו רעדען פון עפּעס אַנדערש?

שפרה

ניין, העדר קרויזקאָפּ, עס איז ניט מעגליך... איך מוז אַרויסרעדען וואָס ביי מיר האָט זיך די לעצטע אַכט טעג אָנגעקליבען אין הארצען דאָ אין אייערע צוויי צימערן. איך פיהל, אַז ווען איך וועל דאָס אייך ניט זאָגען, וועט עס אייך קיינער ניט זאָגען. איהר זייט אַרומגערינגעלט מיט מאַנסבילען און דערצו נאָך האַלב־גוי'שע מאַנסבילען...

בערמאַן

דארויף האָב איך געוואַרט... אויף „די גוי'שע"!

שפרה

און דו האָסט זיך דערוואַרט. איך זאָג האַלב־גוי׳שע, דאָס הייסט ניט גאַנץ נאַטירליכע, נור אַפעקטירטע מענשען, וואָס לעבען גאָר נים זייער אייגענעם לעבען, וואָס שפּיעלען בלויז ראָלען, ווי די קאָמעדיאַנטען אויף דער ביהנע, זיי זיינען ניט געוואוינט צו האַנדלען נאַטירליך, און צו בעטראַכטען מענשען נאַטירליך. וואָלט הערר קרויזקאָפּ געהאַט ביי זיך מיט יאָהרען צוריק, ווען זיין אומגליק האָט איהם געטראָפען, אַ פּרויענצימער, אַפילו אַן אַלטמאָדישע אָבער אַ פרוי מיט אַ פרויענהאַרץ און דערצו אַ אידישע, וואָס פערשטעהט זיך אויף אַן אונגליקליכען אידישען ליעבהאָבער, אַ אידישען, אַ אידישען, נאַאום! איינעם, וואָס הויבט ניט אָן צו שכור׳ען אין אַזאַ פאַל, ווי דאָס וואָלט געטאָן אַ גוי... דער בעסטער גוי... ווען, זאָג איך, ער וואָלט געהאַט אַזאַ פּערזאָן לעבען זיך וואָלט ער ניט געוואָרען אַ קראַנקער, אַ מענש וואָס קוקט אויף זיך אין דער וועלט ווי אַ פּאַציענט אין אַ גרויסען האָספּיטאַל...

שטופּ

וואויל, וואויל! (קרויזקאָפּ נעהמט צוריק זיין הוט און וויל אַרויסגעהן.)

שפרה

אָה, איהר מוזט דאָ בלייבען, הערר קרויזקאָפּ! איהר מוזט מיך אויסהערען, ניט פון דאַנקבאַרקייט רעד איך, איהר פערלאַנגט ניט מיין דאַנק פאַר אַלץ, וואָס איהר האָט דאָ פאַר מיר געטאָן... איך ווייס עס. אין מיר רעט אַנאַנדער געפיהל... אין מיר רעט... ווי גיט מען אייך דאָס צו פערשטעהן... דערזעלביגער געפיהל איצט, ווי אין דעם גוסס, בעת ער האָט זיינע געליעבטע אַלע אַרום זיך און ער רעט צו זיי, מחמת ער ווייס, אַז מעהר וועט ער צו זיי שוין ניט רעדען. און עפּעס צווינגט איהם אַלץ, אַלץ אַרויסצורעדען... אַלץ וואָס ער האָט אין דער ברוסט.

קרויזקאָפּ

(מיט׳ן הוט אין האַנד) ווען איך ווייס ניט, אַז איהר פאָהרט אוועג און צוליעב וואָס איהר פאָהרט, וואָלט איך געקלערט, אַז דאָס רעט

א פּרויענצימער, וואָס וויל מאַכען אַן עראָבערונג... אז דאָס הער איך אַ סירענענגעזאַנג פונ׳ם בייזען תהום אַרויס...

שפרה

ניין, מיין פריינד, איהר הערט ניט קיין סירענענגעזאַנג: קיינער וויל אייך ניט פאַנגען, איהר הערט אַ שוואַנענגעזאַנג... אימיצער, שטאַרבט.

שטופּ

פּאָעזיע, ווי איהר זעהט מיך אַ לעבעדיגען! פּאָ־ע־זיע!,

שפרה

שטערט ניט, ליעבער שטופּ. איהר הערט, זאָג איך, אַן אָבשיעדס־ליעד פון איינע, וועלכע, פאַר אייך ווענינגסטענס, וועט באַלד אויף אויביג אָבשטאַרבען, ווייל זי געהט אין אַנאַנדער וועלט אריין.„ (קרויזקאָפּ מאַכט ווידער אַ בעוועגונג אַרויסצוגעהן.) בלייבט, מיין פריינד, בלייבט דאָ מיט מיר נאָך עטליכע מינוט...

קרויזקאָפּ

וואָס ווילט איהר פון מיר?!

שפרה

גאָרנישט, חוץ אַז איהר זאָלט מיך אויסהערען. אייערע פריינד, ווי איך האָב אייך געזאָגט, זיינען געוועזען מאַנסבילען. זיי האָבען אייך ניט פערשטאַנען ווען אייער אומגליק איז געקומען. זיי האָבען זיך מיט אייך ניט אינטערעסירט גענוג אריינצוביליקען אין אייער האַרץ און צו זעהן, אויב מען קען אייך ניט העלפען. זיי האָבען ניט געזעהן אין אַל׳ די יאָהרען דאָס וואָס אַ פרויענאויג האָט דער־זעהן אין אַ טאָג. זיי האָבען דערפאַר אייך צוגעבאַמקעט ווען איהר האָט דאָ געשאָלטען אַלע ווייבער צוליעב איינע... צובאַמקענען איז לייכטער ווי רעדען און בעטראַכטען... אגב פיהלען אונזערע מענשען און דענקען סאָציאַל... דער יחיד עקזיסטירט פאַר זיי ניט... און דערביי זיינען דאָס לויטער אוננאַטירליכע מענשען: בורזשו־אַזנע סאָציאַליסטען, גוי׳שע אידען, פּראַקטישע בטלנים, זאָלען זיי מיר מוחל זיין. אָה, איך האָב וועגען דעם פיעל, פיעל גע־טראַכט...

קרויזקאָפּ

(מיט גרויס כעס) אָבער וואָס ווילט איהר פון מיר, צום טייפעל ! ! !

שפרה

איך וויל אייך נאָך מעהר אריינברענגען אין כעס. איך וויל אייך זאָגען, אז ווען מען וואָלט אייך ניט געלאָזט זיך בעזעצען אין האָספּיטאל אלס אן אונקורירבארער פּאציענט, וואָלט איהר געזעהן, וואָלט איהר לאנג שוין איינגעזעהן, אז אייער גאנצער פרויענהאַס איז לעכערליך. איהר זייט צו גרויס, צו נאָבעל, קרויזקאָפּ, צו האנדלען קליינליך און געמיין ! איהר ווייסט אליין ניט ווער און וואָס איהר זייט... איך חנפ'ע אייך ניט, איך דארף אייך ניט... (אין גאַס דערהערט זיך, ווי עס פאָהרט צו אַ דראָשקע.) אָט, מען קומט שוין נאָך מיין נשמה ! לאָזט מיך שנעל אויסרעדען... פיהלט איהר ניט, ווי לעכערליך עס איז פאר א מאן, ווי איהר זייט, זיך צו בעקלאָגען, אז א פרוי האָט איהם פערראטהען, אז זי איז איהם אונטריי געוואָרען ? וואָס הייסט דאָס ווערען אונטריי ? ווער קען דאָס אימיצען ארויסגעבען א גאראנטיע אויף ליעבע אויף א גאנצען לעבען ? (דער קעבמאַן בעוויזט זיך אין טיהר.) נאאום, לאָז ער ארונטערנעהמען די זאכען, איך בין באלד צו־ענד... (מען נעהמט ביסלעכווייז אלץ אַרונטער.) דארף זי דען דאָס זיין אן אויסוואורף, א שלאנג, א פוריע, צו ליעבען אנאנדערן בעת אייך, איהר העלד, בעוואונדערט זי ? קען ניט א פרוי ליעבען א נעבעכ'ל בעת זי בעוואונדערט און פאלט אויף די קניע פאר א גאריבאלדי ? הערר קרויזקאָפּ... איך וויל אייך קיין מוסר ניט זאָגען, איהר זייט קליגער פאר מיר און מוסר העלפט גלאַט ניט. אָבער...

בערמאַן

סאָניטשקא ! עס איז צייט צו געהן !

שפרה

איין וואָרט נאָך. (שטילער.) איהר מענער קומט צו יונגע אונער־פאהרענע מיידלעך, וואָס האָבען נאָך פון לעבען, חוץ חלומות, גאָר־נישט געהאַט. קלערט איהר אויף אן אויגענבליק, אז איהר וועט

זיי ווירקליך אויביג טריי זיין? און דאָך קומט איהר צו זיי, שוין האַבענדיג גענאַשט... אמאָל שוין זאַטערהייט, אמאָל זאָגאַר שוין איבערזאַט... און איהר מענט! (זי גיט איהם די האַנד) זייט גע־זונד, מיין פריינד!

מרס. זיגעל

אָסור, אויב איך ווייס וואָס דאַ טוט זיך?

שפרה

(צו קרויזקאָפּ'ען) זייט געזונד! איך וועל אייך אויביג האַלטען פאַר...

קרויזקאָפּ

יע, יע... עס ווערט שפּעט. איך וואָלט אייך בענגליים... אפשר קום איך נאָך צום וואָגזאַל... געהט, נעהט!

שפרה

(צו מרס. זיגעל) אַ גרויסען דאַנק אייך פאַר אייער פריינדליכקייט... וואָס איהר פערשטעהט נים וועט מען אייך שוין ערקלערען... ניט מיר אַ קום! (זיי קוסען זיך.) אַט אזוי, נאָך איינעם, אַ הארצי־גען! (אַלע, חוץ קרויזקאָפּ און מרס. זיגעל, געהען אַרויס.)

מרס. זיגעל

(נאָך אַ קורצער פּויזע) מר. קרויזקאָפּ!

קרויזקאָפּ

(געהט הין און צוריק איבער'ן צימער) וואָס ווילט איהר?

מרס. זיגעל

אפשר וואָלט גלייבער געווען צו שווייגען...

קרויזקאָפּ

אויב איהר פיהלט אזוי, דאַן שווייגט.

מרס. זיגעל

פאַר וואָס זייט איהר נים געגאַנגען צום סטיישען?

קרויזקאָפּ

פאַרוואָס בין איך נים געגאַנגען, האַ?

מרם. זיגעל

יע, פארוואס ניט?

קרויזקאפ

איהר ווילט וויסען, חוה'ס טאכטער?

מרם. זיגעל

מיין מאמע, עליה השלום, האט ניט געהייסען חוה. איהר מעגט מיר ניט זאגען אויך; מיין הארץ ווערט צובראכען אויף אייך קוקענדיג, מעהר גארנישט... (ווישט זיך די אויגען מיט'ן פארטוך.)

קרויזקאפ

(אין א ווייכערען טאן) איך ווייס, איך ווייס, מרם. זיגעל: איהר זייט מיר אן אמת'ער גוטער פריינד. געוויס, איהר קענט ניט פערשטעהן וואס דא טוט זיך... אט וועל איך אייך זאגען דעם תוך, פרעגט ניט קיין קשיות.

מרם. זיגעל

(בערוהיגט) גוט, גוט, רעט...

קרויזקאפ

מיס בערמאן און איך האבען חתונה געהאט אויף צופלייסען. זי האט מיר ניט בעדארפט ווי איך איהר ניט, מיין נאמען האט זי בלויז בעדארפט, דערצו א געזעצליכען, ענגלישען פאס... איצט האט זי אי דעם נאמען, אי דעם פאספארט און איך וועל איהר אודאי קיינמאל ניט זעהן מעהר...

מרם. זיגעל

ווייל איהר האט פיינט די ווייבער, אדער ווייל איהר האט פיינט מיס בערמאן?

קרויזקאפ

וואס איז די נפקא מינה?

מרם. זיגעל

אלץ אזוי?

קרויזקאפ

צו איהר אליין האב איך גאר ניט.

מרס. זיגעל

געלויבט איז גאָט דערפאַר.

קרויזקאָפּ

וואָס מיינט איהר דערמיט?

מרס. זיגעל

וואָס איך מיין? וואָס זאָל איך מיינען? וועל אייך זאָגען וואָס איך וויים: מים בערמאַן איז אייך צוגעטאָן מיט לייב און זעעל! דאָס איז וואָס איך וויים.

קרויזקאָפּ

האָט קיין פּאַראיבעל ניט, מרס. זיגעל, איהר רעט נאַרישקייט... אָבער לאָמיר אפילו זאָגען, אז דאָס איז אזוי — זי מיט מיר איז ניט קיין פּאָאר, און וועט קיינמאָל ניט זיין... קיין שום פרויען־צימער וועט מיט מיר קיין פּאָאר ניט זיין, מרס. זיגעל. קיינמאָל נים, קיינמאָל ניט!!

מרס. זיגעל

אמאָלע וואָס? זיכער איז מען נור מיט'ן טויט, דער לעבעדיגער קען אַלץ דערלעבען. מר. קרויזקאָפּ...

קררויזקאָפּ

(נאָך אַלץ שפּרייזענדיג איבער'ן צימער) וואָס נאָך, מרס. סיגעל?

מרס. זיגעל

איהר געדענקט ווען איהר האָט זיך פאָטאָגראַפירט פאַר א יאָהרען האָט איהר מיר געגעבען אַ בילד... האָב אייך געבעטען און איהר האָט געוועלט פון מיר פּטור ווערן... האָט איהר מיר געגעבען...

קרויזקאָפּ

געדענק, געדענק. איז וואָס?

מרס. זיגעל

זי, מים בערמאַן, האָט ביי מיר דעם בילד צוגענומען... האָב אייך ניט געקענט אָבזאָגען...

קרויזקאָפּ

(כאַפּט דעם הוט און טוט אַ קוק אויפ'ן זייגער) פונפצעהן מינוטען צו אכט! וועל נאָך פאַספּייען. (לויפט אַרויס.)

מרם. זיגעל

(לויפט איהם נאָך) גאַרישער מענש, זי האָט עס פּערפעקט צווישען די זאַכען, וואָס געהען אין באַגאַזש! ער הערט ניט! דאָס איז א ביסעל א פּערביסענקייט!

(אין קאָרידאָר הערט זיך שטופּ׳ס קול: „וואוהין לויפט איהר? איהר וועט ניט פּאַספּייען, זעהט דעם פּאָג! דראָשקעס קריכען ווי טשערעפּאַכעס“...)

פּיערטע ערשיינונג

קרויזקאָפּ קומט צוריק, מיט איהם איז שטופּ.

שטופּ

דער פּאָג... טאַקע ניט פון די ערגסטע, געוויס ניט פון די ערגסטע פּאָגעס, אָבער ווען דער לעבען איז ליעב, געהט לאַנגזאַם אין אַזעלכע אָווענדען, געהט זעהר לאַנגזאַם.

קרויזקאָפּ

הייסט עס, איהר זייט ניט דערפאָהרען ביז׳ן סטיישען?

שטופּ

געוויס ניט. האָב געזעהן גלייך, ווי איך בין אריין אין קעררידזש, אַז איך בין איבריג... שוועסטער און ברודער האָבען געוועלט צווי-שען זיך רעדען. וואָלט געוועהן צו קריגען אַנאַנדער קעררידזש וואָלט איך אריינגעשפּרונגען און וואָלט אַליין צוגעפאָהרען. מיר דאַרף מען קיין פינגער אין מויל ניט אריינלייגען, איך פערשטעהע אַזעלכע זאַכען אויפ׳ן וואונק... אגב איז דאָ אַן ענגלישער ווערטעל, זעהר א גוטער, טיעף און שאַרף...

קרויזקאָפּ

(שמייכעלט) טיעף און שאַרף?

שטופּ

(קוקט איהם אָן) יע נו! דער ענגלענדער זאָגט „טו אר קאָמפּאַני, טהרי אר א קראָוד“.

מרם. זיגעל

וואָס איז דער טייטש דערפון?

שטופּ

אַז ווען צו צוויי שטעהט צו אַ דריטער איז מען שוין ניט מעהר אין אַ געזעלשאַפט... נור אין אַ געזעמעל. דאָ וואָלט מען געדאַרפט האָבען סאָפּיען, אָדער, ווי זי וויל אַז מען זאָל איהר רופען, שפרה'ן אונזערע... ביי איהר ווערען אַזעלכע גוי'אישע פסוקים געאידיש תוך־כדי־דבור. „תוך־כדי־דבור" גופא איז איהרער אַ ווערטעל.

קרויזקאָפּ

איז זי אַ ציוניסטקע?

שטופּ

דאַכט זיך, אַז ניין. מען קען ניט זאָגען אַז זי איז. אין פּאַרטייען און פּראָגראַמען קלייבט זי זיך ניט לייכט פאַנאַנדער. גאָר ניט לייכט. איך וויל קיין שלעכטס פון איהר ניט רעדען, אָבער איהר מעגט זאָגאַר זאָגען: שוועך. אין דער שווייץ איז געווען אַ טער־נאָלאָג, אַ בלוטיונגער מענש. איז ער אין איהר אַ לאַנגע צייט געווען ביז איבער די אויערן פערליעבט, דאָס הייסט פערליעבט וואָס פערליעבט הייסט, אָן עסען און טרינקען, אָן טאַטען און מאַמען צו פערגעסען...

קרויזקאָפּ

(אין אַן אויפגערעגטען טאָן) צו וואָס דערצעהלט איהר מיר דאָס?

שטופּ

אָט הערט, וועט איהר וויסען.

קרויזקאָפּ

טו מאַכט עס אַביסעלע קירצער.

שטופּ

אויך רעכט. איז דער דאָזיגער יונגערמאַן האָט אַמאָל סאָפּיען ריכטיג כאַראַקטעריזירט. ריכטיג און פערנינפטיג און מיט קאַרגע עטליכע ווערטער כאַראַקטעריזירט: די בערמאַן, זאָגט ער, איז די אויפריכטיגסטע פּערזאָן אין דער בערנער קאָלאָניע. זי האָט פיינט

יעדע פערשטעלונג, אלץ וואָס איז געמאכט און אָנגעשטעלט. זי האָט פיינט אלץ וואָס איז געפּאָרבען און נעגילט. אויף איהר פנים איז קיין מאָל ניטאָ קיין מאסקע און קיין שמינקע. זי...

קרויזקאָפּ

נו, דאָס איז א לויבגעזאנג. ווי איז דאָס שייך צום ציוניזמוס?

שטופּ

איינפאך, זעהר איינפאך, קלאָר ליעגט עס אויף דער האנד. און דאָס ערקלערט פּאַרוואָס זי איז ניט דוקא קיין ציוניסטקע, ניט קיין אנדער איסטקע... דאָס לאָזט זיך אויסדריקען אין צוויי ווערטער: צוויי ווערטער,, פערשטעהט זיך, איז א גוזמא, אָבער זיכער אין עטליכע ווערטער, אין נאָר ווייניג ווערטער.

קרויזקאָפּ

טו דריקט עס אזוי אויס, איך בעט אייך...

שטופּ

אָט הערט: דער נייער אנטיסעמיטיזמוס, וואָס האָט זיך פערשפּרייט און איז אויסגעוואקסען דוקא אין ציוויליזירטע און פאָרגעשריטענע, זאָגאר דעמאָקראטישע לענדער — אזוי האָט דאָס דער טעכנאָלאָג ערקלערט — האָט דעם אידען געבראכט צום ראסען-בעוואוסטזיין... צו פערשטעהן, אז ווי ער זאָל זיך ניט גרימירען און פערשטעלען, בלייבט ער א איד און ווערט געהאסט אלס א איד. דאָס, הייסט עס...

קרויזקאָפּ

דעם רעסט וועל איך שוין קירצער מאכען. איך פערשטעה, זאָגט מיר אויב איך פערשטעה ניט. עס איז געגען דעם אנטיסעמיטיזמוס נור דאָ איין ברירה: זיך שמד'ען, אָדער צוריק אָנטאָן אויף זיך דעם צלם אלקים. אין עהרליכע, ערנסטע נאטור ווי סאָפּיע בער-מאנ'ס, איז, הייסט עס, דערפאָר געוואָרען א כשר'ע, אידישע נשמה ווי איהר באָבע, זכרונה לברכה. איצט דאַרף זי קריגען א צאינה וראינה און רעדען אידיש ווי די באָבע, זכרונה לברכה, און ווען זי וועט דערגרייכען די באָבע'ס עלטער. אם ירצה השם, וועט זי

אָנטאָן אַ קנופּ און וועט גײן װעקען צו סליחות, זי, די היינטיגע רעוואָלוציאָנערקע. וואָס זאָגט איהר, פריינד שטופּ? צוגעטראָפען דעם סטודענט טעכנאָלאָג?

שטופּ

צוגעטראָפען, למשל, ניט. ניט אין גאַנצען. אָבער מיר געפעלט דער זאָג אייערער. וואויל אויסגעדריקט, גאָר וואויל...

קרויזקאָפּ

לעילא ולעילא מן כל ברכתא ותושבחתא — ווי מיין זיידע פלעגט זאָגען און ווי מיס בערמאַן וועט זאָגען אין מיין זיידע'ס יאָהרען. איצט לאָמיר רעדען וועגען פרעהליכערע זאכען... מרס. זיגעל, וועט איהר פאַר אונז מאַכען וואָס צו עסען?

מרס. זיגעל

אודאי! שוין געמאַכט, נאָר מיר ווילען וואַרטען ביז מיסטער בער־מאַן וועט צוריק קומען פון סטיישען. געה, אַלץ אָנגרייטען. (אָב.)

קרויזקאָפּ

דערווייל לאָמיך ווערען צוריק אַ בעל־הבית ביי זיך. קיין זאך זעהט מיר ניט אויס אויף אַן אָרט... (פּאַדעט אַרום אין צימער.) זי האָט דאָ אַ שעהן ביסעל געלעזען... (דרעהט איבער אַ בוך.) אָט שטעהט מיין דאַנטע מיט'ן קאָפּ אראָב... (געהט ווייטער אַרום די ביכער.) און לעבען מיין „פאַמיליען"־שעקספּיר ליעגט דער אַלבום דער אַלטער...

מרס. זיגעל

(אַריינקומענדיג מיט אַ ריינעם טישטוך) אין דעם אַלבום מעגט איהר אַריינקוקען. „זאָגט איהם, האָט זי געזאָגט, אויב ער וויל מעג ער עס אַרויסוואַרפען..."

קרויזקאָפּ

וואָס אַרויסוואַרפען?

מרס. זיגעל

(צוריק אַרויסגעהענדיג) בלעטערט, וועט איהר זעהן. (אָב.)

קרויזקאָפּ

(זעהר אויפגערעגט) דאָס וואָלט געווען... (בלעטערענדיג געפינט ער אַ

בילד. נעהמט עס אַרויס מיט אַ ריס) א י ה ר בילד! וואָס פאַר א רעכט האָט זי געהאַט... דאָס קען ווירקליך נור א פּרויענציממער. (וואַרפט דאָס בילד אַרויס אַויפ'ן טיש.)

שטופּ

און צוריק גערעט, וואָס איז דאָס פאַר אזא גרויסער פערברעכען? זי איז געווען ביי אייך צו־גאַסט איבער א וואָך. ווי זי האָט צו אייך געפּיהלט, פרעגט מיר. איצט פאָהרט זי אוועג וועט אייך אפשר קיינמאָל מעהר ניט זעהן. וואָלט איהר געווען א געוואוינ־ליכער מענש, א מענש ווי אלע מענשען... א...

קרויזקאָפּ

נו, נו, נו! א מענש, א פּראָסטער, א צוויי־פיסיגער, א הארציגער, א דאַמענפריינד, א שלעפּענטראָגער... רעט שוין, רעט!

שטופּ

(ווי ניט איהם מיינט מען דאָס) וואָלט זי אייך געגעבען איהר בילד צום אָנדענקען און געבעטען אייער'ס. איצט אָבער... (מרס. זיגעל קומט אַריין מיט אַ טאַץ פול מיט געשיר), אזוי ווי זי האָט צו טאָן מיט א מענשען ווי איהר, גיט זי אייך דעם בילד אויף ד ע ם אופן. וואָס זאָל זי טאָן?

מרס. זיגעל

א שטייגער איהר ווייסט גאָר ו ו י זי גיט דאָס? אָבער וואָס איז דאָ צו רעדען? (קוקט אַרויס דורכ'ן פענסטער.) דער טאָג איז שוין ניט אזוי געדיכט. איך פאָהר, פון דעסטוועגען, אין אזא וועטער ניט אַרויס. (נעהמט אַרונטער דאָס בילד און טראָגט עס צום קאַמין.)

שטופּ

פון האַרוויטש ביז ראָטערדאַם איז ניט קיין יאַזדע נאָך אמעריקא, אָבער אונגליקען פּאַסירען אין א טאָג. איי, פּאַסירען זיי, און ווי נאָך פּאַסירען זיי!

קרויזקאָפּ

(זעהר אויפגערעגט, אַליין נאָך שפּרייזענדיג איבער'ן צימער) אונזין, פריינד שטופּ, עס איז זיכערער זיך צו לאָזען איבער'ן ים אין א

טומאַן, ווי איבער טהרער־נידעל־סטריט... (פון איצט אָן שפּאַצירט ער כסדר אַזוי, אַז ער קומט רק צום מענטעלפּיעס איבערן קאַמין און גיט, בלומרשט ניט ווילענדיג, אַ קוק אויף שפּרה׳ס בילד.) אַ מענשען, וואָס דענקט וויסענשאַפטליך, דאַרף מען דאָס ניט זאָגען. בערע־כענט דעם דורכשניט פון גע׳הרג׳עטע אויף די גאַסען און אויפ׳ן ים וועט איהר זעהן, אַז די געפאַהר איז גרעסער אין שטאָדט.

מרס. זיעגעל

(האָט דערווייל אויסגעשטעלט אַלע טעלער אויפ׳ן טיש) עפּעס וויינט די הארץ מיינע, אַזוי ווי איך וואָלט אַ קינד פערלאָרען. אין איין קורצע וואָך איז זי מיר אַזוי איינגעבאַקען געוואָרען אין הארצען, אַז... איך האָב די גאַנצע וואָך געלעבט אין האָפנונג אַז דאָ... נור וואָס העלפט דער רעדען? מר. קרויזקאָפּ!

קרויזקאָפּ

נו?

מרס. זיגעל

ווי שפּעט איז עס שוין?

קרויזקאָפּ

אַ פערטעל נאָך אכט. בערמאַן דאַרף שוין באַלד זיין צוריק...

מרס. זיגעל

דערמאָנט דעם מלאך קומט דער גלח! אָט איז ער...

פ י נ פ ט ע   ע ר ש יי נ ו נ ג

בערמאַן צו די פריהערדיגע.

בערמאַן

דער פּאָג קלערט זיך.

מרס. זיגעל

זעצט זיך צום טיש, מר. בערמאַן. מרס... מין בערמאַן איז טאקע אוועקגעפאַהרען?

בערמאַן

נו? וואָ־דען? אוועקגעפאָהרען, געווים אוועקגעפאָהרען. ווייסט איהר, קרויזקאָפּ, איהר האָט געדאַרפט קומען צום סטיישען.

קרויזקאָפּ

פאַרוואָס האָב איך דאָס געדאַרפט?

בערמאַן

ווייל זי האָט אויף אייך געוואַרט ביז דער לעצטער מינוט... איז אוועקגעפאָהרען זעהר ענטטוישט...

מרס. זיגעל

הערצער פון שטיין! (פערכליפּעט זיך און געהט אַרויס.)

קרויזקאָפּ

האָב איהר צוגעזאָגט נור האלב־און־האלב. קיינער האָט קיין רעכט ניט געהאַט מיך צו ערוואַרטען.

בערמאַן

חוץ דעם... נור לאָז זיין.

קרויזקאָפּ

אַרויסגערעט! לאָז וואָס זיין? אַרויס מיט'ן לשון!

בערמאַן

נו, אַז איהר ציעהט מיר פאַר'ן צונג! עס האָט אויסגעזעהן, עפּעס אַזוי ווי איהר וואָלט זיך ניט מעהר פיהלען אַזוי זיכער אין אייער פאַנצער ווי פריהער...

קרויזקאָפּ

(טוט, ניט ווילענדיג, אַ קוק אויפ'ן קאַמין) איהר מאַכט חוזק פון מיר, סיגנאָר בערמאַן.

מרס. זיגעל

וועט איהר זיך זעצען, ברענג איך אריין די זופּ...

בערמאַן

איז ניט מעגליך נאָך צו וואַרטען עטליכע מינוט? איך געה צום סינק און וואַש זיך צוערסט אַרום. איך בין ווי אויסגעבאָרען אין פּאָג. (געהט אַרויס.)

קרויזקאָפּ

(אין שטייגענדער אויפרעגונג) האָט מיך ערוואַרטעט! א חזקה האָט זי אויף מיר! (זעצט זיך ביים טיש מיט'ן פּנים צום קאַמין) שטופּ! שטופּ!! מיסטער שטופּ!!!

שטופּ

גאָט איז מיט אייך! וואָס שרייט איהר אזוי?

קרויזקאָפּ

ענטשולדיגט, ליעבער פריינד. איך וויל נור וויסען איין זאַך, גוטער שטופּ. זאָגט מיר: וואָס וויל מען פון מיר? וואָס... וואָס וויל זי... פון מיר? וואָס וויל זי? וואָס?! וואָס??! וואָס?!!
(טוט אַ קלאַפּ אין טיש. עס שפּרינגען אויף אַלע טעלער, איינער פאַלט אַראָב און ווערט צובראָכען מיט אַ טראַסק. עס לויפט אַריין פרוי זיגעל, נאָך איהר בערמאַן, זיין פּנים ערטערוויז אין זייף.) גאַרנישט, ליעבע פריינד, גאַרנישט...

בערמאַן

דאָס קען ניט זיין „גאַר נישט"! האָב א י ך אייך אויפגערעגט, מיין פריינד... פערצייהט מיר... האָב קיין בייז ניט געמיינט.

קרויזקאָפּ

איך גלויב אייך. אָה, איהר זייט אַלע זעהר גוט צו מיר... געהט, בערמאַן, ווישט זיך אָרום, איהר זעהט אויס זעהר קאָמיש (לאַכט זיך פאַנאַנדער היסטעריש.)

בערמאַן

אָט אזוי, לאַכט. איך קום באַלד אריין. (אָב. מרס. זיגעל אויך.)

קרויזקאָפּ

שטופּ! מיסטער שטופּ!

שטופּ

וואָס ווילט איהר, הערר קרויזקאָפּ

קרויזקאָפּ

זייט איהר בעהאַוועגט אין היינע?

שטופּ

פּטור, נו!

קרויזקאָפּ

איך ווייס ניט ווי אזוי, אָבער מיר פאַלט איין אזא פערז:

„ווער צום ערסטען מאָלע ליעבט,
„זיי'ס אויך גליקלאַז, איזט איין גאָט;
„אבער ווער צום צווייטען מאָלע
„גליקלאַז ליעבט, דער איזט איין נאַרר!"

איך געה ווייטער ווי היינע. איך זאָג: „דער איזט איין שוטה שבשוטים צווישען שכור'ע אייזלען..." דאָס קלינגט ניט אזוי גוט ווי ביי היינען, אָבער עס איז אמת'ער... (אויפגערעגט) אמת'ער, פריינד שטופּ, פּיעל, פיעל אמת'ער!!

שטופּ

אנטקעגען וואָס זאָגט איהר דאָס?

קרויזקאָפּ

אנטקעגען וואָס? (בערמאַן קומט אַריין) אָט דער חכם האָט א שוועסטער, איז זי קליגער פאַר איהם און פאַר אונז אַלעמען. זי זאָגט אַז די מאַנסבילען זיינען גאָטפערדאמטע בהמות און זי איז גערעכט. מרס. זינגעל האָט מעהר שכל פאַר אונז אַלעמען. יעדע פרוי, יעדע מיידעל, יעדע ספּאָרניצע... יעדע, זאָג איך אייך!!!

בערמאַן

קרויזקאָפּ, איהר זייט זעהר אויפגערעגט. (דערלאַנגט איהם א גלאַז קאַלטע וואַסער.) נעהמט א זופּ, מיין פריינד!

קרויזקאָפּ

א שעהנעם דאַנק אייך. (טרינקט) איצט לאָמיר פעררויכערן.

בערמאַן

מיר געהען דאָך באַלד עסען!

קרויזקאָפּ

ניין, מיין פריינד. מיר וועלען נאָך א ווייל'ע וואַרטען. איך פיהל זיך ניט גוט. גיט אהער א שוועבעלע! (בערמאַן דערלאַנגט איהם.) פעררויכערט איהר אויך... הערט, בערמאַן! (נעהמט אַראָב דעם בילד פון איבערן קאַמין) טאָמער וויל איך דיעזען פּאָרטרעט אָבשיקען אייער... אָבשיקען צו איהר... וועט איהר מיר געבען איהר אדרעס?

בערמאַן

יע, ווען זי וועט ערלויבען. דאָס איז דער אָבמאַך.

קרויזקאָפ

גוט. און איך וועל צוריק פערלאַנגען מיין בילד.

בערמאַן

איהר האָט איהר דען געגעבען אייער בילד?

קרויזקאָפ

געגעבען? ניין, זי האָט גענומען, ביי מרס. זינעל.

בערמאַן

וואָס איך הער! איז דערפאַר האָט זי עס פערלאַנגט א רעמעלע? איצט פערשטעה איך.

קרויזקאָפ

און איהר האָט עס איהר געקויפט?

בערמאַן

געוויס; א זילבערנעם.

שטופ

פאַר איהם! פאַר איהם, בערמאַן.

קרויזקאָפ

בערמאַן — שטופ, א שרעקליכער אונגליק האָט פאַסירט! איהר הערט? א שרעקליכער אונגליק! עס איז ניט איהר שולד... זי איז עהרליך,, עהרליך, און גוט, און ריין פון בייזע כונות... אָבער זי האָט מיך אין גאַנצען רואינירט... אין גאַנצען, אין גאַנצען, אין גאַנצען!

בערמאַן

איך פערשטעה אייך ניט... קרויזקאָפ! ליעבסטער פריינד... (דער־לאַנגט איהם די רעכטע האַנד.) וואָס איז מיט אייך?

קרויזקאָפ

(נעהמט איהם אָן פאַר'ן האַנד און פאַלט איהם אויפ'ן האַלז מיט א שטילען, האַלב דערשטיקטען געוויין.)

פיערטער אַקט

ברוך פלינק׳ס רעסטוראַן. אַלץ ווי אין ערסטען אַקט. נור אויף איין וואַנד הענגט אַ גרויסע אַפישע, מיט האַלץ־אותיות, דריי צאָל לאַנג, פאַר די הויפּטזעכליכע ווערטער — טהעמאַ און לעקטשורער׳ס נאָמען. מען קען לעזען: „יוליוס קרויזקאָפּ" וועט האַלטען אַ פאָרטראַג זונטאג אום 8 אוהר אָבענד אין „מייל־ענד אַסעמבלי האָל" איבער „פילאַנטראָפּיע און פרייהייט".

ערסטע ערשיינונג

ברוך פלינק, שמעלקע דער קעלנער, צוויי שאַכשפּיעלער, צוויי דאָמינאָ־שפּיעלער, אייניגע געסט. באַלד קומט אַריין בערמאַן מיט גדליה שטום. איין שאַך־שפּיעלער לערנט גמרא.

שמעלקע

(געהט צו צו די שאַכשפּיעלער) אפשר וואָלט געווען אַ סברא אז מען זאָל זיין אַ האָרעלע שטילער ביים שפּיעל? און איהר, ר׳ קרוב, מעגט בענוצען דעם שפּייקעסטעל לעבען אייך און ניט פערבראקענען דעם גאַנצען רעסטאָראַן. (קיינער פון זיי הערט איהם ניט.) רעט צו זיי, רעט צו דער וואַנד. נאָר געלויבט זיין הייליגער נאָמען, זיי ענדיגען שוין, און מיטאָג עסען זיי אין דערהיים... דאָ פערשפּענדען זיי מעהר צייט ווי געלד.

פלינק

איז בערמאַן דאָ שוין היינט געווען?

שמעלקע

געווען אין דער פריה. האָט זיך געזעהן מיט א י ה ר און איז אוועקגעגאנגען. מיסטער פלינק, איהר פערשטעהט וואָס דאָ טוט זיך?

פלינק

מי שפּיעלט זיך דאָ אין בעהעלטענים, שפּיעלט מען זיך. א פער־קעהרטע וועלט, ברודער שמעלקע! אמאָל האָט מען חתונה געהאַט צונויפצוקומען. היינט איז דאָס קאפּויר, אַלץ קאפּויר! חתונה האָט מען כדי פאַנאַנדערצוגעהן, און געהט מען פאַנאַנדער וויל מען צו־נויפקומען, וויל מען, און קומט מען צונויף וויל מען זיך ניט זעהן... אין קאַצען־מויז שפּיעלט מען זיך... און סודות, לויטער סודות! האָב זיי דער גוטער יאָהר... האָב זיי! אָבער, שמעלקע, וואָס ווענינער גערעט... ניט אונזער עסק.

שמעלקע

פאַר מיר דאַגה'ט נים. אָבער, מיסטער פלינק, מאחורי הפרגוד האָב איך געהרט — צווישען אונז זאָל דאָס בלייבען — אז קרויז־קאָפּ האָט געוואָלט זיך נעהמען דעם לעבען... האָט בערמאַן איהר געקלאַפּט א טעלעגראַם און האָט זי אהער צוריקגעבראַכט פון האָללאַנד... צי קרויזקאָפּ וויים דערפון, האָב איך ניט געקענט ארויסקריגען. ווי אזוי זיי האָבען זיך גלייך נאָך דער חתונה צוקריעגט און צוליעב וואָס — וויים מען אויך ניט. איצט, משמעות, ווילען זיי דאָ היינט צונויפקומען. בערמאַן וויל אָבאַווי־רען, אז קרויזקאָפּ זאָל אהערקומען אזוי גיך ווי דאָ געהט דער עולם פאַנאַנדער...

פלינק

מען וואָלט געדאַרפט זיי משלח זיין... וואָלט מען געדאַרפט... (בער־מאַן מיט שטופּען קומען אריין און זעצען זיך אַוועק אין א שטילען ווינקעל.)

איין דאַמינאָ שפּיעלער

(צו'וואַרפט די שטיינער מיט גרויס כעס) ביידע הענט זאָלען מיר אָבדאַרען אויב איך שפּיעל נאָך אמאָל מיט אייך!...

צווטער שפּיעלער

און זאָל מיר אָבנעהמען דער צונג אויב איך וועל אייך ווען עס איז רופען שפּיעלען... זיינען מיר קווית. קעלנער! (שמעלקע געהט צו, זיי בעצאָהלען איהם.)

פלינק

וואָס הערט זיך נייעס, רבותי?

ערסטער שפּיעלער

גאָרנישט, חוץ וואָס דער דייטשער קייזער מאַכט זיך זיין אייגענעם לוח.

פלינק

ווי הייסט: זיין אייגענעם לוח?

ערסטער שפּיעלער

וויל ניט וואַרטען ביז איבער־אַ־יאָהר אויפ׳ן צוואַנציגסטען יאָהר־הונדערט, וויל עס האָבען גלייך... לאָז וואַרטען, אַ שטייגער, ווער עס האָט צייט, ער האָט ניט. (צום צווייטען:) מיט מיר, ר׳ קרוב, איז אָבגעשפּיעלט. אַ גוטען! (הויבט אָן צו געהן.)

צווייטער שפּיעלער

קויפט אַ קראַייקע און שפּיעלט זיך מיט אַ אינגעל אין פערדלעך; דאָמינאָ איז ניט אייער שפּיעל, ׳סאיז אַ קלייניגקייט, אָבער מען דאַרף דאָס קענען... גוד־באַי! (געהט.)

בערמאַן

(צו שטופּ׳ען) אָט אזוי גט׳ען זיי זיך און קומען ווידער צונויף אַלע ליעבע טאָג, אַמאָל צוויי מאָל אַ טאָג. זיי קומט אָן דער זיווג און דער גט לייכטער ווי אונזער פּאָאָר פּאָלק.

שטופּ

אַ שרייבער... מען לייענט אזוי פיעל שפּראַכען... איך וויים ניט צי אַ דייטש, אָדער אַ פראַנצויז, וויל האָבען, אז מעהר ווי איין פּאָרעל אין יעדער משפּחה וואָלט ניט קענען צוזאַמענבלייבען ווען ניט אַ מחלוקה אַלע איבערטאָג. איך האַלט דאָס פאַר אַ גוט וואָרט, גאָר־גאָר אַ גוט וואָרט, איך האַלט דאָס פאַר אַ גאונישען וואָרט, בערמאַן.

בערמאַן

הערט, ליעבער שטופּ, מיר האָבען היינט פאַר זיך אַן ערנסטען עסק. לאָמיר לאָזען די ליטעראַטור אָן א זייט. עס איז, דאַכט זיך, דאָ אין תהלים א פּסוק אזעלכער, שוין לאַנג ניט געהאַלטען א אידישען ספר אין האַנד.

שטופּ

פרעגט מען ביי מיר. דער פּסוק זאָגט: עת לעשות לאדני הפרו תורתך. אז עס איז דאָ וואָס צו טאָן — א מצוה, הייסט דאָס — לעגט מען אָן א זייט די תורה. גו, טו וואָס איז די מצוה? (בער־מאַן וואַרפט אַ בליק אויף פלינק'ען מיט'ן קעלנער.) אַלראַיט, איך פערשטעה.

פלינק

ברודער שמעלקע, מיר האַלטען זיך אָן א זייט. וואָלט געגעבען א מטבע, וואָלט איך, צו וויסען וואָס מאָרגען וועט זיין... זינט איך לעב, זינט איך שטעה אויף מיינע פיס... (ער געהט, שמעלקע איהם נאָך) האָב איך אזוינס ניט געזעהן. (אָב.)

בערמאַן

דאָס געהען זיי אוועק בכיון, כדי אז מיר זאָלען קענען זיין אליין.

שטופּ

גו, און די? (ווייזט אויף די שאַכשפּיעלער.)

בערמאַן

איבער זיי קענט איהר פאָרען מיט א וואָגען ציגעל און זיי וועלען ניט הערן. איצט, צו ביזנעס! ווען האָט קרוויזקאָפּ גע־זאָגט, אז ער וועט אהער קומען?

שטופּ

ער דאַרף דאָ זיין באַלד, זעהר באַלד. וואָס איז אייער „פּלען אָוו קעמפּיין" ,ווי מי זאָגט דאָ?

בערמאַן

גלויבט מיר, פריינד שטופּ, איך וויים ניט. איהם זאָגען דעם אמת, אז איך האָב מורא געהאַט, ער וועט בעגעהן זעלבסטמאָרד,

איז שווער. אויב מיר האָט זיך דאָס בלויז אָבגעדאַכט, וועט עס איהם שטאַרק בעליידיגען. זאָג איך איהם דאָס ניט, וועט ער פאַלש אויסטייטשען סאָפּיע'ס צוריקקומען. ביי אַזאַ פרויענהאַסער ווי ער קען אויפקומען דער געדאַנק, אַז דער גאַנצער עסק איז געווען אַן אָנשטעל, און מען האָט איהם אריינגענאַרט כלומרשט אין אַ פיקטיווע הייראַטה... איבערהויפּט אַזוי ווי אויף קלאָר האָט מען איהם ניט געזאָגט צוליעב וואָס סאָפּיע האָט געוואָלט אוועג־פאָהרען...

שטופּ

„האָט געוועלט אוועגפאָהרען"? און איצט, אַשטיינער, וויל זי ניט? האָט ווירקליך חרטה געהאַט? איי־איי־איי!

בערמאַן

זעהט אַזוי אויס.

שטופּ

הייסט דאָס, אַז זי איהם — אויך?...

בערמאַן

אפשר נאָך מעהר...

שטופּ

טו וואו איז דער אָבהאַלט? וואָלט דאָך טאַקע געווען אַ סקאַנדאַל! אַזאַ פרוי ווי סאָפּיע וואָלט איהם נאָך געשטעלט אויף די פיס... אַזעלכער ווי ער, אַזאַ גייסטיג־קראַנקער מענש ווי ער...

בערמאַן

קען דורך איהר גענעזען ווערען, אָבער...

שטופּ

יע, אָבער...

בערמאַן

שרעקליך פערפּלאָנטערט איז די זאַך. לאָמיר זאָגען, זי זאָגט זיך אָב פון איהרע פּלענער... זי בלייבט דאָ, איז די פראַגע, אפשר ליעבט ער נאָך עד־היום אין אמת'ען ניט איהר, נור טאַקע זיין ערסטע?

שטופּ

ווי זאָגט דער טייטש? ער...

בערמאַן

לאָזט דעם טייטש צורוה, ליעבער שטופּ. די זאַך איז זעהר, זעהר ערנסט. אפילו סאָפּיע, וועלכע איז שטענדיג שנעל אין פּאַסען א בעשלום איז איצט אזוי ווי צוטומעלט. (דער זינגענדיגער שאַך־שפּיעלער זינגט אַרויס „ויש לישב בדוחק!") ער האָט, ווי עס שיינט, אויך א פערפּלאָנטערטען פּראָבלעם פּאַנאַנדערצונעהמען.

שטופּ

וואָס־זשע טוען מיר?

בערמאַן

דאָס איינציגע וואָס מען קען טאָן אין א שווערע לאַגע... אָבוואַרטען און... קרויזקאָפּ קומט.

צווייטע ערשיינונג

קרויזקאָפּ צו די פריהערדיגע.

בערמאַן

זעץ דיך, קרויזקאָפּ! שטופּ, קרויזקאָפּ און איך האָבען נעכטען געטרונקען ברודערשאַפט... מיר זיינען איצט פיער דו...

שטופּ

מחותנים... זייט איהר... (כאַפּט זיך, אַז ער האָט זיך אויסגעדרעט א נאַרישקייט און מאַכט א שעפּסענע מיענע.)

קרויזקאָפּ

מחותנים? שעהנע מחותנים! זאָגט, פריינד שטופּ, איהר לאַכט ניט פון אייער אַלטען פריינד, דעם גרויסען בריה, דעם העלד דעם געפּאַנצערטען, וואָס האָט זיך געהאַלטען אזוי זיכער... וואָס האָט געהאַלטען זיין האַרץ פאַר א מין...

שטופּ

גיבראַלטאַר...

קרויזקאָפּ

ריכטיג. איהר האָט געפונען דאָס ריכטיגע וואָרט...

שטופּ

(פערבויגט זיך, האַלב אין שפּאַס) אַ דאַנק אייך...

קרויזקאָפּ

וואָס האָט כמעט צעהן יאָהר... אָבער לאָז זיין.

שטופּ

וואָס איז דאָס פאַר אַ טהעמאַ: „פילאַנטראָפּען און פּרייהייט“, אי־בער וועלכער איהר לעקטשורט היינט אָוועגד?

קרויזקאָפּ

האָב דעם פּאָרטראַג צוגעזאָגט מיט אַ חדש צוריק... ווער האָט גע־קענט פאָראויסזעהן מיין איצטיגע לאַגע? וואָס איז שייך צו דעם פּאָרטראַג גופא וועט איהר שוין מוזען זיך מטריח זיין קומען איהם הערען, אויב איהר ווילט וועגען איהם עפּעס וויסען.

בערמאַן

ווייסטו, קרויזקאָפּ, סאָפּיען האָסטו אייגענטליך האַלב בעזיעגט מיט דיין פּאָרטראַג יענעם טאָג ווען איך בין צו דיר געקומען מיט'ן שידוך...

קרויזקאָפּ

האָב דאַמאַלס ניט שלעכט גערעט. האָט איהר ניט געפעהלט אי־דישקייט אין מיין רעדע?

בערמאַן

אפשר. אָבער געטריי צו איהר געשלעכט, האָט זי בעמערקט, אַז פון דער פּלאַטפאָרמע מאַכסטו פערזענליך אַ גוטען איינדרוק.

איין שאַך־שפּיעלער

אלא וועל איך זאָגען אז וואָס? (ענדיגט דעם ניגון אָהן ווערטער; דער אַנדערער טוט אַ שפּיי און פערטיעפט זיך צוריק אין שפּיעל. — שמעלקע געהט איצט כסדר אַריין און אַרויס, ניט שטערענדיג. — בער־מאַן הויבט זיך אויף.)

קרויזקאָפּ

געהסט אוועק?

בערמאַן

ניין. איך געה נור אויף אַ ווײַלע אַרויס. קום אין אַן אויגענבליק צוריק. (אַב.)

שטופּ

הייסט עס, היינט אַבענד וועלען מיר הערען וואָס איהר צו זאָגען וועגען פילאַנטראָפּען און — אַ קאָמישער צוזאַמענהאַנג, ניין? — און פרייהייט.

קרויזקאָפּ

אַ סך זאַכען קומען אונז פאָר קאָמיש, ווען מיר פערשטעהען זיי ניט. דאָס בעסיט, פערשטעהט זיך, ניט, אַז איך וועל דאָס אַלין זיכער מאַכען פערשטענדליך. מיר וועלען זעהן. אָט איז בערמאַן צוריק...

בערמאַן

שטופּ, מיין פריינד, עס איז נאָר וואָס בעשלאָסען געוואָרען.

שטופּ

איהר זעהט אויס אַזוי... בעשלאָסען געוואָרען? וואָס? ביי וועמען?

בערמאַן

ביי אונז. צו געהן מיט'ן אמת, ווי עס פּאַסט פאַר אַנשטענדיגע מענשען.

קרויזקאָפּ

איז דאָס שייך צו מיר?

בערמאַן

יאָ, מיין פריינד, צו דיר. סאָפיע פאָהרט דערווייל נאָך ניט קיין רוסלאַנד.

קרויזקאָפּ

(בלאַס) וואָס האָט דאָס צו בעדייטען?

בערמאַן

יענעם אַבענד, דו געדענקסט, מיטוואָך אַבענד, האָט זיך מיר געדוכט, אַז זי האָט ניט געדאַרפט אַוועקפאָהרען איידער זי קומט

צו אַ פערשטענדיגונג מיט דיר. האָב איהר טעלעגראַפירט קיין ראַטערדאַם אַז זי זאָל צוריקקומען.

קרויזקאָפּ

צו'וואָס צוריקקומען?

בערמאַן

זיך מיט דיר דורכצורעדען.

קרויזקאָפּ

האָט זי האָך שוין געראַפט זיין צוריקגעקומען...

בערמאַן

זי איז דאָ. זי קומט באַלד אַרונטער...

קרויזקאָפּ

(כאַפּט די היטעל און וויל געהן) בערמאַן, דעם קלאַפּ האָב איך ניט ערוואַרטעט...

בערמאַן

(האַלט איהם צוריק) הער איין וואָרט. דו טאָרסט ניט אַוועקגעהן! ביי דיר קען זיך יאַוועןן אַ חשד, וועלכער וואָלט דיך אַליין מעהר בעליידיגען ווי סאָפּיען... עס מוז אַליץ אויפגעקלערט ווערן. פערנינפטיגע, אינטעליגענטע מענשען מוזען האנדלען ווי עס פּאַסט פאַר זיי. האָב דעם קוראַזש אַפּילו צו ליידען נאָך אַ ביסעל אויב עס זאָל נויטיג זיין.

קרויקזאָפּ

וועט דאָס גאָר קיינמאָל קיין סוף ניט נעהמען?

בערמאַן

היינט, היינט! אָבער פערשטעהען מוזט איהר איינער דעם אַנדערן... זי טאָר ניט אַוועגפאָהרען איידער... אָט איז זי...

דריטע ערשיינונג

סאָפּיע צו די פריהערדיגע.

קרויזקאָפּ

(זעהר בלייך און צוטומעלט) מים בערמאַן! (ער געהט לאַנגזאַם צו

איהר צו און גיט איהר די האַנד. זי האַלט אַ ווײלע איהר האַנד אין זײנע און בליקט איהם אַרײן גלײך אין פּנים מיט אַן אַנגענעהמען שמײכעל.)

שפרה

פרײנט — האַ?

קרויזקאָפּ

(קאָנפוז) איך גלויב אַזוי...

שפרה

מיט אײך, פרײנד שטופּ, האָבען מיר זיך שוין געזעהן... נאַאום, בעשטעל עפּעס. מר. קרויזקאָפּ, מיר איז בעשערט צום צװײטען מאָל אין צװײ װאָכען צו װאוינען אין אײערן אַ צימער.

קרויזקאָפּ

אָה, איהר זײט...?

שפרה

אויבען, אין אײער צימער, דעם צימער, װאָס איז געװען אײערער. (בערמאַן װינקט צו שמעלקען, יענער קומט און ער גיט איהם זײן אָרדער.)

קרויזקאָפּ

קײן רוסלאַנד פאָהרט... איהר ניט? נ...נאָך ניט?

שפרה

האָב בעשלאָסען ניט צו פאָהרען ביז איך... (שטופּ הויבט זיך אויף און װיל געהן.) בלײבט, הערר שטופּ, איך האָב פאַר אײך קײן סודות ניט... (ער זעצט זיך צוריק.) איך זאָג: איך בלײב דאָ ביז מיר בײדע װעלען זיך בעסער פערשטעהן... איהר מוזט זײן מײן פרײנד...

קרויזקאָפּ

װאָס קען איך טויגען מײן פרײנדשאַפט?

שפרה

איך זוך ניט קײן נוץ... אמת, איך בין אַ אידיש קינד, אָבער (שמײכעלט) עס זײנען דאָך בײ אונז אויך דאָ אַלערלײ... (די שאַכשפּיעלער הויבען זיך אויף, בעצאָהלען און געהען אַרויס.)

שטופ

(האַסטיג) איהר וועט מיר ענטשולדיגען. איך מוז אייך אונטער־ברעכען... איהר ווייסט ניט, ווי גליקליך איך בין אייך ביידען צו זעהן רעדענדיג פריינדליך... אָבער, הערט! מיר געפעלט ניט איינער פון די וואָס זיינען אָקאָרשט ארויסגעגאַנגען, מיר געפעלט ניט זייען פנים, זיין קוק...

בערמאַן

מיינט איהר דעם וואָס לערנט גמרא מיט׳ן בישאָף, אָדער דעם וואָס שפּאַייט אוים פאַר׳ן קעניג?...

שטופ

שעהן אריינגעזאָגט! זעהר שעהן! גאָר גאָר שעהן, אָבער... איך בין זיכער, אַז דער גמרא־ניגון־זינגער איז אַ שפּיאָן! דאָס טוט ער זיך, כלומרשט, אריין אין שאָף מיט אַלע חושים, אָבער ער האָרכט און קוקט ארוים פון אַ ווינקעלע פון אויג... איך קען די שווארצע קאָמאַנדע. איך געה איהם נאָך. (כאַפּט זיין הוט און געהט האַסטיג ארוים.)

שפרה

אונזער פריינד איז, מיט אַלע זיינע חסרונות, איינער פון די בעסטע מענשען וואָס איך קען. איהר דאַרפט ויסען, מר. קרויזקאָפּ, אַז זיין מאַניע צו זוכען שפּיאָנען איז טאַקע אַלעמאָל געוועזען גרוים, אָבער זי איז איצט ניט דאָס וואָס אַלעמאָל. איצט דוכט זיך איהם, אַז די רוסישע רעגיערונג האָט האָטש אַ קליינע ארמעע פון שפּיאָנען ארום מיר אַליין.

קרויזקאָפּ

איך קען איהם שוין פון לאַנג. מים בערמאַן, מיר וואָלט זיך וועלען אביסעלע מעהר וויסען וועגען אייער אידישקייט. מיר דוכט, אַז איהר זייט אויף אַ פאַלשען וועג, אָבער איך הויב אָן אייך צו פערשטעהן. אייער שטאַנדפּונקט איז יעדענפאַלס אַן אינטערע־סאַנטער און פאַר מיר, איך מוז זיך מודה זיין, אַ נייער.

שפרה

אויב מיר וועט זיך איינגעבען אייך אויסצוקורירען אין אנדערע

הינזיכטען... וועל איך אייך אויך אויסקורירען פון אייער קאמישען נאציאנאלען שטאנדפונקט... (שמעלקע ברענגט אריין טיי און געהט ארוים.)

קרויזקאפּ

(שמייכעלט) איהר שיינט מיך צו נעהמען אויף זיכער. וואס הייסט איהר וועט מיך אויסקורירען?

שפרה

יא, איך בין ענטשלאסען אייך אויסצוקורירען. איך האב אייך געזאגט איידער איך בין אוועקגעפאהרען אז אייער אומגליק איז געווען אין אל' די יאהרען, וואס איהר האט געהאט לויטער קלוגע מאנסבילען ארום זיך. איך זעה איצט, אז איהר דארפט מיך און איך וועל אייך אריינגעהמען אין די הענט... (טוט א לאך.)

קרויזקאפּ

(ערשטוינט) איהר קענט ניט זיין אין ערנסט... איהר מיינט דאך ניט אין אמת'ען צו מאכען געברויך פון אונזער כלומרשט'דיגע חתונה...

שפרה

אה, ניין! אמת, איהר זייט מיר זעהר, זעהר טייער גע...געווארען און איך פיהל, אז איהר זייט צו מיר אויך ניט גלייכגילטיג... סוויעטסקע דאמען זאגען אזעלכע זאכען ניט, אבען איך בין ניט קיין סוויעטסקע דאמע; אבער ,ליעבער פריינד, איך בין צו שטאלץ צו קארמענען זיך מיט שאיריים, אפילו פון דעם רייכסטען טיש... אויב איהר און איך זאלען ווען ניט איז ווערן גאנץ אינטים איינער מיט דעם אנדערן, מוזען מירביידע פריהער פאר אלץ זיין פריי, איך איינער דעם אנדערן צו געבען...

קרויזקאפּ

ווייסט איהר, איהר זייט א וואונדערבארע יונגע פרוי: אזעלכע האב איך ביז איצט נאך ניט געזעהן, אפשר, ווייל איך בין ניט קיין רוסישער...

שפרה

איך. טוט מיר א טובה און זאגט: רוסישער איד.

קרויזקאָפּ

רוסישער איד, אויב אייך איז דאָס אַנגענעהמער... אָבער לאָמיך אייך ריכטיג פערשטעהן. איהר מיינט, אַלזאָ, אַז איהר וואָלט זיך מיט מיר אין אמת'ען ניט פערהייראַטהען ביז איהר וואָלט ניט זיין איבערצייגט, אַז מיין ערסטע ליעבע איז טויט...

שפרה

יאָ, אָבער איך מיין נאָך מעהר, איך וויל האָבען דעם גאַנצען (יוליוס — מעג איך זאָגען: יודעל? —) קרויזקאָפּ, און ניט אַ העלפט, אפילו ניט דריי פערטעל פון איהם, ווי איך וואָלט איהם קריגען איצט. איהר זייט איצט אַ האַלבער מענש, העכסטענס, דריי־פערטעל מענש, ווייל איהר זייט קראַנק. שפּעטער, קען געמאָלט זיין, ווען דער גאַנצער קרויזקאָפּ חרטה האָבען אויפ'ן שידוך וואָס דער האַלבער קרויזקאָפּ וואָלט איצט טאָן... איהר מוזט צוערסט זיין געזונד, זיין איהר אַליין, זיין דער גאַנצער מאַן איידער מיר רעדען ווייטער.

בערמאַן

סאָניא, דו איבערראַשסט מיך...

שפרה

לאָז דיינע קאָמפּלימענטען אויף שפּעטער. איך האָב נאָך עטליכע ווערטער צו זאָגען: הערט, ליעבער פריינד, ווען איך זאָל היינטיגען טאָג מיט אייך הייראַטהען, וואָלט איך מיט איך ניט זיין גליקליך; איך וואָלט שטענדיג מיינען, אַז איהר האָט מיך גענומען ווענינער, ווייל איהר האָט מיך אמת געליעבט (קרויזקאָפּ ווערט רויט) נור ווייל איהר האָט זיך געניוטיגט אין אַ שוועסטער פון בארמהערציגקייט, אין אַ בקור־חולים ווערטערין... דאָס וואָלט מיר פערביטערען מיין לעבען. איך — איך (זי נעהמט אָן זיין האַנד, וועלכע ער דערלאַנגט איהר אינסטינקטיוו) וויל אַלץ פון דעם, וואָס נעהמט מיך אין גאַנצען...

בערמאַן

שטופּ געהט...

קרויזקאָפּ

(צוטומעלט) נו... און... אייער רייזע... אייער... (לאָזט אַרויס איהר האַנד.)

פיערטע ערשיינונג

שטופּ צו די פריהערדיגע

שטופּ

זיכער, ווי איהר זעהט מיך א לעבעדיגען! דער מאַן מיט'ן גמרא־ניגון איז א רוסישער שפּיאָן... ערסטענס...

בערמאַן

ענטשולדיגט, פריינד שטופּ, איהר וועט דאָס אונז שפּעטער בעוויי־זען אויב איהר וועט וועלען.

שטופּ

וואָס הייסט שפּעטער? אָט קלייבט זיך מיט בערמאַן... סאיידען... הא? קלייבט זיך צו פאָהרען קיין רוסלאַנד, און דאַ אַרום אונז דרעהט זיך אַרום א שפּיאָן... באשר איהר ווייסט ניט. לאָזט מיר, וועל איך אייך בעווייזען... און ווי נאָך בעווייזען! בעווייזען פערשט...

בערמאַן

לעגט דאָס אָב אויף שפּעטער, ליעבער שטופּ. איבערהויפּט וויילסאָניא פאָהרט איצט ניט...

שטופּ

(קוקט אָן שפרה'ן און קרויזקאָפּ'ען, און זיין פּנים הויבט אָן צו שטראַה־לען) דאַרף מען גראַטולירען?

שפרה

(לאַכט) איהר מעגט דאָס א ו י ך אָבלעגען.

קרויזקאָפּ

(צו שפרה'ן) איהר האָט מיר נאָך ניט געענטפערט וועגען אייער רייזע...

שפרה

צוליעב „קאָנספּיראַטיווע גרינדע" (שמייכעלט), ווי מיר זאָגען, טאָר איך פּיעל וועגען דעם ניט רעדען. יעדענפאַלס ניט איצט. אָבער חוץ אַלעמען... בין איך דאָך עפּעס אַ אידיש קינד היינט, און אפשר ווייסט איהר ניט, קרויזקאָפּ, ביי אונז אידען איז דאָ אַן אַלטער ווערטעל: ווער עס ראַטעוועט איין אידישע זעעלע איז אַזוי גרויס ווי איינער וואָס ראַטעוועט אַ וועלט. איך קען דאָס ניט איבער־זאָגען אויף העברעאיש. אפשר קען דאָס פריינד שטופּ?

שטופּ

ניין. עפּעס געדענקט זיך אַזאַ ווערטעל: כל המקיים... איהר ווייסט, איך בין דאָך אַמאָל געווען אַ למדן, אַ גרויסער למדן...

שפרה

מאַכט ניט אויס. קרויזקאָפּ פערשטעהט מיך.

קרויזקאָפּ

אָבער... לאָמיר אויף אַ ווײַלע פערגעסען אָן זיך אַליין, דאָ איז גלאַט ניט דער אָרט צו רעדען (פון יענער זייט צימער דערזעהט זיך שמעלקע) וועגען אינטימע זאַכען... (צו שפרה'ן) גלויבט איהר ניט, אַז אייער אידישקייט ברענגט אייך אין גאַנצען אַרויס פון דער אינטערנאַציאָנאַלער בעוועגונג?

שפרה

ניין, מיין פריינד! אייער פראַגע בעווייזט, ווי ווייניג איהר, אפילו איהר, האָט וועגען דעם נאָכגעדענקט. פאַרוואָס זאָל מיין אי־דישקייט מיר מעהר שטערען צו זיין אינטערנאַציאָנאַל ווי ליעב־קנעכט'ן שטערט זיין דייטשישקייט, אָדער לאַפאַרג'ען זיין פראַנ־צויזישקייט...?

בערמאַן

ליעבקנעכט און לאַפאַרג זיינען אין אַ גאַנץ אַנדער לאַגע ווי מיר, סאַניטשקאַ! אָבער לאָז זיין... איך פיהל אַז מיר וועלען זיך צוקריגען אַזוי גיך ווי מיר געהען אַריין טיעפער אין דיעזען סכסוך.

שפרה

דו פיהלסט נאָך־וואָס, נאַאום סעמיאָנאָוויטש בערמאַן! דו פיהלסט

אז דו האָסט ניט קיין ארגומענטען געגען מיר און מיט א שטעכ־ווערטעל קומט מען היינט ניט אָב. די צרה מיט אייך מאַנסבילען איז, וואָס איהר האַלט אפילו ניט פאַר נויטיג מיט אונז ווייבער ערנסט צו דעבאַטירען. זאָגען מיר וואָס, וואָס אייך געפעלט ניט, ענטפערט איהר מיט א לאַך, מיט א וויטץ, אָדער איהר ענטפערט גאָר ניט. ווי קומט איהר, העכערע וועזענס, אייך אראָבצולאָזען צו א דעבאַטע מיט אזא ניעדריגע, גייסטיג־ניעדריגע זאַך ווי א פרויענצימער? אפילו ווען איהר ליעבט אונז דיסקוטירט איהר מיט אונז ניט ערנסט קיין שום זאַך, ווי מיר דיסקוטירען ניט געגען דעם ביל פון דעם הינטעל, דעם געליעבטען, וואָס מיר האַלטען אין שויס.

בערמאַן

לאָמיר דאָס לאָזען...

שפרה

דו זעהסט! אָט אָט! קוים געפינסטו זיך אין א לאַגע צו דאַר־פען ענטפערן אויף מיינע טענות קומסטו גלייך מיט'ן אַלטען בעקאַנ־טען „לאָמיר דאָס לאָזען"... א מאַנסביל וואָלסטו שוין געענטפערט, לכל הפחות, געפּרובט ענטפערן.

בערמאַן

(לאַכענדיג) היינט ביזטו עקסטרא שטאַרק. קרויזקאָפּ, שיינט מיר, הויבט אָן צו קווײנקלען אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע און געהט אפשר גאָר איבער אויף דיין זייט...

שפרה

ער וועט קומען אויף מיין זייט ניט אזוי גיך. א מאַן, ווי קרויזקאָפּ, געהט ניט איבער אויף אַן אנדער שטאַנדפּונקט כדי אימעצען צו געפעלען... אזוי דיר נישט, מיר נישט...

קרויזקאָפּ

(גיט איהר די האַנד) א דאַנק אייך, סאָפיע!

שטופּ

(צופרידען) סאָ... הערסטו!

שפרה

(לאַכענדיג) זעהסט, נאַאום! ער איז נאָך אפילו ניט איד גענוג מיך צו רופען „שפרה" און דערפאַר גראד אכט איך איהם... אָבער, קינדער, איך דארף קיינעם'ס שוץ ניט. אפשר גענען רויבער אין א שטילע געסעל וועט מיך א פיזיש־שטאַרקערער מאן אמאָל דאַר־פען בעשיצען... אין אַן ארגומענט שטעה איך אויף מיינע אייגענע פיס. איך וועל מיין מיינונג, קיינעם צוליעב, ניט אונטערדריקען. (צו קרויזקאָפּ'ען) אזוי ווייט וועט מיין פריינדשאַפט פאַר אייך קיינמאָל, קיינמאָל ניט געהן!... נאַאום, אַלעמענס טיי איז קאַלט געוואָרען... מיר איז טרוקען אין האַלז... האָב היינט ארויסגערעדט מיינע ניין מאָס רייד, אין גאַנצען.

בערמאַן

בעשטעלען פרישע טיי?

שטופּ

ביי לייטען וואָלט מען ביי אזא געלעגענהייט, ביי אזא פייערליכע געלעגענהייט, געטרונקען עפּיס, וואָס איז שטאַרקער ווי טיי...

קרויזקאָפּ

וואָס זאָגט איהר דערצו, סאָפיע?

שפרה

איך וועל ניט טרינקען... טרינקט איהר, אויב איהר ווילט.

בערמאַן

מר. שמעלקע! האָט איהר א פלעשעלע גוטע קלערעט?

שמעלקע

אמת'ע באָרדאָ!

בערמאַן

דערלאַנגט!

קרויזקאָפּ

סאָפיע...

שפרה

וואָס זאָגט איהר?

קרויזקאָפּ

איהר וועט מיט מיר טרינקען אַ גלאָז, אויף אונזער נייע פריינד־שאַפט... מיט נאַאומען זיינען מיר אזוי געוואָרען פער דו.

שפרה

ניין, מיין פריינד, אויב מיר זאָלען געהן אין אונזער פריינדשאַפט אַ שריט ווייטער, מוזען מיר דאָס טאָן ניכטערערהייד.

קרויזקאָפּ

סאָפּיע... היינט אָוועגד וועל איך רעדען פאַר הונדערטער מענשען... איצט האָב איך קיין ווערטער ניט.

שפרה

מען דאַרף זיי ניט, יוליוס!

שמעלקע

(מיט אַ טאַץ אין האַנד, אויף איהם עטליכע פלאַשען) איז דאָס אַלעס?

בערמאַן

דערווייל! מיר וועלען שפּעטער אַ ווײלע ביי אייך עסען.

שפרה

מיר ברענגט אַ גלאָז טיי, זייט אזוי גוט.

שמעלקע

מיט פערגעניגען! (אָב.)

קרויזקאָפּ

סאָפּיע... ווען נאַאום האָט אייך טעלעגראַפירט צו קומען...

שפרה

יע, יע!

קרויזקאָפּ

און איהר זייט געווען ענטשלאָסען צו פאָהרען אין רוסלאַנד...

שפרה

זיך אריינצו'וואַרפען אין די בעוועגונג, אָבער אויף אַ גאַנץ נייעם אופן, יוליוס...

קרויזקאָפּ

האָט אייך ניט לייד געטאָן צוריק צו קומען קיין לאָנדאָן?

שפרה

ניין ! מיר איז שווער געווען דער אוועקפאָהרען... פון לאָנדאָן... און איך האָב געוואַרט, ביז דער לעצטער מינוט ,געוואַרט און געהאָפּט, אַז... אז דו (דערלאַנגט איהם געלאַסען די האַנד) וועסט קומען מיר זאָגען : „גוד באַי !“

קרויזקאָפּ

און (איהר דריקענדיג די האַנד) דו ביסט גערן צו מיר צוריקגעקומען... צו מיר ?

שפרה

צו דיר, צו דיר...

קרויזקאָפּ

און איך מעג האָפען...

שפרה

מיר וועלען ביידע האָפען.

בערמאַן

(צו שטופּ'ען) לחיים, ברודער שטופּ ! (צו שפרה'ן און קרויזקאָפּ'ען) לחיים, קינדער !

שפרה און קרויזקאָפּ

(האַנד־אין־האַנד) לחיים, נאַאום !

פאָרהאַנג.

דער מזרח ווינד:

א לוסטשפּיעל
אין איין אקט

דער מזרח ווינד

א קאָמעדיע אין איין אקט.

(סיוזשעם פון אַן ענגלישע סקיצע.)

פ ע ר ז אָ נ ע ן:

וואַלטער גוטמאַן, א באיהרענטער טעאטער־דירעקטאָר, א פאר־טראכטער, גוטהארציגער מאַן.

קלאַרא מילדהערץ, א יונגע אלמנה, 25 יאָהר אַלט, גוטמאַנ׳ס טאָכטער.

הירש ברוינשטיין, זיין סעקרעטער, א געזעצטער, רוהיגער מאַן אין די מיטעלע יאָהרען; קורצזיכטיג.

אַלבערט גרינבערג, א יונגער שרייבער, 26 יאָהר אַלט, געפיהל־פול, געלאַסען און בשת־פנים׳דיג.

מינניע, קלאַרא׳ס מיידעלע, אַלט א יאָהר 6.

הענעלע, א מיידעל אין הויז, זויבער און ערעל אין רעדען און בענעהמען־זיך.

ציים — די געגענוואַרט.

אָרט — ניו יארק.

די סצענע שטעלט פאָר א געשמאַקפול אויסגעפוצטען עס־צימער אין גוטמאַנ׳ס הויז. — אויף די ווענט לינקס און רעכטס פּאָרטרעטען און בילדער. — אין איין ווינקעל א ביכער־שראַנק, אין דעם אַנדערען א באַמבו־געשטעל מיט אַלערליי בריק־אַ־בראַק. — אין הינטער־גרונד אַן אָפענגעשפּאַנטע טיר, דורך וועלכע עס זעהט זיך א פאָדערצימער. — אין מיטען אַ לענגליכער אָוואַל־פאָרמיגער טיש, געגרייט צום פריהשטיק. — אַרום איהם פיער שטוהלען און אַ פאָטער־שטוהל. — פון יענער זייט טיר, לינקס, אַ וואַנד־טעלעפאָן, איין זייט פון וועלכען, מיט דעם דירעקטאָרי ביי איהם, מען קען זעהן).

ערסטע ערשיינונג.

הענעלע און גרינבערג.

הענעלע

ניין, זאָג איך אייך! איהר האָט קיין שום טעות ניט ! מיסטער גוטמאַן האָט נעכטען פון אָווענד בעקומען אייער בריעף און האָט מיר געזאָגט איך זאָל אייך עמפּפאַנגען אינ׳ם עס־צימער, ניט אין זיין קאַבינעט. גיט מיר אייער הוט און שטעקען, הערר גרינבערג.

גרינבערג

אָבער ער קען דאָך מיך גאָר ניט. אפשר האָט ער פערגעסען, אז איך קום צוליעב געשעפט, ניט מיט א וויזיט. מען זאָגט, ער איז זעהר א צוטראָגענער מענש... וואס איך מיין איז... איז...

הענעלע

(שמייכלענדיג) : אָה, איהם דארף מען קענען : ער איז א דימענטער מענש, ער וועט זיכער וועלען איהר זאָלט מיט איהם פריה־שטיקען. ער האָט מיר געהייסען לעגען אן עקסטרא סערוויעטקע. איצט זעצט זיך. וועל אייך דאָ לאָזען אויף עטליכע מינוטען אליין. זיין סעקרעטער, הערר ברוינשטיין, דארף אייך דורך מיר עפּעס א העפט צושיקען. אָט, בלעטערט דערווייל אין דיעזען אלבום : מאדאם מילדהעריץ׳ס אלבום ; איהר וועט דאָרטען געפינען א באקאנטען. (זי שמייכעלט און דערלאַנגט עס איהם ; וויל אָרויסגעהן, גרינבערג מאַכט אַ באַוועגונג און זי בלייבט שטעהן אין טיר.)

גרינבערג

דאנק אייך. (ער בלעטערט אינ׳ם אַלבום) נאָך דער פיעסע... דאָס איז דער לעצטער אקט פון דער פיעסע, וואס איך דארף איהם פאָרלעזען.... (ערמישט אויף אַ בלאַט אינ׳ם בילדער־בוך מיט זיין אויי־געגעם פאָרטרעט און ווערט רויט) נאָך דער פיעסע... דארפט איהר ניט געהן ; ביז מיר.. ביז מיר וועלען האלטען אזוי ווייט וועט הערר ברוינשטיין שוין דאָ אליין זיין. אזוי פערשטעה איך פון

זיין בריעף. ער האָט מן הסתם געקלערט, אַז מיר וועלען אָנהויבען לעזען פיעל פריהער. — איז פרוי מילדהערץ שוין לאַנג אַן אלמנה?

העגעלע

שוין אַ יאָהר זעקס, דאַכט זיך.

גרינבערג

און... איך געדענק שוין ניט וואָס איך האָב געוואָלט זאָגען.

העגעלע

(מיט אַ גנבה'שען שמייכעל): ניין, זי וויל ניט הערען פון חתונה האָבען אַ צווייטען מאָל. אפשר וועט זי אַמאָל ענדערען איהר מיינונג... דערוויילע... גו, האָב איהר אַ גוטער יאָהר.

גרינבערג

(רעדענדיג כמעט ווי צו זיך אַליין): מיר זיינען מיט איהר אַלטע, גוטע פריינט... איהר פאָטער קען איך — ווער קען איהם ניט? — אָבער ער מיך קען וואהרשיינליך גאָר ניט, סאַיידען קלאַרא... איך מיין, מאַדאַם מילדהערץ, האָט מיט איהם אַמאָל וועגען מיר גערעדט.

העגעלע

אויב אַזוי, האָט ער אָן אייך שוין לאַנג פערגעסען. דורך איין אויער אריין, דורך דעם אַנדערען ארויס. אַ קלייניגקייט וואָס ער האָט אויף זיין מח!

גרינבערג

גו, מיין פריינד גליקמאַנ'ס רעקאָמענדאַציע איז גענוג, ווי איך זעה. פאַר דעם פריינדליכען עמפּפאַנג האָב איך איהם צו דאַנקען. (ווידער האַלב פאַר זיך) אגב האָט דערווייל שוין הערר ברוינשטיין כמעט אין גאַנצען דורכגעלעזען מיין פּיעסע... אויב זי זאָל איהם אַליין געפעלען איז מיין גליק און מיין נאָמען אַזוי גוט ווי געמאַכט... (ער וואַרפט אַ בליק אויפ'ן אַלבום) יא, אַזוי גוט ווי געמאַכט, לכל הפחות דער נאָמען... איי, אַ נאָמען, אַ נאָמען! מענשען פערברענ־

נען יאָהרען און טעג זיך סטאַרענדיג צו מאַכען זיך אַ נאָמען... שרייבען איין פּיעסע נאָך דער אַנדערער... אַלע גנעהען זיי צו די טעאַטער־דירעקטאָרען, ווערען פערלענגען ערגעץ אין אַ שובלאָד גאַנ־צע זעקס חדשים, אמאָל אַ יאָהר און קומען צוריק ניט געלעזענע... איך וועל וויסען מיין גזר־דין היינט, אפשר אין אַ שעה אַרום. דאַרף איהם נור פאָרלעזען און וויים גלייך וואו איך בין אין דער וועלט. נעהמט ער עס אָן, בין איך אַ געמאַכטער מענש. עפּעס אַ קלייניגקייט ווען דער גרויסער בעליעבטער גוטמאַן שפּיעלט מיין פּיעסע! טאָמער אָבער ניט, וועל איך, לכל הפּחות, וויסען... שש...! דאכט זיך, ער געהט!

צווייטע ערשיינונג.

אַלבערט גרינבערג און וואַלטער גוטמאַן.

גוטמאַן

(דערלאַנגענדיג דעם יונגען מאַן אַ ברייטען שלום־עליכם): גוט מאָר־נען הערר... הערר גרינבערג! ווארט שוין לאַנג? טוט מיר הערצליך לייד... אסור ניט מיין נאַטור... האָב אַ שם פאַר דעם פּינקטליכסטען מאַן אין שטאָדט... אין מיין טרופּע רעגוליר איך אַלע זייגערס: גוטמאַן, צו דער רעפּעטיציע — ווייס מען שוין איז 12 אַ זייגער! אָה, יע, ׳ך מעג דאָס זאָגען אָהן בעריהמעריי... זעצט זיך, יונגערמאַן. אָהן צערעמאָניעס, גליקמאַנ׳ס פריינד איז מ י י ן פריינד! זעצט זיך, אָט אזוי! לעגט אוועק דעם פּעקעל... אהא, איך פערשטעה, דאָס איז אייער פּיעסע! זעהר גוט! מיר וועלען גלייך אויפ׳ן שטעל זיך נעהמען צו דער ארבייט. איהר זייט געוויס זעהר נייגעריג צו וויסען דעם רעזולטאַט... פאַרשטעהט זיך, פערשטעהט זיך! אַ־וואַדע!

גרינבערג

איך וויל נור האָבען די מעגליכקייט... די געלעגענהייט...

גוטמאַן

אַרויסצואווייזען אייער טאַלאַנט! גע־ווים, גע־זווים! דאַרפט איהר מ י ר דאָס דערצעהלען? ! אָבער וואַרט... איהר זיצט דאָ ניט בעקוועם... לאָמיך איבערשטעלען דעם טיש... דאָס ווערט ביי מיר איינס—צוויי—דריי!

גרינבערג

אַה! זייט זיך ניט מטריח, הערר גוטמאַן! איך זיץ דאָ זעהר גוט...

גוטמאַן

(האסטיג אַברוקענדיג דעם טיש): ניין, יונגער מאַן, איהר הויבט גאָר ניט אָן צו זיצען גוט... ניט אַ ברעקעל... מיר דאַרפט איהר ניט דערצעהלען וואס זיצען הייסט... זיצען קען ניט יעדערער, געהן אויך ניט... הענרי אוירווינג האָט ניט געקענט געהן... פלעגט געהן ווי אויף שטאָלצעס... ריטשאַרד מאַנספיעלד פלעגט ניט קע־נען זיצען: ווי אויף שפּילקעס פלעגט ער זיצען, ווי אין אומרוה... איצט הויבט אָן צו לעזען, ווילט איהר?... און לייענט אָהן דע־קלאַמאַציע און אָהן עפעקטען... איהר וועט עס סאַיי־ווי־סאַיי ניט קענען. דעם אקצענט שטעלען מ י ר שוין. איהר ניט נור דעם טעקסט — די נאָטען זיינען שוין אונזער עסק... הויבט אָן... מיט דער רעכטער פוס ארויס, אין אַ מזל־דיגע שעה! אָנגעהויבען! אָבער האַלט! וואָס פאַר אַ קאָפּ איך האָב! איהר האָט דאָך זיכער נאָך ניט אָנגעביסען! אַלזאָ, צוערסט פריהשטיקען! אָט איז אַ סערוויעטקע! (דאָס זאָגענדיג הויבט גוטמאַן אַליין אָן צו עסען און ער רעדט עסענדיג דורך די גאַנצע סצענע).

גרינבערג

דאַנק אייך זעהר הערצליך, הערר גוטמאַן! האָב שוין געפריה־שטיקט... אַ — העם... העם... (וויל נעהמען לעזען).

גוטמאַן

טוט מיר לייד... ניט שעהן פון אייך: חאָט נעדאַרפט ביי מיר

אַנבייסען... איבריגענס, די צייט איז קורץ... אייך מאַכט דאָך ניט אויס וואס איך עס בעת איהר לייענט, האַ?

גרינבערג

פערקעהרט, איך וועל זיין וועניגער נערוועז.

גוטמאַן

לעזט! איך וועל אייך ניט אונטערברעכען. גיב יונגע לייט אַ שאַנס, מעג דאָס זאָגען אָהן בעריהמעריי; מיין כלל איז: לעב און לאָז לעבען... אין דעם פּרט גלה איך אין דעם גרויסען מאַ־ליער'ס זועגען... איין מינוט נאָך, העררר... העררר גרינבערג! זעהט איהר, אַט די ביידע פלעצער ביים טיש זיינען פאַר מיין טאָכטער און ברוינשטיינ'ען, מיין סעקרעטער... ער איז צוגע־גאַנגען צום טעאַטער אָבנעהמען די בריעף, וואָס זיינען אָנגעקו־מען מיט דער אין־דער־פריהעדיגער פּאָסט... קלאַרא, וויעדער, דאָס הייסט פרוי מילדהעריז וועט באַלד אַריינקומען... זי איז ביי מיר אַ וואווילינקע... גליקליך? ניין! אין גאַנצען אַלט קנאַפּע פינף און צוואַנציג יאָהר און שוין אַן אַלמנה פון אַ יאָהר זעקס... צו־פריה חתונה געהאַט... האָט חוץ דעם געבראַכט צו דער חופּה אַ האַנד און די האַריז נעלאָזען עפּעס אַנדערסוואו... מיין אויג דער־זעהט צוגעמאַכטערהייד — מעג דאָס זאָגען אָהן בעריהמעריי... נו, הויבט אָן! טאָמער קומט זי אריין, זי אדער ברוינשטיין, לאָזט זיך ניט שטערען... לייענט ווייטער, זיי זיינען געוואוינט דערצו... אגב האָט, פערשטעה איך, ברוינשטיין שוין אין אייער פּיעסע אַריינגעקוקט... הויבט אָן!

גרינבערג

מיין שטיק שפּיעלט...

גוטמאַן

ענטשולדיגט! ווי לאַנג, מיינט איהר, וועט דויערען דאָס לעזען?

גרינבערג

אַ קנאַפּע שעה צייט.

גוטמאַן

זעהר וואויל! אָבער איך קען אייך געבען מעהר צייט, הנם גיט זעהר פיעל מעהר. איהר האָט קיין בעגריף ניט, יונגער מאַן, ווי געצעהלט ביי מיר זיינען די מינוטען. איך האָב כמעט ניט אַ פרייע שטונדע פאַר זיך. דאָ קומט דער, דאָ יענער, דאָ אַ דריטער... מען האַלט כסדר אין איין קומען. עס פערגעהט ניט אַ טאָג וואָס אי־מיצער זאָל ניט קומען נאָך אַ שטעלע אין מיין טרופּע. אַלע קו־מען זיי צו מיר... קיין טהעאַטער אין שטאָדט — דאָס מעג איך זאָגען אָהן בעריהמעריי — האָט ניט אַזאַ דירעקציע ווי מיינע. איך נעהם אַליין, פּערזענליך, אַן אינטערעס אין אַלין און, דער עיקר, אין די אַקטיארען מיינע; ווי בעשעפטיגט איך זאָל ניט זיין, גע־פין איך אימער צייט זיי אויסצוהערען: קריוודעס, אידעען, פּלע־נער, פאַנטאַזיעס, האָפנונגען — וואָס אַ מויל קען רעדען.

גרינבערג

(אויפהויבענדיג העכער זיין העפט): דאָס איז אמת פריינדליך פון אייך, הערר גוטמאַן... איך...

גוטמאַן

איך האָב אַ נאַטור מיינע מיטמענשען צו העלפען. האָק קיינעם ניט אראב די פליגלען. די צרה איז אָבער, אַז די גרעסטע קאַ־ליעקעס שפּרינגען פון דער הויט צו ווערען שוי־שפּיעלער. דעם חילוק צווישען אַן ארטיסט און אַ פּורים־שפּיעלער פערשטעהען זיי אזוי ווענינ ווי די קאַץ צווישען אַ טאַרט־אַלאַ־קרעם און אַ פּאַמ־פּושקע. וואָס, אַ שטייגער, שטעלט איהר זיך פאָר, הערר גרינ־בערג האָרף אַ מענש האָבען אין זיך כדי צו קענען זיין אַן אמת'ער אַקטיאָר? (גרינבערג קוקט איהם אָן אַ פערצווייפעלטער, און בלעטערט נערוועז אין זיין העפט, בעת גוטמאַן זעצט פאָרט): איהר ווייסט ניט? נו, פון וואַנען זאָלט איהר ווויסען! איהר פרעגט מיך, וועל איך אייך זאָגען: איך בין אַן אַלטער היהנער־פרעסער... (ער ציעהט זיך אויס אויפ'ן שטוהל, אויסהויבענדיג זיין ברוסט) אָט הערט מיך אויס... איהר ווילט, לאָמיר זאָגען, ווערען אַן אַקטיאָר! זעהר גוט! מהיכי

תיתי, פאַר וואָס ניט? אדרבה, כן ירבו! אָבער דערצו מוזט איהר, פריהער פאַר אַליז, האָבען א פיגור, א סטאַטנע פיגור, און אָסאָבע מוזט איהר זיין. דאָן איז זעהר וויכטיג א שטימע, א קלאָר, אנגענעהמע שטימע, א טענאָר אָדער א באַריטאָן־שטימע. חוץ דעם — א מח, מאכט דער טייטש, פעהיגקייטען, גרויסע פעהיג־קייטען: קודם־כל א זכרון, דערצו א גרויסע השגה, דערצו מענ־שענקענטניס... דאַן איז נויטיג און אויג, אין וועלכען עס שפּי־געלט זיך אָב דער כאַראַקטער פון׳ם מענשען, אויב איהר וועט מיר ערלויבען זיך אזוי אויסצודריקען. ועל כולם דאַרפט איהר האָבען א בעוועגליכען פּנים, וואָס קען אָננעהמען יעדען אויסדרוק און רעפלעקטירען יעדען געפיהל פון פריידּ און לייד און יעדען מין אי־בערראַשונג, חוץ וואָס איבער דער סצענע דאַרף מען ניט שפּריי־זען ווי א מויז איבערן צימבעל — מאַלאָ וואָס! איך אַליין האָב מיט גרויס מיה נעקלעטערט אויף דעם לייטער פון דער קונסט, — געקלעטערט פון שטאַפּעל צו שטאַפּעל און — דאָס מעג איך זאָגען אָהן בעריהמעריי — די אַלע מעלות מוז יעדער האָבען וואָס וויל ווערען א קאָקעלען, א זאָנענטהאַל, א פריעדריך האאזע, אדער א... און אזוי ווייטער...

גרינבערג

(זעהר קאָנפוז און רויט אין געזיכט): איך האָב מורא די פּאַרלע־זונג וועט נעהמען מעהר צייט ווי מיר האָבען גערעכענט...

גוטמאַן

דאָס איז א קלייניגקייט. האָב גלייך פון אָנהויב צוגעלעגט אַן עקס־טרא האַלבע שעה. ווען מען לייענט א פּיעסע זייגען שטענדיג דאָ זאַכען וואָס מען דאַרף בעשפּרעכען. שטענדיג! מען האַלט מיך פאַר דעם בעסטען ראַטהגעבער אין אַזעלכע זאַכען — דאָס איז אסור בעריהמעריי — מיין קאָפּ האָט אַן אוננעוועהנליכע געשטאַלט... אָט זעהט! (ער בויגט זיך איין) דערפון קומט, וואָס כ׳יין כח הדמיון איז אזוי שטאַרק... איהר וועט זעהן, איך וועל אייך געבען מעהר

ווי איין ניצליכען וואונק אזוי ביך ווי איהר הויבט נור אָן צו לייענען...
אין דער פּיעסע אייערער...

גרינבערג

איהר וועט מיר, האָף איך, זאָגען דעם אמת, ניט אכטענדיג אויף מיינע געפיהלע...

גוטמאַן

פערשטעהט זיך, ליעבער יונגע, פער—שטעהט—זיך! געפעלט מיר ניט אייער פּיעסע, גיב איך אייך דאָס צו פערשטעהן אָהן הינטער־פּיסלעך און אָהן פערשטעלטע רייד. בין איך אָבער מיט איהר צופריעדען, דאן בין איך איבערגליקליך צו קענען עפּעס טאָן פאר מיין פריינד גליקמאַנ'ס א פריינד. איצט לייענט.

גרינבערג

איהר וועט, האָף איך, ניט אורטהיילען מיין פּיעסע נאָך מיין לייע־גען נאָך, ווייל איך בין א שלעכטער פארלעזער...

גוטמאַן

איהר? און ווער איז א גוטער? פרעגט זיי בחרם מיט וואס מען עסט דאָס... איהר וועט ניט נעפינען — דאָס מעג איך זאגען אָהן בעריהמעריי — א בעסערע אויסשפּראכע ווי מיינע, אָבער אפילו איך אליין קען ניט גוט פארלעזען מיינע אייגענע פּיעסען!

גרינבערג

וואס איך הער! איהר זייט א פערפאסער אויך?!

גוטמאַן

(שפּרינגט האַסטיג אויף) היער! זעהט איהר די פיין געבונדענע ביכער אינ'ם שראנק? דאָס זיינען מיינע מאנוסקריפּטען, אלע געבונדענע. זעהט נור אָן די טיטלען! צי איך בין א פערפאסער? ניט שלעכט, כלעבען! קוקט אהער! „דער מענשליכער ענדעס", די „רויטע האנד", „דער מאָרדקינסטלער"! אמת, הינע מענע־

דזשערס האָבען פון דיעזע פּיעסען אנ'אַנדער מיינונג — קנאה! עס איז דאָ אזא זאך ווי קנאה! — אָבער יעדער פון זיי וואָלט זיך אין מיינע ראָלען אונשטערבליך געמאַכט. עפּעס א קליינינקייט א ראָלע, וואו דער העלד דערלאַנגט זיך, א שטיינער, א זאָג: „אַ מערדער? איך אַ מערדער? איך פּעראַכט אַזא געמיינעם וואָרט. איך בין ניט קיין מערדער, איך בין דער ראַכענאָט אַליין, דאס איז וואס איך בין! ניט יחידים מאָרד איך, א וועלט ראָט איך אויס, די גאַנצע וועלט!" דיבורים, האַ? נו, אָט אזוי רעדט מיין העלד אין דער פּיעסע, וואס איך רופ דער „מאָרדקינסטלער". עס איז גרויס, איז דאָס שטיק, אבער איך מוז זאגען, דער „מאָרדקינסטלער" קומט ניט צו מיין „רויטע האנד". דאָס איז פּשוט — גלויבט מיר, איך בעריהם זיך ניט, ניט א ברעקעל! — די „רויטע האנד" איז פּשוט א מייסטערווערק, איינגעגעבען עפּעס אזוי ווי פון'ם רוח הקדש! און וואס איז שייך צום „ענדעס", איז דאָס א כאַראַקטער, מיין ליעבער, גוטער הערר... הערר גרינבערג, וועלכער וואָלט אָהן שום ספק געמאַכט א געוואַלד אין דער וועלט. אבער כאַראַקטער אין א פּיעסע איז נאָך ניט אַלעס! די סיטואַציאָן, יונגער מאַן, די סיטואַציאָן! אַריגינעל פון אָנהויב ביז'ן אויסלאָז. וואָרים וואס, אין תוך גענומען, איז דאָס אזוינס דער „מענשליכער ענדעס"? דער מענשליכער ענדעס, מיין פריינד, איז א גוטער, אַן איידעלער מענש, מעהר נישט ער ליידט פון א שרעקליכען פעהלער. זיינע שפּיץ-פינגער האָבען אין זיך א מין בּיס, א שטאָך — א שטאָך וואס שטעקט אָן, וואס פּערגיפטעט דאָס בלוט פון יעדען, וועמען ער ריהרט אָן. און זיין מאַמע שטאַרבט, און זיין געליעבטע שטאַרבט, און קיינער ווייס ניט פון וואנען און ווי אזוי... די פּערוויקלונג, דער פּלאָנטער, איז א וואונדערבאַרער; אזוינס טראַכט זיך ניט אויס, דאָס ווערט ניט געמאַכט, דאָס מוז איינך ווי א בליצשטראַהל דורכגעהן דורכ'ן מח.

גרינבערג

(האָסטיג איהם איבערשלאָגענדיג אין די רייד): דאָס איז פּונקט וואָס מיר

האָט פאסירט מיט דעם „פּלאָט” פון די קליינע פּיעסע, וואס איך לעז אייך פאר...

גוטמאַן

אָה, איהר מוזט מיך ענטשולדיגען. האָב זיך פּעררעדט... בעט אייך טויזענד מאָל ענטשולדיגונג. זעצט זיך און לעזט, איך האָב, דאכט זיך, מיין פריהשטיק געענדיגט. קען אייך גאנץ רוהיג אויס־הערען... קלארא און ברוינשטיין האָבען שרעקליך פערשפּעטיגט היינט. איך רעכען...

גרינבערג

קיין נאָמען האָב איך דערווייל דער פּיעסע נאָך ניט געגעבען.

גוטמאַן

אין דעם קען איך אייך העלפען. איך שעם זיך דאָס אליין אייך צו זאָגען, אָבער אויף נעמען בין איך א מאדים. לייענט, חויבט אָן !

גרינבערג

די פּערזאָנען זיינען : פעליקס פינדלאטער, פריעדריך האמער, יאָ־זעף זיין לאָקיי — דאָס זיינען די מענער, דאן פרוי פינדלאטער, ראָזא פינדלאטער, זייער טאָכטער, און עממא א הויז־מיידעל. די סצענע שפּיעלט זיך אָפּ...

דריטע ערשיינונג.

הירש ברוינשטיין און די פריהערדיגע.

גוטמאַן

אה, ברוינשטיין ! א גוטען מאָרגען דיר, ברוינשטיין ! קום אהער ; דיין פריהשטיק איז שוין קאלט ווי אייז. זעץ זיך און עס. דאָך האלט ! לאָמיר דיר פאָרשטעלען העררן גרינבערג, אונ־זער גליקמאנ'ס א פריינד. הערר גרינבערג לעזט מיר פאָר א דראַ־

מא, וואָס ער האָט פּערפּאַסט. הערר גרינבערג, הערר ברוינשטיין איז מיינער אַן אַלטער פריינד, א חבר פון דער שול און מיין רעב־טע האַנד... ווען איהר זאָלט וויסען אַלע זיינע מעלות...

ברוינשטיין

(עסענדיג): מיינע מעלות קענען הערען גרינבערג'ן קנאַפּ וואָס אינטערעסיען. (ער ווינקט צו גרינבערג'ען ער זאָל נים מאַכען קיין שהיות און לייענען).

גרינבערג

(וויל נעהמען לייענען)...

גוטמאַן

(האַסטיג): הערר גריבערג וועט מיך נעווים ענטשולדיגען. זיינען דאָ פיעל בריעף, ברוינשטיין?

ברוינשטיין

יעדענפאַלס, ווענינ אינטערעסאַנטע, כמעט נאָר גיט.

גוטמאַן

ווייז, ווייז אַהער, לאָמיך א קוק טאָן.

ברוינשטיין

לעזט דיר הערר גרינבערג גיט פאָר?

גוטמאַן

יע, אָבער מיר האָבען נאָך ניט אָנגעפאַנגען.

ברוינשטיין

ניין? נו, אויב אַזוי, קענסטו זיי זעהן, אָבער גלויב מיר, דו וועסט ניט געפינען איין בריעף וואָס וואָלט ניט געקענט ווארטען א ווײַלע.

גוטמאַן

(איבערקוקענדיג איין בריעף נאָך דעם אַנדערן): א שעהן ביסעל בריעף פון דאַמען, רעד זיך דיר וואָס דו ווילסט.

ברוינשטיין

איינינע בעטען שטעלען, אנדערע בילעטען.

גוטמאַן

און די וואס ווילען ווערען אקטריסעס...

ברוינשטיין

זיינען ניט ווערט קיין אויסגעבלאָזענע איי. לויטער פוסטע, זים־זייערליכע דאַמען פון די „ליעבהאָבערינען דער קונסט".

גוטמאַן

זעהט איהר, הערר גרינבערג, אַט אזוי איז אַלע טאָג, ווי איך זאָג אייך. געדענקסטו, ברוינשטיין, די יונגע דאַמע אָהן אַ מאָרדע וואָס האָט געפינטעלט מיט איין אויג? שטעלט זיך נור פאָר די חוצפה איהרע: זי שיקט מיר — ווי איהר זעהט מיך אַ לעבעדיגען — איהר פאָרטרעט! איהר בילד! ניט שלעכט, כ'לעבען, חא—חא—חאַ! אָבער האַלט, גוט וואָס איך האָב מיך דערמאָנט! וואו איז ערגעץ טאקע איהר פאָטאָגראַפיע? האָב איהר זיכער וואו עס איז באַהאַלטען, דאָס ווייס איך גאַנץ גענוי (ער וויל געהן צו זיין פולט, ברוינשטיין האַלט איהם אָב).

ברוינשטיין

זעץ זיך, וואָלטער! וואָס קימערט דיין פּערשוין הערען גרינבערג'ן, ער וויל איהר ניט זעהן.

גוטמאַן

(מיט האַריץ): און איך זאָג דיר, ער וויל. איך פערשטעה זיך אויף מענשען נישט אין דער־ערך בעסער ווי דו. דאָס בילד איז אַ זעל־טענהייט, אַ קוריאָז....

ברוינשטיין

און איך זאָג דיר, ער וויל ניט.

גוטמאַן

(האַלב אין כעס, מיט אַ בליק אויף גרינבערג'ען): נו, ווי ער וויל זיך.

איך ווייס נור, ער וועט אזא זעלטענהייט אזוי ניך ניט קריגען צו זעהן. דאָס איז וואָס איך ווייס. נו, הערר גרינבערג, לייענט אייער פּיעסע. קיין פלינקער פאָרלעזער זייט איהר ניט... איך בין בערייט צו הערען. לייענט. וואַרט נור א פּערטעל־מינוט! ברוינשטיין, אין וועלכער זייט בלאָזט היינט דער ווינד?

ברוינשטיין

צו מערב צו.

גוטמאַן

גוט, וואָס ניט צו מזרח צו. איהר קענט זיך ניט פאָרשטעלען, הערר גרינבערג, ווי דער וועטער ווירקט אויף מיך. היינט בין איך, דאכט זיך, א מענש מיט אלעמען צוגלייך. לאָז אבער ווערען א מזרח־ווינד, ווער איך אייך א שטיק פלייש מיט צוויי אויגען. די נערוועען מיינע זיינען, פערשטעהט איהר, צו אָנגעשטרענגט. ווער ווייס צו דאָס איז ביי יעדען קינסטלער אזוי? און, אָה, מיין גאָט! איהר האָט מיר נעדאַרפט קענען אין מיינע יונגע יאָהרען! אָט האָב איך דאָס אביסעל מיין מאַמען געפיהרט א טענצעלע! א טאָג א רוהיגען האָט זי פון מיר ניט געהאַט. ביז צוועלף יאָהר האָב איך אייך דורכגעהאַט פּאָקען, מאָזלען, קרופּ, סקאַרלאַטין, און כל המינים הוסטען... (ברוינשטיין גיט א הוסט) האָסטו וואָס געזאָגט, ברוינשטיין? הא?

ברוינשטיין

איך וואַרט נור, אז הערר גרינבערג זאָל שוין אָנפאַנגען לעזען זיין פּיעסע.

גוטמאַן

געוויס, געוויס! דו ביסט גערעכט. איך מוז ביי אייך נאָך אַמאָל בעטען ענטשולדיגונג, הערר גרינבערג. נו, אָנגעפאַנגען זאָל ווע־רען!

גרינבערג

„די סצענע שפּיעלט זיך אָב אין דעם עמפּפאַנגצימער פון..." (א קלאַפּ אין טיר).

גוטמאַן

ענדליך! מיין טאָכטער! שנעל אריין!

פיערטע ערשיינונג.

קלאַרא מילדהערץ און די פריהערדיגע.

קלארא

(זעהט אָן גרינבערג׳ען, אנגענעהם איבערראשט. צום פאָטער): גוט מאָרגען, פאפא! הערר גרינבערג, הערר ברוינשטיין, גוט מאָרגען!

גוטמאַן

א ביסעל שפעט ארונטערגעקומען, קלערעלע. קענסטו הערן גרינ־בערג?

קלארא

אָה, יא, פאפא! מיר קענען זיך שוין פון לאנג... מיר פלעגען זיך טרעפען ביי... אָבער, פערצייהט, מיר הערר גרינבערג, איך זעה, איך שטער אייך...

גוטמאַן

זעהסטו, קלערעלע, הערר גרינבערג לעזט מיר פאָר א פיעסע. גוט, וואָס דו ביזט געקומען. דיין מיינונג איז וויכטיג. זי איז א גרויסער, א גרויסער מבין, הערר גרינבערג! גאָר פון די אמת׳ע מבינים. האָט געלעזען אלע מיינע פיעסען און האָט א גוטען געשמאַק. האָב פיעלע שטעלען איהר־צוליעב געענדערט. געדענקסט, קלערעלע, דעם מאָנאָלאָג אינ׳ם „מענשליכען ענדעס", וואו איך האָב...?

קלארא

אָה, יא, פאָטער, איך געדענק אלעס. איצט לאָמיר אָבער הערען הערר גרינבערג׳ס פיעסע. אויב איהר זייט שוין ווייט פערפאָה־רען, לייענט ווייטער, וועל שוין ווי עס איז דעם אָנהויב פער־שטעהן פון דאָס וואָס קומט שפעטער.

ברוינשטיין

(ווינקענדיג צו איהר): מיר האלטען נאָך ביין אָנהויב: ביי די דראמאטישע פערזאָנען.

גוטמאַן

גוט וואָס מיר האלטען נאָך ניט וזייט, נײן? איצט, הערר גרינ־בערג, זייט אזוי גוט און לייענט איבער די פערזאָנען פון מיין טאָכטער׳ס וועגען.

גרינבערג

מיט פערגניגען! עס איז אַן עהרע פאר מיר וואָס פרוי מילדהערץ אינטערעסירט זיך מיט מיין ווערק. אלזאָ! פערזאָנען: פעליקס פינדלאטער, פריעדריך האמער, יאָזעף, זיין לאקיי; פרוי פינד־לאטער, ראָזא פינדלאטער און עממא, א הויז־מיידעל...

גוטמאַן

דאָס רופּ איך א גוט־אראָנזירשטען פערסאָנאל: דריי מענער און דריי פרויען.

גרינבערג

האָב פערגעסען צו זאָגען, אז ראָזא פינדלאטער איז א קינד...

גוטמאַן

א קינד? וואויל ווי די וועלט! ליעבט איהר קינדער, הערר גרינגבערג?

גרינבערג

זעהר!

גוטמאַן

(אויפשפרינגענדיג פון זיין אָרט און צולויפענדיג צו דער טיר): האננא, ברעננט אריין מיננעלען! (זיך צוריק אַנידערזעצענדיג) אויב איהר האָט האָלד קינדער, מוזט איהר מאַכען מיננעלע׳ס בעקאָנטשאפט. וואָס ווייסט איהר, וואָס פאר אַן אייניקעל איך

פערמאָג! אזא קינד האָט נאָך די וועלט ניט געזעהן — דאָס זאָג איך אָהן בעריהמעריי!

קלאַרא

פאָטער, ליעבער פאָטער! איך האָב הענגעלע'ן געזאָגט זי זאָל היינט דאָס קינד אהער ניט ברענגען.

גוטמאַן

אָבער, קלערעלע, ביזטו ביין זינען?! וואָס הייסט ניט ברענגען! דאָס עופ'עלע איז אַזוי געוועהנט צו מיר אריינצולויפען אלע אין־דער־פריה מיט א פרעהליכען גוט־מאָרגען... זי וועט זיך פיהלען גאַנץ אונגליקליך, די אָרעמע טייבעלע. חוץ דעם, זעהסטו דאָך, אז הערר גרינבערג ליעבט קינדער און חלש'ט א קוק צו טאָן אויף דיין קינד... און שטערען? מינעלע שטערען! גוט? אָט קומט זי...

פינפטע ערשיינונג.

הענעלע, מינעלע און די פריהערדיגע.

גוטמאַן

אהער, פייגעלע! א שעהנעם, צוגעשפיצטען, פלאָם־פייערדיגען קוס פאר'ן זיידען און אנטלויף, ווייל מיר זיינען היינט זעהר פערנומען, הערסטו? (מיט אַ זייט־בליק אויף זיין טאָכטער) אָה, אָה! מאַמע איז היינט בייז. נו, גוט! א קוס פון קוסענקאַנד פאר'ן זיידען, אָט אזוי! נאָך איינעם, א דריטען — גוט! איצט א קוס פאר'ן אלטען ברוישטיין (ער טאַנצט ארום מיט'ן קינד אין ציר מער; ברוינשטיין הויבט זיך האַסטיג אויף פון זיין פּלאַץ און בויגט זיך איין צום קינד) און איצט איינעם און א רעכטען פאר הערן גרינבערג.

מינעלע

(מיט אַ שטיפעריש מיענע, אָבער ענטשלאָסען) אָה, ניין, גרויספּאַפּאַ!

קלארא

פּאַטער, לאָז איהר צו־רוה! דאָס וועט מאכען א גאנצען טומעל.

גוטמאַן

שטות, שטות, שטות!!! הערר גרינבערג ליעבט קליינע עופ'־עלעך. שנעל, א קום פאר'ן אָנקעל, מינניע! (דאָס קינד ציעהט זיך צוריק נאָך ענטשיעדענער) שנעל, זאָג איך דיר, א קום פאר'ן אָנקעל, ער ווארט! שנעל אהער קום, אַגיט בין איך מיט דיר ברוגז אויף אייבּיג.

קלארא

טו מיר א טובה, פּאַטער, און לאָז איהר צו־רוה. דו וועסט מיט איהר היינט גאָר־נישט אויספיהרען. זי איז א שלעכטע מיידעל היינט. (אין דעם קינד'ס אויגען בעווייזען זיך טרערען).

גוטמאַן

האָב פיינט עקשנות! נראָד ווייל זי וויל ניט, מוז זי איהם געבען א קוס. הערר גרינבערג! אהער געהנטער אביסעל די רעכטע באַק! (דאָס קינד ווײנט זיך פאַנאַנדער) צום טייוועל, קלארא! דאָס קינד געהט מיר עפּעס גאָר אין גאנצען ארויס פון די האַלאַבּליעם! א ביסעל אַן עקשנות! קלארא, הייס ד ו איהר טאָן וואָס איך פערלאנג. הערר גרינבערג, נאָך אמאָל די רעכטע באַק אהער, זייט מוחל!

קלארא

(פעסט און ענטשלאָסען): פּאַטער, דאָס מוז נעהמען א סוף! הערר גרינבערג, איז היינט ניט ביי אונז צו שפּיעלען זיך מיט קינדער... זיין צייט איז טייער, דיינע אויך. העלענע! ארויס מיט'ן קינד און שפּיעלט זיך איהרביידע!

גוטמאַן

(אָבגעשוואכט ווי נאָך א שווערען קאַמפּף): גוט, איך גיב זיך אונ־טער. איהר מוזט מיך ענטשולדיגען, הערר גרינבערג; איהר ווייסט ניט ווי ליעב איך האָב זי, די קליינע מכשפה׳לע. איצט, קלאַרא, האָרך, אָבער רעד ניט אריין!

גרינבערג

(פאַנגט ווידער אָן צו לעזען): די סצענע שטעלט פאָר אן עמפּפאַנג־צימער ביי די פינדלאַטער׳ס, שעהן מעבלירט. פאַמיליען־בילדער אויף די ווענט. איבערן קאַמין א בילד פון אן אלטען קינסטלער און...

גוטמאַן

איהר ליעבט, הייסט עס, בילדער, הערר גרינבערג?

גרינבערג

זעהר... (מאַכט אן אָנשטעל ווייטער צו לעזען).

גוטמאַן

(האַסטיג צולויפענדיג צו א געשטעל, אויף וועלכען עס איז געשטאַנען פאַרדעקט א בילד): אַט, אויב איהר זייט א בעלן אויף בילדער, האָב איך זייך עפּעס צו ווייזען.

גרינבערג

(כעמערקענדיג א פרייגדליכען בליק פון קלאַרא, וויל ער איהר עפּוואס זאָגען, ווען ער ווערט אונטערבראכען פון)

גוטמאַן

אהער קומט. דאָס רופט איהר מסתמא א בילד, הא? נו, איך רוף דאָס א פּאַעמא אויף לייוואַנד. מיר דוכט, איך פערשטעה זיך אויף אזעלכע זאכען. איך בין — גלויבט מיר, דאָס איז ניט קיין בעריהמעריי — א געבאָרענער קונסט־קריטיקער. האָב אין לעבען ניט געלערענט קיין צוויי גאַנצע מינוט דעם אלף־בית פון

מאהלעריי, און קען אייך זעהן די מינדעסטע פּגימה׳לע אין א בילד ניט ערגער פאר דזשאהן ראָסקין אליין. נעהם איך זיך ניט צו דער שוישפּיעלעריי, בין איך היינט א מאלער מיט א נאָמען! אָט די דאָזיגע לאנדשאַפט דארטען — אידעע מיינע, הגם דער מאלער איז זיך טאקע א זשעניע, קיינער לייקענט דאָס ניט, ווילט איהר אָבער וויסען פאר וואָס די אקאדעמיע?...

קלארא

פּאָטער! אויב העררס גרינבערג געהט ניט ווייטער אין זיין פאר־לעזען, וועלען מיר אלע פערגעסען די נעמען פון די דראמאטישע פערזאָנען אין דער פּיעסע.

גוטמאַן

גערעכט, מיין טאָכטער! גערעכט! העררס גרינבערג, איך מוז זיך ביי אייך ווידער ענטשולדיגען. זעצט זיך, מיין פריינד, און גיט אונז א בעשרייבונג פון די כאראקטערע. דאָס העלפט א סך צום פערשטעהן ריכטיג די פערזאָנען.

גרינבערג

מיט פערגניגען, העררס גוטמאַן! פעליקס פינדלאטער איז א בע־יאָהרענטער מאַן, א חשוב׳ער בעל־הבית, וואָס האלט זעהר שטארק פון זיך...

גוטמאַן

(פלאַצט אַרויס מיט אַ געלעכטער): חא־חא־חא! איך קען אזא גפש... א טיפּ! נור לאָמיך אייך ניט שטערען.

גרינבערג

דאָס איז, דארפט איהר פערשטעהן, א מענש, וואָס לעגט אוועק מיט בעשטימטהייט, עפּעס ווי א געזעץ, ווי אן אקסיאָם, וואָס טאָר ניט בעשטריטען ווערען, זיינע מיינונגען און נייע אידעען...

גוטמאַן

וואָס, וואָס, וואָס? ער לעגט — נייע — לעגט ער א וועק אידעען,

מיינונגען; לעגט — נייע! אהא! ווארט! אַט דאָס איז אַ בליצשטראַהל אינ׳ם חשך! ברוינשטיין, דאָס דערמאָהנט מיר, אז דו האָסט ניט געהאַט קיין פרישע איי צום פריהשטיק!

קלאַרא

איך האָב ניט בעשטעלט אויף היינט, פּאָטער!

גוטמאַן

ווי הייסט, ניט בעשטעלט? איז דאָס גאָר ניט מעגליך צו קריע־גען אַ פרישע איי?

קלאַרא

האָב ניט געהייסען אריינטראָגען, ווייל היינט לייענט אונז הערר גרינבערג זיין פּיעסע...

גוטמאַן

ניט רעכט פון דיר! איצט פערשטעה איך אויך מינעלע׳ס כעס. דאָס קינד, דארפט איהר וויסען, איז געוועהנט דעם ליעבען ברוינ־שטיין איהרען אריינצוטראגען אַ פרישע איי אַלע ליעבע טאָג... קלארא, גלייך זאָל מיר בעשטעלט ווערען אן איי!..

קלאַרא

איך קען עס ווירקליך ניט, פּאַפּאַ!

גוטמאַן

זעהר וואויל, דאן קען איך (ער קלינגט, עס קומט אריין הענעלע) שיקט אריין הערען ברוינשטיינ׳ס איי דורך די קליינע!

הענעלע

אין איין אויגענבליק, הערר גוטמאַן.

גוטמאַן

הערר גרינבערג, בעדויער די אונטערברעכונג, אבער איהר דארפט וויסען, אז דאָס איז אַ הייליגער מנהג אין מיין הויז זינט ברוינ־

שטיינ׳ס נעפעהרליכע קראנקהייט. בעת ער האט געהאלטען ביין זאגען אונז אלעמען „זייט געזונד!" אויף אייביג. יעמאלט, ווען ער האט אנגעהויבען צו קומען צו זיך, איז אן איי פון מינעלע׳ס האנד נעוועןן דאס ערסטע וואס ער האט געכאפט... „לעגען — גייען?" ווען ניט אט די ווערטער אייערע, וואלט איך בלייבען ניט פערשטאנען דעם קינד׳ס כעס. אהא! אט איז זי מיין ביי־זער טוטשי־פוטשי־בוטשיקעל!

מינעלע

(פראגט אריין די איי): נאט אייך, אנקעל ברוינשטיין!

גוטמאן

גוט! איצט אנטלויף צו הענעלע׳ן! אבער ווארט! דו דארפסט קרינען דיין געצאהלט.

ברוינשטיין

(דערלאנגט איהר האסטיג א פענעצעל מארמעלאד).

גוטמאן

לאמיך זעהן, וואס? דאס איז אלע וואס זי קריגט? דאס קען א פוינעלע אוועקטראגען אויפ׳ן עק. זאג דיין פעטער אז ער איז א געמיינער קארגוני. ברוינשטיין, נאך א מארמאלעד שנעל אהער! אט אזוי.. וואס? מיר א קוס? פערשטעהט זיך! אבער איצט זיי מיר א גוטע מיידעלע און גיב אב אנקעל גרינבערג דעם קוס וואס דו ביסט איהם שולדיג. (דאס קינד פארשקעם זיך).

קלארא

(זעהר אויפגערעגט): פאטער, דאס ערלויב איך ניט. הענעלע, פיהר ארוים מינעלע׳ן, שנעל! (ביידע אב).

גוטמאן

קלארא, מיין קינד, דו ביסט היינט איך ווייס אליין ניט ווי דאס אנצורופען... זעהר וואויל! איצטער, הערר גרינבערג, בעשרייבט אונז ווייטער די פערזאנען. דעם איינגעבילדעטען פינדלאטער.

כמעט! מערקווירדיג.. שפיעלען. זאל איך מסתמא איהר ווילט
מיין אויף ווי מיר פאר איז ראלע אזא אז קלערט, פערפאסער יעדער
בין איך אז זאגען, יעדער אייך וועט דאך און צוגעשניטען מאס
איך... וועלט. דער אין מענשען בעשיידענדסטע די פון איינער

גרינבערג

(כמעט אין פערצווייפלונג, פרובט ווייטער רעדען): דער נעכסטער איז
פריערדיך האמער...

גוטמאן

(ווידער אויפשפרינגענדיג): האמער! האלט! דו, ברוינשטיין,
איז דער סטאליער דא געוועזן מכח'ן לעהנשטול ביים שרייבטיש?

ברוינשטיין

געוועזן און פעררירכט, אלץ אין דער בעסטער ארדנונג; לאמיר לאָ־
זען הערען גרינבערג לייענען... קומען צום לייענען...

גוטמאן

לייענט, הערר גרינבערג, לייענט. גלויבט מיר איך וואלט פשוט
אייך ניט קענען הערען ווען איך בלייב מיט'ן שטוהל אין מח.

גרינבערג

וועגען פריערדיך האמער וועל איך זיך ניט פערברייטען; איהר
וועט שפעטער זעהן, אז דאס איז ניט נויטיג, זאגען וועל איך נור,
אז ער איז א שטארקער, טעמפעראמענטפולער מענש... אין די
מיטעלע יאהרען. — דער לאקיי יאזעף איז דער קאמיקער.

גוטמאן

ווייטער, ווייטער! לאמיר קומען צו די ווייבער... ענטשולדיגט,
הערר גרינבערג, וואס איך דריק זיך אזוי אויס... ברוינשטיין, וואס
האלסטו דעם קאפ פערגראבען אין א העפט? רופסטו דאס העפ־
ליכקייט? עפעס רעדט דאך דא אימיצער, ניין?

ברוינשטיין

דאס איז א טייל פון הערען גרינבערג'ס פיעסע. 'ך וועל אוועק־

לעגען זיין מאנוסקריפּט — דיעזען טייל מיין איך — אזוי גיך ווי ער הויבט אָן לייענען דעם אנדערען.

גוטמאַן

גוט, גוט! לייענט טאַקע הערר.... הערו׳ גרינבערג.

גרינבערג

פרוי פינדלאַטער איז אַ שאַרמאַנטע פּערזאָן, אָבער זעהר אָן אויפ־געךעגטע...

גוטמאַן

אַ צווייטע עוואַ גומפּרעכט!

גרינבערג

פערשטעה ניט...

גוטמאַן

איינע פון מיינע הויפּטפּערזאָנען אין דער „רויטער האנד", גע־דענקסטו די ראָלע, קלערעלע?

קלאַרא

גערענק זי מיט אַלע קליפּערלעך.

גוטמאַן

איי, פערקאָכט אָט די עוואַ אביסעל אַ קאַשע דאָרטען!! וואַרט! (ער טוט זיך אַ הויב צום שראַנק צו).

קלאַרא

פאָטער, לאָמיר ענדליך הערען די פאָרלעזונג! וועגען די ׳רויטע האנד" קענען מיר דאָך אנאַנדערם מאָל רעדען.

גוטמאַן

גוט, גוט! אגב, וועמען אינטערעסירט אָן אייגענעם טאַטענ׳ס אַ פּיעסע? אָבער ווייטער, ווייטער! לייענט! די פּערזאָנען זיי־נען אונז שוין בעקאַנט. גוט, וואָס איהר האָט אין דער פּיעסע אַ

סינד... זעהר גוט! א וואונדערבארעס פאָלק, די קינדערלעך. מינעלע'ס היינטיגע טרעוואָגע עראינערט מיך אָן דעם טאָג, ווען הערר פראזער האָט אונז בעזוכט. געדענקסט פראזער'ס וויזיט, קלערעלע?

קלארא

ניין, פּאָטער איך געדענק נ י ט. הערר גרינבערג, הויבט אָן!

גרינבערג

די סצענע שפּיעלט...

(פון גליקמאַן'ס שרייבצימער הערט זיך דער גלאָק פון טעלעפאָן).

גוטמאַן

(האַלטענדיג דעם „רעסיווער" אין דער האַנד, אנשטאט איהם צוצולעגען צום אויער, רעדט ער שטעהענדיג מיטביידע פיס פון ביידע זייטען שוועל צווישען דעם עסצימער און זיין קאַבינעט): וויים דאָ ווער, פאר וועלכע זינד מיר זיינען בעשטראָפט געוואָרען אָט מיט דער אָנ־שיקענים... (עס קלינגט) יוארט, טייוועל! אמאָל פלעגט מען זיך קענען אָברוהען אין דער היים, היינט ברענגט דער טעלעפאָן... (עס קלינגט כסדר) וואַרט, זאָג איך! צונויף א בארג מיט א בארג און דער שווארץ־יאָהר געפינט אייך אין (עס קלינגט נאָך שטאַרקער) חדרי־חדרים. אוים היים, אוים פריוואט־לעבען...

קלארא

זעה, פון דעסטוועגען, וואָס זיי ווילען.

גוטמאַן

(זעהר צוטומעלט; לעגט צו דעם אויער צום טעלעפאָן און רעדט אריין אינ'ם „רעסיווער"): האַללאָ! האַל־לאָ!! (עס קלינגט אַלין שטאר־קער) האַל־ל־לאָ!! ווער זייט איהר? וואָס ווילט איהר?? (עס קלינגט שטארקער און שטארקער) ענטפערט!

ברוינשטיין

(פערטיעפט אינ'ם מאנוסקריפט די גאַנצע צייט וואָס גוטמאַן שטעהט ביים טעלעפאָן, ערוואכט ער איצט ווי פון שלאָף) פרוי מילדהעריץ, געהט א י ה ר צום טעלעפאָן, אַניט וועלען מיר דאָ אַלע טויב ווערען...

ער האָרכט וואו מען דאַרף אַריינרעדען און רעד אַריין אינ׳ם „רע־סיווער”, איי, גוטמאַן!

(קלאַרא און גרינבערג האָבען זיך שטילערהייט אונטערהאַלטען די גאַנ־צע צייט; פון זייער מימיק פערשטעהט מען אז זיי רעדען אלץ אינ־טימער און פריינדליכער וואס לענגער דער געשפרעך האַלט אָן; אין גע־וויסע מאָמענטען דריקט גרינבערג׳ס פנים אויס איבעראשונג, צוערסט פון א פערדריסליכען, שפעטער פון א פרעהליכען כאַראַקטער).

קלאַרא

(צוגעהענדיג צום טעלעפאָן): וואָס טוסטו, פאָטער! דו רעדסט אינ׳ם רעסיוועך אריין און פערלאַנגסט אז (עס קלינגט כסדר), אז מען זאָל דיך הערען. (נעהמט דעם רעסיווער) האללאָ! וואָס דאַרפט איהר? הערען גוטמאַן? וואָס? גלייך? אינ׳ם טעאַטער? יא, אָבער ניט אויף לאַנג, ער איז זעהר, זעהר בעשעפטיגט. גוד באיי! (צום פאָטער) נעה, זעה, וואָס דאַרטען טוט זיך. דער סטיידזש־קאָופּענמער בעדאַרף דיך.

גוטמאַן

(נעהמט א היטעל, פריהער גרינבערג׳ס נאָכדעם זיין אייגענע): שטענ־דיג אזוי! אזוי ביך ווי זיי געפינען אוים, אז איך בין בעשעפ־טיגט, הויבען זיי אָן צו באָמבאַרדירען מיין קאַבינעט. דו געדענקסט, ברויגשטיין...

ברוינשטיין

איך געדענק אלץ... גענוג וואָס ניכער, מיין ליעבער גוטמאַן, און קום וואס גיכער צוריק... עס מוז דאָך נעהמען א סוף.

(גוטמאַן אָב. ברוינשטיין גראָבט אריין דעם נאָז אין גרינבערג׳ס מאַ־נוסקריפט און פערגעסט אַז איטיצער איז דאָ אַרום איהם).

קלאַרא

(געריהרט, איהר שטימע ציטערט): אָה, יא! צו זיעבעצעהן יאָהר האָט מען אנדערע אוינען... מען איז דאַן נאָך מעהר קינד ווי פרויענצימער... אידעאַלען, אילוזיאָנען, עפּעס אַלץ אַנדערש ווי

די ווירקליכקייט, מיט וועלכע מען טרעפט זיך אלע טאג... און דאן איז מילדהערץ... ווי ניט מען אייך דאס צו פערשטעהן?... און איהר האט כסדר געווייכט פון מיר זיגט יענעם אבענד אין פארק, איהר געדענקט... יא, איהר האט מיר פערשפראכען (זי שמייכעלט איראניש) אייביגע פריינדשאפט, אבער...

גרינבערג

האב אייך אויסגעווייכט, און וואס מעהר איך האב אייך אויסגע־ווייכט... וואס איז דא צו רעדען (ער טוט א זיפץ, וועלכען ער וויל אבער קען ניט גאנץ אונטערדריקען), מיר ניט זיך קיין זאך ניט איין; מען וואלט זאגען: א מזל אזעלכער... אט אפילו היינט די פאר־לעזונג?... וויפיעל טעג, וואכען, חדשים, כמעט יאהרען האב איך געחלום׳ט אויפ׳ן וואהר אז דער טאג וועט ענדליך קומען, ווען איך וועל האבען דאס גליק, אז דער גרויסער גוטמאן, מיין פריינדין...

קלארא

(ווייך און האלב־לויט, די אויגען אראבגעלאזען): אייער פריינדין קלארא׳ס פאטער....

גרינבערג

א, אפשר דאס מעהר ווי אלץ... האב געהאפט, געחלום׳ט אזוי לאנג, אז ער זאל אמאל הערען וואס איך האב צו זאגען צו דער וועלט, איצט, ווען די קונסט איז מיין געליעבטע, מיין פאמיליע, מיין עולם הזה, מיין עולם הבא, מיין אלעס, אלעס....

קלארא

דאס איז ניט אמת, אלבערט...

ברוינשטיין

(ארויסנעהמענדיג דעם נאז פון טאנוסקריפט אויף א רגע): בריל־ליאנט!!

קלארא

אייך איז נאך עפעס אנדערס אין דער וועלט טייער... אייער פנים זאגט, אז איהר...

גרינבערג

קלארא! ניין, ניין! דאס קען ניט זיין... איך... אהא! **דער פאטער קומט צוריק.**

זעקסטע ערשיינונג.

גוטמאן און די פריהערדינע.

גוטמאן

(בלייבט שטעהן אין טיר; ער רעדט צו אימיצען פון יענער זייט) וואס? איהר ווילט גאר ניט אריינגעהן, פרוי טעמפ? גו, מיך האט זעהר געפרעהט אייך צו זעהן... געוויס! ווארט, ווארט, וואו האבען מיר זיך דאס לעצטע מאל געטראפען? אה, יא! אין דער בילדער־גאלעריע! ריכטיג! וואס פאר א קאפ איך האב! נו, וואס איז אייער מיינונג? געפעלען אייך בעסער די קינסטלער פון דער בריטישער אדער פון דער פראנצויזישער שול? איך מיין די מא־דערנע... וואס זאגט איהר? איהר איילט זיך אוועקצוגעהן? נעהט, געהט, אויב איהר קענט פאר אן אלטען פריינד ניט געפינען א מינוט צייט... קלארע'ן וועט איהר זעהן שפעטער? אום דריי א זייגער? זעהר וואויל... ווייסט איהר? מיר זיינען איצט טאקע בעשעפטיגט... מען לייענט אונז א נייע פיעסע... (רעדענדיג פאר זיך) קלארא איז אזוי פערטאן מיט העררן גרינבערג.... זי האט גע־מעגט ארויסגעהן צו פרוי טעמפ, כאטש זי בעגריסען... (הויך, צו פרוי טעמפ) הייסט עס, אויף וויעדערזעהן! פערגעסט ניט, אז קלארא ווארט אויף אייך אום דריי. (ער בעגלייט זי ביז די הינ־טערסטע טיר).

גוטמאן

(צוריק אריינקומענדיג אין עס־צימער): אי קען דאס די פרוי טעמפ אביסעל רעדען! איך ווייס ניט פון וואנען ביי די ווייבער נעהמט זיך אזוי פיעל רייד! כמעט מיט געוואלט האב איך זי ארויסגע־שטופט. איהר וועט קיינמאל ניט טרעפען א ווייבס־פארשוין, וואס זאל פערשטעהן ווי טייער די צייט איז אמאל...

קלאַרא

פאָטער, איך בעט דיך...

גוטמאַן

(ניט בעמערקענדיג די אונטערברעכונג) אָה, איך וועל קיינמאָל ניט פערגעסען ווי מיין זעליגע פרוי...

קלאַרא

אָבער, ליעבער פאָטער!

גוטמאַן

(איבערקרימענדיג): אָבער, ליעבע טאָכטער! דאָס איז אַנאַנדער מיאוס'ע געוואוינהייט, וואס איהר ווייבער האָט: איהר לאָזט א מענשען א וואָרט ניט אויסרעדען... וואס האָב איך געוואָלט אייך דערצעהלען? ריכטיג, וועגען מיין זעליגע פרוי. האָב יעמאָלט גראָד געהאַט צו שפּיעלען א כאַראַקטער־ראָלע. אויף דער ביהנע נור אין איין איינציגע סצענע; אָבער די דאָזיגע סצענע — דאָס מעג איך זאָגען אָהן בעריהמעריי — האָט געשטעלט אויף די פיס די גאַנצע פּיעסע! דאָס פובליקום איז געווען בעגייסטערט. לאַנג־האָרסקי, דער בעריהמטער קריטיקער...

ברוינשטיין

(נאָך אַמאָל ארויס פונ'ם מאַנוסקריפּט) גרויסאַרטיג, פיין!

גוטמאַן

ניין. לאַנגהאָרסקי האָט זיך אַזוי ניט אויסגעדריקט. „דאָס איז געווען א גלאַנצלייסטונג!" האָט ער געזאָגט, יא, א גלאַנצלייס־טונג! א פאָלירטער דימענט איז דאָס ביי מיר ארויסגעקומען. אַזא שטיקעל פיינע ארבייט איז היינטיגע צייטען אויף דער ביהנע גאָר ניט מעגליך צו זעהן. און ווער, מיינט איהר, האָט פון אלץ געמאַכט א תל? אָט טאַקע די ליעבהאָבערין אונזערע, די אריס־טאָקראַטישע! נעהמט, צום ביישפּיעל, אַזא פרוי טעמפּ. זי רייסט זיך אויך אויף דער ביהנע ארויף. אויף וואָס פאַר א סמך? יונג, א שעהנע פיגור, וועט איהר זאָגען. גיב דאָס צו. אָבער דאָס אליין איז ניט נענוג. איהר פעהלט יענע בעשיידענהייט, יענער

אייביגער צווייפעל אין די אייגענע קרעפטען, וואָס צייכענט אימער אוים דעם אמת'ן קינסטלער. און דאַן מוז מען קענען זיך האַלטען אין געוויסע גרעניצען: „אין דער בעשרענקונג ערקענט מאַן דען מייסטער!" זאָגט דער אַלטער געטהע. וואָס ווייס דערפון פרוי טעמפּ? גאר נישט — זאָג איך. קיינער — דאָס מעג איך זאָגען אָהן בעריהמעריי — איז ניט קיין גרעסערער מבין אויף מענשען ווי איך, קיינער דערקענט ניט אַ כאַראַקטער בעסער... וואס שמייבעלסטו, קלאַראַ?

קלאַרא

איך?

גוטמאַן

דו ביסט עפּעס פיעל פרעהליכער און אַ סך אויפגעראַמטער זינט פרוי טעמפּ איז אוועקגעגאַנגען. אַ נייער גלאַנץ אין די אויגען... ניין, קלערעלע?

קלאַרא

פּאָטער!!

גוטמאַן

פאַנאַנדערגעבליהט איז זי ווי אין פריהלינג אַ בלום... ליעבט איהר בלומען, העדר גרינבערג?

גרינבערג

ניט אַלע.

גוטמאַן

ניט אַלע בלומען, דאָס בעגרייף איך. אָבער ווער האָט ניט האָלד בלומען? ווער בעוואונדערט ניט די נאַטור בכלל? איך האָב מיין גאַנצע קראַפט אי אַלס פּערפאַסער, אי אַלס שוישפּיעלער, אי אַלס מענש פון דער נאַטור. איך האָב שטודירט די נאַטור — האָב איך! דערפאַר זיינען ניט די פּערזאָנען אין מיינע פּיעסען קיין פּאַרצעלאַיענע לאַלקעס, דערפאַר — גלויבט מיר, איך בעריהם זיך ניט, ווען איך זאָג עס — איז מיין פּראָזא ניט קיין געמאַטערטע און דערפאַר איז אויף דער ביהנע מיין גאַנג, מיין

שטעל, מיין ריהר, מיין קעהר א נאַטירליכער. וואס פאר ראָלען, א שטייגער, האָט איהר מיך געזעהן שפּיעלענדיג, הערר גריג־בערג?

גרינבערג

וועלכע?

גוטמאַן

וואָס, איהר געדענקט ניט? איהר... (דער זייגער שלאָגט 12) גרוי־סער גאָט! צוועלף!?

ברוינשטיין

געוויס, צוועלף, וואָס רעדן מיינסטו?

גוטמאַן

אי, אי, אי! אויב אזוי, מוז איך געהן! טוט מיר ווירקליך לייד, יונגער מאַן, וואס מיר קענען ניט ענדיגען לייענען אייער פּיעסע היינט. האָב בעשטעלט א רעפּעטיציע אויף 12 אַ זייגער און בין זעהר פּינקטליך... דער אָנהויב פון אייער פּיעסע איז גרויסארטיג, איבערהויפּט דאָס קינד. האָב האָלד אזעלכע פּיע־סען... האָט מיך אמת געפרעהט מיט אייך בעקאנט צו ווערען. (ער דריקט איהם וואַרם די האַנד איצט, א גוטען, הערר גרינבערג. איהר קענט דאָ בלייבען אויב איהר ווילט... מיט מיין טאָכטער זייט איהר, שיינט עס, גוט בעקאנט... אפשר געפין איך אייך נאָך ווען איך קום צוריק. מעגליך, אז די רעפּעטיציע וועט קענען אָנגעהן אָהן מיין פּערזענליכע אויפזיכט. ברוינשטיין, קום!

ברוינשטיין

(נאָך אלץ פערטיעפט אינ׳ם מאַנוסקריפּט): אויב דו דאַרפסט מיך ניט זעהר נויטיג, וועל איך דאָ בלייבען. איך ענדיג עטוואס לעזען.

גוטמאַן

אויך רעכט! א גוטען מאָרגען דיר, קלערעלע, א גוטען, הערר גרינבערג. הערצליך לייד, אָבער איך שרייב גליקמאַנ׳ען, אז דער אָנהויב איז ביי אייך גרויסארטיג, (געהענדיג) גרויסארטיג. (אב).

קלארא

איהר ווייסט ניט, הערר גרינבערג, ווי מיך קרענקט דאָס. אָבער וואָס קען מען טאָן? (זי שמייכעלט) דער ווינד איז אין מערב זייט.

גרינבערג

פערשטעה ניט.

קלארא

ווען עס בלאָזט א מערב־ווינד, איז דעם פאָטער כמעט אונמעגליך עטוואס פארצולעזען.

גרינבערג

וואס איך הער!

קלארא

נור ווען עס בלאָזט א מזרח־ווינד און דער פאָטער ליידט פון א סאָרט רהומאטיזם אין די קינבאקען, וואָס דער רעדען איז איהם דאן שווער, קען מען איהם איינהאלטען אויף אן ארט... אָבער דאס איז זעהר צו בעדויערען.

גרינבערג

אייער סימפּאטיע, קלארא, איז מיר מעהר ווערטה ווי...

קלארא

מיין סימפאטיע האָט איהר אימער געהאט... איהר האָט מיך אויסגעווייכט דורך די אלע יאהרען, אָבער איך האָב (אין א גע־בראכענע שטימע) אויפמערקזאם און מיט א געוויסען שטאָלץ בע־טראכט אייער גלענצענדע ליטעראַרישע קאריערע.

גרינבערג

(איהר אָננעהמענדיג ביי דער האַנד): קלארא, דאָס איז גיט מעג־ליך... איך בין דער גליקליכסטער...

ברוינשטיין

(געהט צו צו זיי מיט'ן מאנוסקריפּט, פון וועלכען ער קען נאָך אלץ נים אראבנעהמען די אויגען): הערר גרינבערג, איך גראטוליר אייך פון גאַנצען הארצען.

גרינבערג

(קאנפוז) : הערר ברוינשטיין...

קלארא

(זעהר רויט אין געזיכט) : ברוינשטיין, דאס איז ניט דעליקאט פון
אייך...

ברוינשטיין

ניט דעליקאט ? וואס איז ניט דעליקאט ?

קלארא

דער מזל־טוב אייערער...

ברוינשטיין

פאר וואס ניט ? די פיעסע איז א מייסטערווערק !

גרינבערג און קלארא

(אין איין קול) : וועלכע פיעסע ?

ברוינשטיין

העררן גרינבערג׳ס פיעסע. האב זי נאר וואס געענדיגט לייענען.
אט קומט גוטמאן צוריק.

זיעבעטע ערשיינונג.

(די פאריגע און גוטמאן).

גוטמאן

(מרה־שחורה׳דיג) : דער ווינד האט זיך געביטען ; קלארא, מיין
קינד, איך בלייב אין דערהיים.

ברוינשטיין

די שטאדט וועט אין קורצען רעדען פון דיר, וואלטער, פון דיר
און פון הערר גרינבערג. האב זיין פיעסע געלייענט. זי איז
גרויסארטיג. מיר האבען א נייעם דראמאטורג און דו האסט א
נייעם טריאומף.

גוטמאן

ווירקליך ? הערר גרינבערג, איך וועל טאן דאס מייניגע ; קלא־

רא, גראטוליר הערדן גרינבערג (נעהמט זיך אָן פאר׳ן באק) קען ניט רעדען...

קלארא

פון גאנצען הארצען ווינש איך אייך גליק, אלבערט! (אין איהרע אויגען שטעהען טרערען; זי נעהמט איהם אָן פאר די רעכטע האַנד; ער איז שטארק געריהרט. ברוינשטיין בעטראכט זיי ביידען זעהר אויפמערקזאם).

ברוינשטיין

איצט פערשטעה איך. ניט אומזיסט איז א געוויסער פּארטרעט קיינ־מאל ניט ארויסגעקומען פונ׳ם אלבום... (ראמט איין גוטמאנ׳ען א סוד) עס וועט אלץ רעכט ווערען. ווען הערר גרינבערג קומט נאָך אמאל, וועט ער מיט דיר רעדען וועגען אנאנדער ענין.

גוטמאַן

רעטעניישען! איך — אה, דער פערפלוכטער ווינד! — איך ווינש אייך גליק, מיין ליעבער יונגע...

ברוינשטיין

א י ה ר א ו י ך. ביידען!

גוטמאַן

ביידע געשריבען די פיעסע? סודות... הערר גרינבערג, האָב גלייך געזעהן, פיעסע גוט. זעה אזעלכע זאכען אין א רגע... דאָס מעג איך זאָגען אָהן בע... אָה, מיין באק!

ברוינשטיין

דעם נאָמען ג י ב א י ך אייער פיעסע, גרינבערג. זי הייסט ביי אונז: „די ליעבע און איהר לוין". גוטמאן, היים אריינברענ־גען שאמפאניער!

גוטמאַן

ברוינשטיין אזוי אויפגערעגט! (בעמערקט קלארא׳ן און גרינבערג׳ען שטעהענדיג האנד־אין־האנד) אָה! נו, איך ווינש אייך... קען ניט רעדען, קינדער! לאָז איבערגעהן דער מזרח־ווינד.

פ אָ ר ה א נ ג.

א געה'רג'עטער
עריטאָריאל:

א סצענע

א גע'הרג'עטער עדיטאָריאַל

(אַ סצענע אין אַ רעדאַקציע).

פערזאָנען:

רעדאַקטאָר קריץ, 50 יאָהר אַלט; טראָגט ספּאַקולען מיט ניל־דערנע אַלאַבליטשקעס; ערטערווייז גרויע האָר אין זיין לאַנגען באָרד.

מיסים קריץ, זיין פרוי, אַ אידענע אין זיין עלטער, זעהר אַ האַס־טיגע, ניט קיין מיאוס'ע; זי טראָגט, קענטיג, די הויזען.

פריילין וואלענטין, אַ רוסיש־אידישע אינטעליגענטקע, שטאַרק ניט דערבאַקען; טראָגט אַ פּאַנסנע.

מענעדזשער גאָלדמאַן, אַ איד פון אַ גאַנץ יאָהר; איז אין די צייטונג־ביזנעס ווייל ער טויג דערצו ניט.

דער אַגענט זוך, אַ צענטערזייל פון דעם צייטונג־געשעפט.

זעצער גראָדזענסקי, אַ יונגער מאַן, ניט אַבי ווער.

לענדלאָרד ליסטער, אַן אויפגעקומענער בעל־הבית, כמעט אַן אָלראַיטניק.

אַ פּעדלער, מיט מעהר צונג אין מויל, ווי סחורה אין קעסטעל.

צייט: אַרום 1895־1896.

די סצענע: אַ צימער מיט אַ גלעזערנע טיר אין הינטערגרונד. פון דרויסען שטעהט אויפגעמאָלט: „דער טמבטיון, אַ וואָכענשריפט“ אויפ'ן גלאָז. אין מיטען צימער אַ שרייב־טיש מיט אַלץ וואָס געהערט צום שרייבען און אויך וואָס געהערט דערצו ניט. — ביין זייט דעם מענע־דזשער'ס פּולט. — אַ טיהר פון דער לינקער זייט פיהרט צו „די זעצערס“:

אַ שטויגער, „קוילעט מיר די גענז.“

ערשטע ערשיינונג

דער רעדאַקטאָר און דער מענעדזשער.

רעדאַקטאָר

איז דער פּאָסטמאַן שוין דאָ געוועזן?

מענעדזשער

איהר מיינט דער „לעטערקעריער"... נאָך ניט.

רעדאַקטאָר

מיט וואס טויג אייך דאָס ניט „פּאָסטמאַן", מיסטער גאָלדמאַן?

מענעדזשער

פּאָסטמאַן קלינגט גרין, מיר לעבען דאָך עפּעס אין אמעריקא! נאַדיר — פּאָסטמאַן! איי, גרינקישאַק, גרינקישאַק!

רעדאַקטאָר

(האָט, קענטיג, ניט געהערט דעם מענעדזשער'ס לעצטע ווערטער). ווען קומט ער געוואוינליך, דער „לעטער־קעריער" אייערער?

מענעדזשער

דער לעטער־קעריער אונזערער קומט אַרום דיעזע צייט.. זאָגט מיר, בעסער, מיסטער קריץ, האָט איהר שוין געלעזען די היינטיגע רווי־טע סמאַטע?

רעדאַקטאָר

איי בעטשו, איך האָב געלעזען... און ביסאַיידס! א ברירה האָב איך? איהר ווייסט הפּנים וואָס דאָס הייסט זיין אַן עדיטאָר? וואו נור א שונד קומט דאָס אין מיין מונד... א גוט וואָרט, כ'לע־בען! ניין?

מענעדזשער

האקט דאָס אריין אין אייער עדיטאָריעל! איהר לאָזט אין ניוועץ געהן אלע אייערע גוטע ווערטלעך, מיסטער קריץ... די לעזער קענען אייך ניט הערען רעדענדיג. שרייבט! הגם אייערע עדי־טאָריאַלס...

רעדאַקטאָר

מען לעזט זיי, מען לעזט! דאָנט טעל מי, איך ווייס... אפשר ניט אַלע, אָבער מען לייענט...

מענעדזשער

(מיט א גנבה'שען שמייכעל, אָבער ניט זעהר דרייסט) דער זעצער און דער קאָררעקטאָר, אודאי... מילא! א שפּאַס... נישט מעהר ווי

א שפּאַס, מיסטער קריץ. אָבער ווייסט איהר וואו עס בעט זיך א ווערטעל מעהר ווי אומעום? טאַקע פאַר מ י י ן פּיידזש. הלואי קען איך אַזוי שרייבען ווי... ווי איהר, מאַך איך אייך עדם וואָס פאַרכאַפּען דעם אָטעם. מיין איננגעל איז א מאַדים אויף דעם אָבער זיין לשון איז ענגליש. ווייסט איהר וואס ער זאגט?..

רעדאַקטאָר

לאָזט דאָס אויף אַנאַנדערסמאָל. מוז זיך זעצען שרייבען מיין עדיטאָריעל, מר. גאָלדמאַן. „וואו נור א שונד — גלייך אין מיין מונד", אָט אַזוי הויב איך טאַקע אָן מיין ארטיקעל... (זעצט זיך שרייבען).

מענעדזשער

רייבט זיי גוט אָן א מאָרדע, די יאָלדעס. אונזער פּובליקום פאַר־לאַנגט דאָס. פון וואַנען נעהמען זיך אָט אַל די סטרייקס אויב ניט פון זיי? און, צווישען אונז זאָל דאָס בלייבען, אונזער סיר־קולײשאָן פּאַלט כסדר, מיסטער קריץ.

רעדאַקטאָר

טו לאָזט זשע שרייבען... לאָמיך נור א מאַך טאָן מיט'ן פּען און זיי צאַפּלען זיך ביי מיר, די רויטע כת־ליצנים, אַזוי שרייב איך טאַקע: „די רויטע כת־ליצנים", א וואויל ווארט ביי מיינע אי־דישקייט... און זיי צאַפּלען זיך ביי מיר ווי.. ווי...

מענעדזשער

ווי דער פיש אויפ'ן סקאוואָראָדע... אויך קיין שלעכט ווערטעל! הלואי בין איך א שרייבער!

רעדאַקטאָר

אַזוי! וואָרום אייך פאַרדריסט, משמעות, וואָס איהר געהט אין גאַנצע שטיוועל, מיסטער גאָלדמאַן... איי! דאָס טאָר ניט אין ניוועיִז געהן... דאָס ווערט גלייך אַריינגעטראַסקעט אין די ווי־צען אריין... בּאָרוויסע שרייבערס! דאָס נעהמט דעם עולם... אין די וויצען אריין — „די גאַנצע שטיוועל" (ער פאַרשרייבט עס)

איצט אָבער מיין עדיטאָריעל. הויב איך אזוי אָן... (ער פאר־רייסט אַביסעל דעם נאָז, טוט זיך אַזוי ווי אַ וויש דעם שטערן מיט דער לינקער האַנד און וויל אָנהויבען שרייבען).

צווייטע ערשיינונג

דער זעצער צו די פאָריגע.

מענעדזשער

וואָס דארפט איהר, גראָדזענסקי?

זעצער

(מיט'ן פנים צום רעדאַקטאָר) קאָפּיע דארף איך.

מענעדזשער

(פאר זיך) מיין הארץ איינגעפאלען... האָב געמיינט ער דארף געלד.

רעדאַקטאָר

איך שרייב... איהר זעהט דען ניט? וואַרט, ווי רוף איך דעם ארטיקעל מיינעם? „נאָמענלאָזע לומפּעריי".

מענעדזשער

נעמען — לויזע — לומפּינגע? לומפּינגע לויזע מיילער וואָלט גע־ווען בעסער, דאכט מיר.

רעדאַקטאָר

מיסטער גאָלדמאַן, איהר שטערט מיר... נאָמענלאָז הייסט ניט לויזע נעמען; דאָס באַטייט... דאָס באַטייט... דאָס איז דייטש, פארשטעהט איהר, אויף אידיש לאָזט זיך דאָס שווער פארטייטשען, עס וועט שוין זיין אָלראייט.

זעצער

(אונטער'ן נאָז) „טייטש", וואָס אויף אידיש קען מען ניט „פאר־טייטשען!" (צום רעדאקטאָר) גיט דעם ארטיקעל גאָר קיין נאָמען ניט...

רעדאַקטאָר

דאָס איז אַ שטאָכוואָרט, גראָדזענסקי; איך קען אייך, איהר ווייט אַ סאָציאַליסט. דאָס מאַכט איהר בכיון אָן גרייזען אין מיינע אַרטיקלען. בכיון! געהט צו אייער אַרבייט!

זעצער

איך וואַרט אויף קאָפּיע.

רעדאַקטאָר

טו שווייגט און לאָזט מיר שרייבען. (ער שרייבט, קאָרטשענדיג דעם שטערן) „וזאת לפנים בישראל" אַזוי האָט זיך פּאַרצייטען גע־פיהרט, שטעהט אין אונזער הייליגער תורה...

זעצער

פאַרנעסט ניט, מיסטער קריין, מיר האָבען אין דעם היינטיגען נו־מער אַן אַרטיקעל — און אַ שאַרפען! — פול מיט אַפּיקורסות...

רעדאַקטאָר

דאָס איז ניט אייער זאַך. אַן אומגליק דאָס איז אַביסעל צו זיין אַ רעדאַקטאָר אין אַמעריקא! ווער עס וויל און ווער עס וויל ניט האָט דאָ אַ מיינונג.

זעצער

טאַקע ניט מיין זאַך, אָבער פאָרט אַזוי: דאָ די הייליגע תורה אונזערע און דאָרטען: על השם ועל משיחו, מיט ננתקה'ן מיט אַלעמען! ווי שיקט זיך דאָס?

רעדאַקטאָר

כ'בעט אייך, טענה'ט ניט צופיעל... ווען ניט די יוניאָן...

מענעדזשער

באַרוהיגט זיך, מיסטער קריין, באַרוהיגט זיך! (קומט צו איהם צו נעהנטער און זאָגט כמעט אויפ'ן אויער) דריי וואָכען ווידזשעס קומט איהם... און טאַקע די יוניאָן!

רעדאַקטאָר

(שרייבט ווייטער) „פאַרצייטען האָט זיך געפיהרט, שטעהט אין אונזער..."

דריטע ערשיינונג

דער לענדלאָרד צו די פּאָריגע.

מענעדזשער

(מיט אַ פריינדליכען שמייכעל) האלאָ, מיסטער ליסטער?

לענדלאָרד

(גראָב) יאַך קים נוך מאַן רעיינט, דעטס־אָל!

מענעדזשער

איהר שטערט דעם עדיטאָר, שטערט איהר, קומט אריין אַ האָרעלע שפּעטער.

לענדלאָרד

שפּעיטער! וואוס האייסט שפּעיטער? יאַך קים נישט שפּעיי־טער, יאַך ווילאיך מאַן רעיינט, דעסטאָל!

רעדאַקטאָר

מיסטער גאָלדמאַן, סעטעלט מיט דעם מאַן און לאָזט מיך שריי־בען.

לענדלאָרד

יאַך׳ל ווארטען ביז איהר שראַבט מיר׳ון דוס קוויטעלע, דוס טשעקעל אַפּ׳ען ביינק. לוזט איהם שראַבען, מיסטער געלדמאַן. (ער זעצט זיך אַוועק זעהר ברוימליך).

רעדאַקטאָר

(שרייבט און לייענט מיט געשמאַק — שפּיעלענדיג פאַר זיין עולם) „פּארצייטען האָט זיך געפיהרט, אַזוי שטעהט אין אונזער הייליגער תורה..."

לענדלאָרד

דוס ווען עמיץ הוט געוואוינט אין אַ האַוזקע הוט ער געצוהלט זאַן רעיינט... דוס, מיסטער, שראַאַבט שפּעיטער, אצינדער שראַאבט דוס קוויטעלע, דוס טשעקעל... יאַך הוב נישט קאַן צאַאט צי ווארטען... איהר זאגט בא מיר נישט קאַן בן יוחיד.

מענעדזשער

קומט שפּעטער אַ ווייליננגע. איך ערוואַרט אַ גרויסע סומע געלד

מיט דער פּאָסט... מיט דער נעכסטער מייל... א חוץ דעם ברענגט מיר באַלד א מאַן פון דער... פון דער פּראָווינץ געלד... גראָ״סע געלד, אין די שווערע הונדערטער אריין...

לענדלאָרד

יאָך וויל נישט קאַן הונדערטער און קאַן טויזענדער... יאָך בעייט נישט מעיין ווי מאַן געלד, דעטסאָל. וואָס איזמאַאַנס איז מאַאַנס, און מעיין פּאַרלאַנג איך נישט.

מענעדזשער

ווילט איהר וואַרטען, מיסטער ליסטער, וואַרט. איהר זייט ביי אונז א גוטער גאַסט.

לענדלאָרד

גוט. וואַרטעך. (ער באַזעצט זיך נאָך ברייטליכער אויף זיין שטול).

פיערטע ערשיינונג

פריילין וואַלענטין צו די פאָריגע.

פריילין

קען איך זעהן דעם הערן רעדאַקטאָר? (דער לענדלאָרד טוט א שמייכעל צו איהר; זי ווענדעט זיך צו איהם) איך האָב די עהרע מיך צו אינדערדוסען, מיסטער...

לענדלאָרד

...ליסטער, מיס, ליסטער...

פריילין

אהא! ליסטער. וועל, הערר רעדאַקטאָר...

לענדלאָרד

יאָך בין נישט קאַן עדיטאָר, מיס! יאָך קים נוך מאַן רעיינט. דעטסאָל... רעייט צינים (ווייזט אָן אויף מר. קריץ).

רעדאַקטאָר

(אראָבנעהמענדיג די אויגען פונ׳ם פּאַפּיער) אָלראַיט, אָלראַיט! וואָס איז אייער וואונש, פריילין...? אייער נאָמען?

פרייליין

וואלענטין, הערר רעדאקטאָר! (זי פאַרבייגט זיך). איך מיין... אָבער איהר האלט אין שרייבען...

זעצער

און איך וואַרט אויף קאָפּיע...

רעדאַקטאָר

שטערט ניט, גראַדזענסקי! געהט, איך שיק אייך באַלד אריין... דערווייל וואַרפט אָפּ, וואָס איהר האָט פונ׳ם לעצטען נומער.

זעצער

לאָז זיין אַזוי צו רפואה. (געהט אפּ).

רעדאַקטאָר

אלזאָ, ליעבעס פרייליין... איהר זעהט דאָך, איך בין שטאַרק פאַר־נומען... דער זעצער וואַרט... אויף קאָפּיע, אויף מאַנוסקריפּט...

לענדלאַרד

אין יאַך וואַרט אויף רעיינט...

פרייליין

וועל אייך ני שטערען. בין דעליקאַטעסע גענוג צו זעהן, אז איהר האָט ניט קיין צייט, אָן עדיטאָר... א קליינינקייט אָן עדיטאָר! שוטקאַ לי עטאָ! אַ מאַן, קאָטאָרי וועלכער האָט אויף זיין קאָפּ אַלע גאָסודערסטווענע מענשען, און צייטונגען, און טאַבעלנע טעג, און קהל׳שע זאַכען און... ווי רופען זיי דאָס? וואָנט׳ס און עד׳ס... היינט דיכטען און פּראָזאַ און אלע מדינות... זיינע מינוטען — איִסנערעכענט אויפ׳ן וואָהר... כ׳מיין אויפ׳ן האָר... שטערען איהם? שטערען איהם אין שרייבען, אין סאָטשיניאייען זיין פּע־רעדאָוויצע בעת אַ וועלט וואַרט אויף זיין וואָרט...

לענדלאַרד

אין יאַך אויף מאַן רעיינט...

פרייליין

(מיט אַ ביטערען קוק אויפ׳ן לענדלאָרד) אזאַ מאַן שטערען? ניין, נאָט איי! באָזשע סאָכראַני! איך קען אַ יונגען שרייבער, קאָ־טאָרי וועלכער איז די רעכטע האַנד פון דעם „קול מבשר”...

לענדלארד

וואוס? א כלי מיט וואסער? ווי האייסט?

רעדאקטאר

(כאפט א שטיקעל פאפיער און שרייבט:) קול מבשר — א כלי מי ז וואסער! וואויל ווי די וועלט! אין די וויצען אריין! אבע. וואס איז אייער וואונש, פריילין? מאכט דאס קורץ.

פריילין

מיין וואונש?

רעדאקטאר

(פאר זיך) ווען ניט איהר פנים'על וואלט איך איהר גלייך אפ פראוועט. (צו איהר) וואס קען איך פאר אייך טאן?

פריילין

(אזוי ווי באליידיגט) פאר מיר טאן? איך קום ניט נאך טשאריטי. ליעבער הערר רעדאקטאר! איך בין, סלאווא באגו, ניט קיין ארע־מע גרין־הארן! איך דארף פון אייך קיין זאך ניט עניהאל... האב אייך נור געוועלט זאגען... אבער איך וויל אייך נישט שטערען... האב פיינט צו נאדאיעדאייען... פארטיקעלע א מאן, קאטארי וועל־כער האט אויף זיך, ווי מיין ברודער... אה, איהר דארפט קענען מיין ברודער... א העכסט געבילדעטער מענש, שטודירט פון יאה־רען אין כארקאווער אוניווערסיטעט... א פיין יאנג מען... וואלט אייך דערצעהלט וועגען איהם א זעהר אינטערעסאנטע געשיכטע מיט א דאמע מיט... א גאנצען ראמאן... נור איהר זייט ביזי...

זעצער

(צוריק אריינקומענדיג) קאפיע, מיסטער קריץ! איך ווארט נאך אלץ אויף קאפיע...

לענדלארד

אין איך ווארט אויף רעיינט! (צום מענעדזשער) אייער מאן מיט די געלד איילט זיך נישט צו קימען...

רעדאקטאר

(צום זעצער) געהט, ווארפט אפ, ווארפט אפ!

מענעדזשער

(לאַכענדיג) אַ מאַנסביל — וואַרפט אָפּ! ניט שלעכט, כ'לעבען! האָקט דאָס אויך אַריין אין די וויצען, מיסטער קריץ!

רעדאַקטאָר

(פאַרשטעהט ניט; צו פרייליין וואַלענטין:) אלזאָ, ליעבעס פריי־ליין?

פרייליין

יע, אַ פיינער ראָמאַן, גאַנץ כאַרקאָוו האָט דערפון גערעדט. נאָר איהר זייט ביזי און אייך קען מיין ברודער אין קאָפּ ניט קריכען איצט... אָבער איהר מעגט וויסען, אַז ער קען פראַנצויז, און ספּענ־סער און באָקל, און די געהיימניסען פון פּאַריז, און אַלגעברע, און טראָגט אַ בלוזע און גילדערנע ספּעקטאַקליעס... איז, זאָגט מיין ברודער, זאָגט ער... אַרום וואָס רייד איך... שרייבט, הערר רע־דאַקטאָר... שרייבט... אייך דאַרף מען ניט שטערען, אַ מאַן ווי אייך, איינעם קאַטאָרי וועלכער איז, ווי מיין ברודער... יע, ווי מיין ברודער זאָגט, אַן אַטלאַסענער מענש וואָס טראָגט אויף זיך אַ וועלט...

זעצער

איהר מיינט ער איז אַן אַטלאַס, דער גאָט אַטלאַס, ניט אַ מענש!

פרייליין

זעהט נור זעהט! אַ מענש אין אַ פאַרטוך, פול מיט סאַזשע און דאָס וויים!

מענעדזשער

(שמייכלענדיג) אַמעריטשקאַ־גנב!

רעדאַקטאָר

(אַביסעל אונגעדולדיג) וואָס אַלזאָ ווינשט איהר, מיין פרייליין?

פרייליין

וואָס זאָל איך ווינשען? איך ווינש אייך אַלדאָס גוטס פאַר אייער לעצטע סטאַטיא, אייער, ווי מיר זאָגען אין כאַרקאָוו... נור וואָס מאַכט עס אייך אוים ווי מיר זאָגען... לאָזט מיר, גרויסער מאַן

(זי ווערט זעהר ענטוזיאַסטיש) אייך אַ דריק טאָן אייער האַנד (זי נעהמט איהם אָן פאַר די רעכטע האַנד און לאָזט זי ניט אַרויס ביז'ען סוף פון איהר רעדע) אייך דאַנקען פאַר אייער אַסטראַ־אומנע פּע־רעדאָוויצע, יעדער וואָרט אַזוי קלוג, אַזוי סמאַט... אַזוי... אַזוי... (זי קומט נעהנטער צו איהם; מיסטער קריץ זעהט אויס צודרומשקעט, שטאַרק...)

רעדאַקטאָר

ליעבסטע פריילין! איך... מענשען... נאָך אימיצער קומט...

פריילין

אָה, איך וואָלט אייך...

פינפטע ערשיינונג

פרוי קריץ צו די פאָריגע.

פרוי קריץ

וואָס וואָלט איהר? אפשר איהם קוסען? פאַר אַלעמען אין די אויגען פאַר איהם אין באַק?

מענעדזשער

(צום זעצער) „פאַר מיר אין די אויגען, פאַר איהם אין באַק!“ זאָגט איהם — אין די וויצען, אין די וויצען! גראָדזי!

פרוי קריץ

קיין בושה און קיין חרפה ניטאָ! אַ פולע רעדאַקציע מיט מענ־שען...

פריילין

אָבער מאַדאַם! גאָט איז מיט אייך!

פרוי קריץ

רעד מיר נישט מיט גאָט, סמאַרעלניצע, דו! איך וויל פון דיר קיין דרשות ניט. (צום מאַן, פון דער זייט:) און ביי איהם איז אַלץ סחורה... פיש — אַלץ וואָס קומט אַריין אין זיין נעץ!

זעצער

אין די וויצען, מיסטער גאָלדמאַן (צום מענעדזשער) זי רעדט בעסער איידער ער שרייבט.

פרוי קריץ

און אויף וואָס ער פּאַרקוקט זיך דאָס! די אויגען זאָלען איהם ארויסקריעכען! א שטיק פלייש מיט צוויי אויגען! א סטראַ־שידלע אין ספּאַקולען! ארוים פון דאַנען! הערסטו? ביי מיר ווערט דאָס קורץ און שאַרף...

פרייליין

(האַלב וויינענדיג) אָבער מאַדאַם...

פרוי קריץ

מאַדאַמעווע מיר ניט און גנאה! ארוים אז קיין דוך זאָל פון דיר ניט בלייבען! (צום מאַן) מיט דיר, טייערע כלי, רעכען איך זיך אָפּ אין דערהיים. (זי נעהמט אָן מיט וואַלענטין פּאַר'ן האַנד און שלעפּט זי אַרויס) קום, קום... דאַנק גאָט וואָס דאָ זיינען דאָ פרעמדע מענשען. (זי גיט אַ ספּעציעלען קוק אויפ'ן לענדלאָרד).

לענדלאָרד

יאַך ווארט אויף מאַן רעיינט, דעטסאָל.

פרוי קריץ

ארוים פון דאַנען! (זי און פרייליין וואלענטין אב).

מענעדזשער

אַ פאַיט, אַ פאַיט!

זעצער

א ווייבערשער דועל, בנאמנות! געהן זעהן... (ער און אַלע אַנדערע געהען האַסטיג אַרוים, חוץ דעם רעדאַקטאָר און דעם לענדלאָרד).

לענדלאָרד

הערטס! יאַך קען נישט ווארטען! שראַבט אויף דום קוויטעלע אין לוזט מעך געהן אטענדען מאַן ביזנעס.

רעדאַקטאָר

מיין מענעדזשער וועט מיט אייך שוין סעטלען... (פאר זיך) איך

זעה איך וועל היינט שוין ניט אויפשרייבען מיין עדיטאָריעל. פון דער פּלונית'טע וועל איך מיר מסתמא שוין אויסריכטען א מפּלה... אויף שונאי ישראל געזאָגט געוואָרען... דער גוטער יאָהר דאַרף איהר אריינברענגען דוקא ווען די יונגע דאַמע ווערט צושמאָלצען...
(געוואָהר ווערענדיג דעם לענדלאָרד) ווי ווערט מען פּטור פון איהם? (צום לענדלאָרד) סעיי, מיסטער ליסטער! דער מענעדזשער...

לענדלאָרד

ווי איז ער ערגיץ, אַ־ער מענעדזשער?

רעדאַקטאָר

ער איז געווים אויפ'ן סטופּ! זוכט איהם אויף און לאָז ער מיט אייך סעטלען.

לענדלאָרד

יאַך געה!

רעדאַקטאָר

דער מאַן, אויף וועלכען ער וואַרט, מוז באַלד קומען. מיר קריגען אריין היינט א גרויסע סומע געלד... אַ גאַנצען אייגענס, פאַר־שטעהט איהר...

לענדלאַרד

האָלט'ס פאַר זיך. יאַך וויל נישט מעיין ווי מאַן רעיינט... אין 'כמיז אַך זוגען, יאַך מיז מאַן רעיינט אובען רעגעלע. אָלע חדש. רעגעלע, מיסטער עדיטאָר! הערטס? 'ך גאַיי זיכען אַ־ער מע־נעדזשער... (געהט אָפּ).

רעדאַקטאָר

ברוך שפּטרני (ער ציהט אָפּ דעם אָטעם) איצט שרייב איך. (ער טוט אַ מאַך מיט'ן פּעדער) „...אַזוי שטעהט אין אונזער הייליגער תורה..."
(פאַרטראַכט זיך) ווי, און וואס זאָג איך ווייטער? אַן אומגליק אביסעל! אמאָל פלעגט מען קענען שרייבען ווי עס האָט זיך גע־שריבען. היינט איז יעדער משה א מבין, א בעל מפונק און אַ... אַ קריטיקער! און דאָס האָבען אלין די רויטע אָנגעמאַכט... ווער וויים וואָס דאָס איז פאַר אַ מאַן, וועמען גאָלדמאַן ערוואַרטעט דאָ

היינט. ער טראָגט זיך ארום מיט סעקרעטען. א שותּף מיט געלד וואָלט געקענט צוניץ קומען. אָבער... (לייענט) „אזוי שטעהט אין..."

מענעדזשער

(קומענדיג צוריק) אייער אַלטע האָט זיך נאָך די יונגע דאַמע נאָכגעיאָגט ווי דער פויער נאָכ'ן גנב — איבער'ן גאַס... אויף לייטישע געלעכטער... טוט אָן אייערע גילדערנע ספּאַקולען. ער קומט באַלד, טוט זיי אָן, טוט אָן.

רעדאַקטאָר

צו וואָס ? איך קען מיט זיי ניט שרייבען.

מענעדזשער

איהר דאַרפט מיט זיי ניט שרייבען, איהר דאַרפט נאָר אויסזעהן אביסעל לייטישער (מען קלאַפּט) דאָס איז ער.

זעקסטע ערשיינונג.

א פּעדלער צו די פּאָריגע.

(דער רעדאַקטאָר און דער מענעדזשער זיצען כלומר'שט שטאַרק פאַרטאָן אין זייער ארבייט, דער ביי א לעדזשער און יענער ביי זיין אָנגעהויבענעם ארטיקעל. נאָך א קלאַפּ. די טיר עפענט זיך לאַנגזאַם).

רעדאַקטאָר

אריין ! קאָם אין !

פּעדלער

גוד מאָרנינג, זשענטעלמענס ! (ער נעהמט אראָב פון זיך א קעסטעלע וואָס איז געהאנגען איבער זיין פּלייטשע אויף א שווארצען רימען) האָב פאַר אייך אַן ארטיקעל, וואָס רעד איך ? אַן ארטיקעל ? ניין, אַן אנטיקעל, אַן אמתיען אנטיקעל. קריגט ניט אזא קוואָליטי, אזא סטאַייל, אזא פּעסטקייט אין קיין סטאָר אין דער וועלט נים. איך פאַרקויף עס בחצי חנם... זעכציג פּראָצענט אונטערן קאָסטפּרייז, בלויז ווייל איך וויל אייך האָבען פאַר שטענדיגע קונדען. איך גלייך ניט...

מענעדזשער

(נאָרוואָס צו זיך געקומען פון דער אונגאַנגענעהמער איבעררעשונג) מיר דארפען נאָרנישט, קיין שום זאַך ניט.

פעדלער

(ווי ניט איהם מיינט מען דאָס) איך גלייך ניט צו ריהמען מיין סחורה; וועל איך חלילה ניט איינרעדען...

רעדאַקטאָר

(אויסטוענדיג די גילדערנע ברילען) מי האָט אייך געזאָגט אז מיר דארפען קיין שום זאַך ניט.

פעדלער

(ווי פריהער) וועל איך ניט איינרעדען, בליוו מי! באַטראַכט מיט אייערע אייגענע אויגען די סחורה מיינע.

מענעדזשער

געהט געזונדערהייט, געהט! איהר ווייסטעט אייער צייט.

פעדלער

איהר דארפט נאָר באַטראַכטען די סחורה, זשענטעלמענס, ועט איהר זעהן.

מענעדזשער

(הויבט זיך אויף) געהט, ר׳איד, אויב ניט רוף איך א פּאָליסמען, איהר הערט?

פעדלער

אז איהר בייזערט זיך... נו, געה איך. איבער געוואַלט טוט מען מענשען קיין טובות ניט. (געהט און קעהרט זיך אום). אָבער א קוק טאָן מעגט איהר דאָך, זשענטעלמענס! גיט א קוק! וואָס וועט איהר דערצו צולעגען?

מענעדזשער

איך זאָג אייך: געהט! זאָג איך אייך, איהר הערט?

פעדלער

אוראי געה איך. מיין דאָ ניט צו בלייבען אויף נאַכטלעגער. ווילט

איהר ניט, ווי איהר ווילט זיך. (געהט און זאָגט, צומאַכענדיג די טיר:) דאָ פעהלט, קלער איך, „קעש". אַ גוטען.

רעדאַקטאָר

ווען האָט איהר דאָ עקספּעקטעט?

מענעדזשער

ניט אָט דעם שווארץ יאָהר — איי בעטשו! איך ערווארט אַ מאַן. אַ גרויסען עדווערטייזינג איידזשענט, פון גאָר די גרויסע. ער שרייבט מיר, ער מיינט אריינצולעגען געלד אין אונזער ביזנעס. וויל אונז העלפען ברעכען די רויטע קרעמעל... הינטער איהם שטעהט אַ גרויסער מאַנופעקטשורימען, וואָס האָט פיינט די אונ־טערהעצער, די טראַבעלמאַכער, די רויטע! (אַ קלאַפּ אין טיר) דאָס איז ער! צוריק די גילדערנע ספּאַקולען טוט אָן. בלייבט זיצען. קאַם אין!

זיעבעטע ערשיינונג.

אגענט זוך צו די פאָריגע.

(דער רעדאקטאָר מיט'ן מענעדזשער זעהען אוים זעהר באשעפטיגט און וואַזשנע).

אַגענט זוך

גוטען מאָרניען, מיינע הערען! איך האבע די עהרע מיך פאָר־צושטעלען: מיין נאמען איז זוך, אנאסטאזיוס זוך! יאוואָהל!

מענעדזשער

(פאר זיך) ער רעדט ווי אַ אידישער אַקטיאָר! (צו איהם) מר. גאָלד־מאַן הייס איך און אונזער עדיטאָר קענט איהר געוויס פון זיינע שריפטען.

רעדאַקטאָר

(דערלאנגט מיסטער זוך אַ האַנד) גלעד טו מיעט יו, סער!

אַגענט זוך

איהר נאמען איזט מיר ניכבט אונבעקאנט. איך בין היער פער־

העלטניסמעסיגער ווייזע איין פרעמדער, אָבוואָהל די צייטונגס־
וועלט קענט מיך. דעננאָך איזט מיר איהר ווערטהער... ווער־
טהעס נאַמען באַקאַנט. יאַוואָהל!

רעדאַקטאָר

נעהמט פלאַץ, מיין הערר!

אַגענט זוך

איך דאַנק־קע העפליכסטערווייזע. איך ווערדע מיך קורץ פער־
פאַסען, יאַוואָהל! איך טהוע צו איהנען קאָמען וועגען איין זעהר
וויכטיגעס געשעפט. מיינע אַבזיכט איזט, זאָ צו זאַגען, געוועזען
וואָרדען וואַר איהנען דען... דאַס פאָרשלאַג צו מאַכען, איך וואָל־
טע זאַגען, איהנען די אָפּפּאָזיציאָן צו מאַכען טהון (עס הערען זיך
טריט דרויסען).

רעדאַקטאָר

(צום אַגענט) ענטשולדיגט, מיין הערר! (צום מענעדזשער) גאָלד־
מאַן! דאָס איז די יונגע פאַרשוין צוריק... איך געה אריין צו
די זעצערס! (ער געהט אַרוים דורך די טיר לינקס).

אַגענט זוך

וואַס איזט דאַס?! (ער זעצט זיך האַסטיג אַריבער אין דעם רע־
דאַקטאָר׳ס שטול).

אכטע ערשיינונג.

פרייליין וואַלענטין צו די פאָריגע.

(זי קומט אַריין פארוויינט, מיט רויטע אויגען, וועלכע זי האַלט תאַלב
פארדעקט מיט אַ טיכעל. זי טוט זיך אַ זעץ אַנידער אויף א שטוהל ביין
וואַנט רעכטס אין וויינענדיגען קול, צווישען שלוכצעס, ווערענדיג וואָס
ווייער אַלין מעהר אויפגערעגט).

פרייליין

(מיינענדיג אַז דאָס איז דער רעדאַקטאָר, זאָגט זי צום אַגענט) מיין
הערר! מיר איז סאָוועסטנא דאָס צו זאָגען, אָבער אייער ווייב
איז אַ וויעדמאַ, אַ האַניבאַל, אַ ראַגינע. (זי וויינט).

אגענט זוך
אבער, ליעבעם פריילײן!
פריילײן
יע, אבערט נאָך! (װײנענדיג נאָך שטאַרקער) אזוי צו באַליידיגען א יונגע פּערזאָן! איהר, א מאַן, קאָטאָרי װעלכער... צוצוזעהן װי מען מאַכט פון מיר איש און בלאָטע... (מיט כעס) מײן העדר, איהר זײט אַליין א לומפּ, א נעגאָדיאַי, אַ... אַ...
אגענט זוך
פריילײן, װאָס װאָגען זי מיר צו זאָגען? װי אונטערשטעהען זי זיך צו אינסולטירען מײנע פרוי? (צום מענעדזשער) װי נענט מאַן זאָ־װאָס, העי? (ער שפּרײזט אַרום אין צימער).
מענעדזשער
דאָס איז א טעות, העדר זוך! (פּאַר זיך) איהם זאָגען דעם אמת, קען מען אויך ניט, װאָס װעט ער דעַקען פון אונזער רעדאַקטאָר? (צו מיסטער זוך) די דאַמע... דאַמע איז א האָרעלע ניט ביין זינען... זי װײס ניט... װײס ניט װאו זי איז...
פריילײן
װאָס—עיי!? בין שוין ביי אייך משוגע אויך! איינער ערגער פאַר דעם אנדערן... א באַנדע גאַלאָװאָרעזען... דאַרף דאָס דער שלימזל אַרײנפיהרען א מענשען אין אַזא בלאָטע... (געהט אַרוים װײנענדיג, מיט'ן טיכעל איבער די אויגען).
אגענט זוך
(זעהר אויפגערעגט) איך בין ניכ־כט היערהער געקאָממען אום איג־סולטירט װערדען... װאָרדען צו זיין. פערשטעהען זי מיכ־ך? אדיע! (טוט אַ האַק מיט'ן טיר אַרויסגעהענדיג).
רעדאַקטאָר
(קומט צוריק; זוך שרייט איהם אַריין אין פּנים „אַדיע!" בעת ער געהט אַרוים און זיי טרעפען זיך אין טיר) א שעהנע בורעניגע, כ'לעבען! דער לענדלאָרד אין כעס, מײן װײב אין כעס, די יונגע פּאַרשױן אין כעס, דער מאַן אין כעס, אפשר דער זעצער אויך אין

כעם און דער ארטיקעל נאָך אַלץ ניט געשריבען... מיין גאנצע הארץ וועל איך אויסלאָזען צו די רויטע...

מענעדזשער

(פארכמורעט) כדאיער אין רעדאקציעס קיין ליעבעס ניט צו שפּיע־לען, הערר גריץ!

רעדאַקטאָר

וואָס? וואָס זאָגט איהר?

מענעדזשער

און אז מען האָט ראָמאנען ברענגט מען די באטרעפענדע ניט אין אָפיס... זעהט מען זיך אַנדערסוואו!

רעדאַקטאָר

וואָרום איהר מיינט טאקע...

מענעדזשער

אודאי מיין איך... פאַרוואָס קומט קיינער צו מיר ניט...

רעדאַקטאָר

רעדט ניט אזוי הויך... מען קען אייך דאָך הערען... זייט איהר משוגע?... ער שרייט! מען קען הערען א מייל פון דאנען...

ניינטע ערשיינונג.

לענדלאָרד ליסטער און פרוי קריץ.

פרוי קריץ

און איך האָב טאקע אַלץ געהערט! האָב עדות, מיין שעהנער יונגער מאנטשיק, קום אהיים! א איד מיט א באָרד און פאות און... ווארט נור, ווארט!

מענעדזשער

מאכט ניט קיין ספעקטאקעל, מאכט ניט! געהט בעסער אהיים, געהט, פרוי קריץ!

פרוי קריץ

קום, ליעבהארציגער מאן מיינער, קום! וועל דיר שוין ווייזען ווער עלטער איז, ווארט!

מענעדזשער

(פאר זיך) מי וויים, מי וויים! א בלינדער קען דאָס זעהן...

פרוי קריץ

וואָס בורטשעט איהר דאָרטען אונטערן נאָז... אליין אויך א שעהנער תכשיט! מי קען אייך... (דער רעדאקטאר הויבט אָן צו געהן, פרוי קריץ איהם נאָך).

מענעדזשער

נעה אויך. איבערגעפיהרט א פיינעם דיעל, בנאמנות. וואס טוט מען איצט?

לענדלאָרד

מע צוהלט די רעיינט!

פ אָ ר ה אָ נ ג

מאַן און ווייב:

א שפּאַס

מאַן און ווייב

א פאַמיליענבילד אין 1 אַקט.

(אדאפּטירט פון פראנצויזיש פון אברהם דרייפוס).

פּערזאָנען:

עמיל ראָזענבערג, א יונגער מאַן, מיט א ווייכען, שטילען, רוהי־גען כאַראַקטער.

לינאָ, זיין ווייב, שעהן, יונג און זעהר א האַסטיגע נאַטור.

(עס איז שפּעט פון אָוועגד. — די סצענע שטעלט פאָר. אַ פּאַרלאָר אין אַ הויז אויסען שטאָדט. פוןביידע זייטען צימער זייגען דאָ טירען, אין דעם הינטערגרונד — אַ קאַמין, אין וועלכען עס ברענט א פייער. דערביי שטעהען צוויי לעהנשטולען. — איבערן קאַמין זעהט זיך אַ וואַנדזייגער, וועלכער ווייזט אויף 11. — אויף אַ טישעל אָן אַ זייט זעהט זיך א וויינפלאַש, אַ פּאָר גלעזער און א קאַראַף מיט וואַסער, דערביי אַ וואַסער־גלאָז. — לינא שטעהט אין פענסטער און רעדט מיט א שכנ'טע פון דרויסען. די שכנ'טע זעהט מען ניט).

לינא

יע, מיין פריינד, אָט אזוי האָט זיך דאָס יעדער זיין פּעקעל. ווער וואָלט דאָס געגלויבט אויף אזא סאָלידען ביזנעסמאַן ווי אייער מאַן איז! פּינאָקעל! דאָס הרג'עט זיי אַלעמען אוועק... א כשוף איז עפּעס דאָ אין דעם! פּיער נעכט אַלע וואָך?‏ ?! מסתמא ביז איינס, ביז צוויי א זייגער... אמאָל ביז דריי? מיינער, למשל, נעהמט א קאָרט אין האנד ניט אריין... וואס שמייכעלט איהר? איהר גלויבט ניט? הלואי וואָלט ער געשפּיעלט... ניט פיעל... פארשטעהט זיך... די, וואָס שפּיעלען גאָר ניט, זיינען אמאָל ערגער ווי די, וואָס שפּיעלען... האָב נאַר־וואָס געקאָנטשעט לייי־ענען א ראָמאַן.. אזא מין צדיק וואָס שפּיעלט ניט אין קיין שום שפּיעל, האָט אָנגעמאַכט א שעהן ביסעל צרות! אמאָל איז גליי־

בער אז א מאנסביל זאָל שפּיעלען אין קאָרטען מיט מאנסבילען אײדער... איהר פארשטעהט דאָך וואָס איך מײן... מיט װײבער. מײנער איז קײנמאָל אזוי שפּעט ניט געקומען אהײם... מיר זײי־נען ערסט א האלב יאָהר נאָך דער חתונה... אין דעם בוך, וואָס איך האָב געלײענט, האָט זיך דאָס אָנגעהויבען אויף מאָרגען, אָט ווי איך זאָג אײך: אויף מאָרגען! ווער קען אין זײ ארײנקריעכען... מײנער איז, דאכט זיך, ניט פון דעם סאָרט.. ער וואָלט גאָר מורא געהאט זיך צו פארפּלאָנטערן מיט אימיצען... ווײך ווי פּו־טער און זעהר א געזעצטער מענש. ווײסט איהר? אײער בלוז־קעלע געפעלט מיר... קלײדט אײך זעהר גוט... איך האָב עס אויפ׳ן געווײסען וואָס איך האלט אײך אזוי לאנג... עס איז שוין נאָך עלף... ווער ווײס וואו ער קען זײן... איהר זײט מסתמא שוין געוואוינט דערצו, נײן? זײט שוין לאנג פארהײראטהעט... זעקר יאָהר! בין אײך פון הארצען דאנקבאר פאר אײער געזעלשאפט. שרעק־ליך צו זײן אלײן אויפ׳ן לאנד... אײערע עופּעלעך שלאָפען שוין לאנג, נײן? איהר זײט געווים אלײן אויך שוין שלעפעריג און איך האלט אײך. נו, האָט אײך א גוטע נאכט. א שעהנעם דאנק אויך. וואָס׳ארא שעהנע יעסען־נאכט! גוט־נאכט, גוט־נאכט!

(פּויזע)

אהא! דער תכשיט מײנער קומט, דאכט זיך?

עמיל

(קומט אַרײן מיט אַ געמאַכטע מונטערקײט. ער זעהט אויס פארסאַפּעט, רויט אין פּנים, האָט אַ מיסטעריעזען, שולדיגען בליק. ער געהט תאסטיג צו לינאַ׳ן און וויל זי אַרומנעהמען).

לינא

(איהם אָבשטויסענדיג מיט כעס) לאָז מיך צו רוה, דו הערסט? אויס מחותנים! ! (זי זעצט זיך אוועק מיט א שטיק אויסנײיהערײ אין דער האַנד).

עמיל

(שטאַרק פערוואונדערט) אָבער לינא!

לינא

(נאָך מעהר אויפגערעגט) ווייל דיך ניט קענען און ניט וויסען, מיין שעהנער יונגער מאַנטשיק! אוים־חבר! אַ סוף!

עמיל

(מיט אַ כעס פון זיין זייט, גיט ער איהר אַ בליק פול פון.. כמעט פעראַכטונג און, פּרויסנעהמענדיג אַ צייטונג פון קעשענע, זעצט ער זיך לעזען).

לינא

אַ צייטונג לייענסטו? אזוי? אָה, דאָס איז ווירקליך גוט! מעהר ווי דאָס האָט ניט געפעהלט, בנאמנות! און דו שטעלסט זיך טאַקע פאָר, אַז איך בין דאָ געזעסען דעם גאַנצען אָוועגד ווי אַ וואָלקאַנאַק, איינע אליין, פאַרלאָזען און פאַרגעסען, ביז דו ועסט אַזוי פריינדליך, אַזוי ליעבענסווירדיג, אזוי געוטהאַרציג זיין צו קומען אַהיים, זיך פאַרדרעהען אָן אַ זייט, מיט׳ן רוקען צו דיין פאַרלאָזענע, אונגליקליכע ווייב, דער קאָפּ באַגראָבען אין אַ צייטונג... און איך האָב, קלערסטו, קיין שום אנדער זאַך ניט צו טאָן ווי צו זיצען און זיך צו לאָבען מיט... דיין לייענען פאַר זיך...

עמיל

(וויל אויפשטעהן).

לינא

(מיט אַ שרעקליכען כעס) בלייב זיצען! קיינער דאַרף דיך ניט! פון מיינטוועגען מעגסטו אַזוי זיצען ביז מאָרגען אין דער פריה. אודאי! ארומגעלאָפען דעם גאַנצען אָוועגד — דאַרף ער זיך אָבּ־רוהען! געוויס! אַרום וואָס איז דאָ צו רעדען?

עמיל

(וויל רעדען).

לינא

(האַסטיג, איהם ניט לאָזענדיג קומען צום וואָרט) פאַרדריסען פאַר־דריסט מיך גור, וואָס איך האָב אויף דיר געוואַרט ביז צוועלף־

אזיינער ביי נאכט... וואָס קוקסטו אויף דיין אוהר? זי קריעכט אַלעמאָל ווען דו האָפסט קומען אהיים אין מיטען נאכט.

עמיל

(מיט א ביטערען שמייכעל, קעהרט אָפּ זיין פּנים, עפּעס אַזוי ווי פאַרצווייפעלט).

לינא

זעה, ווי ער ווארפט זיך! נו, איז ניט אַזוי שפּעט! האָב איך ניט געטראָפען אין צעהן מינוט! איבערהויפּט, וואָס מאכט דיר אוים ווי שפּעט עס איז! צוועלף, איינס, צוויי, דריי אזיינער — וואָס איז דיר דער חילוק? כל זמן דו לעבסט זיך א גוטען טאָג...

עמיל

(מאַכט אַ באַוועגונג ארויינצורעדען אַ וואָרט).

לינא

שטיל! ער רעדט נאָך! א ווייב! נו, אודאי! וואָס איז א ווייב? זי זיצט, און ווארט, און קווארט, און בלענט די אויגען, ארויסקוקענדיג צי געהט ניט איהר ליעב־הארציגער מאַן... דאָך עפּעס א געבורטסטאָג, א כלומר׳שט געליעבטע פרוי׳ס געבורטס־טאָג! נו, לאָז זי זיצען אין קאליישע. לאָז זי ווארטען.

עמיל

(האָט צוגעשמייכעלט זינט זי האָט דערמאָנט דעם וואָרט „געבורטס־טאָג).

לינא

איי, ביסטו שעהן ווען דו שמייכעלסט אונטער! א שמייכעל — א מחיה, כ׳לעבען! צוקער זיס, אין אַלע גליעדער צונעהט דאָס... דאָס איז געוויס דערזעלביגער סאָרט שמייכעל, וואָס דו האָסט אויפ׳ן וועג אהין־צוצו, אָדער אהער־צו־צו געגעבען דיין פריילין ראָזענקראַנץ...

עמיל

(בליקט זי אָן, מיטליידיג, ענטשלאָסען איהרע ווערטער אין גאַנצען צו איגנאָרירען).

לינא

וואס מאכסטו אזא רחמנות־מיענעלע! אה, איך קען דיך... וואלט איך דיך אזוי נים געקענט ווי איך קען דיך, גלויב מיר!

עמיל

(שאקעלט מיט'ן קאפ; ווי איינער זאגט: „גלייכער צו שווייגען").

לינא

דו לייקענסט, הא? ארויסגעוואָרפענע ארבייט מיר ווערסטו ניט נארען, מיין ליעבסטער! איך קען אויך א י ה ר, די פארשיינ־דעלע דיינע...

עמיל

(וו,ל אריינרעדען...)

לינא

ברענג ניט אין כיוועץ קיין רייד! איך ווייס אלע דיינע היפאָ־קריטישע תירוצים. דערצעהל נור מעשיות! גלויב מיר, איך בין א מבין אויף דיינע קאמפאזיציעס... קען אויסענווענינג די ווערטער מיט די מוזיק, מיין ליעבסטער. נאטירליך! דו ביסט געווען אויף א וויכטיגע פארזאמלונג... וואו איז דאס ערגיץ פאראן א וויכטיגער מיטינג, וואס קען אויסקומען אהן דיר? צו מיין געבורטסטאג דארף זיך, פארשטעהט זיך, מאכען א מיטינג, א וויכטיגער מיטינג, א העכסט וויכטיגער מיטינג...

עמיל

(לאכט כמעט אריין אין זיין צייטונג).

עמיל

אה, געוויס, געוויס! דאס איז א שפאס ביי דיר, א געטליכער שפאס! וואס קען זיין אמיזאנטער ווי צו ערגערן א באטראגענע ווייב, ווי איהר צו שיטען זאלץ אויף די וואונדען! אויף פאר־גניגען האט א ווייב קיין רעכט ניט, דאס קומט דער „אפיניטי", א שווארץ־יאהר א מיידעל ערגיץ וואו! פרליין ראזענקראנץ, איהר קומט דאס! איהר מיט די לעדערנע ליפען, מיט איהרע

קעצעשע אויגען, מיט איהרע דאַרפּמיידעלשע חנ'דעלעך! אודאי!
זי איז געוויס אינטערעסאַנטער ווי די אָרעמע, געזעצליכע פרוי!

עמיל

(ניט אַרויסנעהמענדיג דעם קאָפּ פון דער ציישונג, לאַכט אויפ'ן קול).

לינא

דו לאַכסט, הא? דו האָסט די חוצפה צו מאַכען א שפּאַס פון דער גאַנצער געשיכטע! און זי, די אונפאַרשעהמטע פּערזאָן! זי האָט געהאַט די פרעכהייט צו קומען צו מיר מיט א באזוך! און וואָס פאַר א צניעות־פּנים'על! אזוי ווי זי וואָלט געווען מיין בעס־טע פריינדין... און כלומר'שט אונשולדיג: „הערר ראָזענצווייג" דאָ און „הערר ראָזענצווייג" דאָרטען! דיר אין די אויגען הערר־ראָזענצווייגעוועט זי דיר געוויס אויך... נו, געוויס! זי פאַלט דיר טאַקע אויפ'ן האַלז מיט א "הערר ראָזענצווייג!" די היפּאָקריט־קע... איך פאַרשטעה ניט, וואָס איהרע עלטערן טראַכטען זיך! צו געבען אזוי פיעל פרייהייט א יונגע מיידעל, — מיט עטליכע יאָהר עלטער פאַר מיר, דאָס איז אמת, אָבער אלץ אזוי, א יונגע מיידעל, וועניגסטענס א מיידעל אָהן א חתן, אָהן א... וואָס מאַכט דאָס אויס...

עמיל

(קעהרט זיך אין גאַנצען אוועק — מיט'ן רוקען צו איהר).

לינא

ווילסט ניט איך זאָל זעהן ווי דו ביסט רויט געוואָרען פאַר שאַנד... נאָך גוט, וואס דו האָסט נאָך אזוי פיעל בושה און חרפה אין זיך, אז דו קענסט נאָך רויט ווערען.

עמיל

(טוט אַ ניעז!)

לינא

נו, געזונט! האָט געלוינט, אבי זיך ארומ־פּאַרקיהלט זיך אויך! טרייבען מיט א י ה ר ביז שפּעט אין דער נאַכט אריין. זיך פאַרקיהלען, קריגען א לונגענאָנצינדונג, אריינפאַלען אין ווער ווייס וואָס פאַר א קראַנקהייט, זיך ארומשלעפּענדיג מיט איהר, מיט דער

„באשערטער", מיט יענער — דאָס לוינט געווים, וואָס איז דאָ צו רעדען! לייב, לעבען, געזונד אוועקגעבען... פאַר וועמען? וואָלט זי כאָטש געווען אַ מיידעל מיט מעהר חן, מיט מעהר טאַ־לאַנט ווי די, וואָס דער שלימזל האָט דיר נעבעך צוגעשיקט...

עמיל

(ער באַגראָבט זיין פּנים נאָך טיעפער אין דער צייטונג. ער איז ווייזט עס אוים, איצט באַשלאָסען איהר ניט צו ענטפערן אפילו ווען זי זאָל איהם לאָזען).

לינא

(פיהלענדיג די פולע פאַראַכטונג אין זיין האַלטונג צו איהר) ער שווייגט... געווים, ער האָט ניט וואָס צו ענטפערן...

עמיל

(טוט זיך האַסטיג א ריהר).

לינא

וואָס? דו ווילסט מיך אפשר שלאָגען אויך? קיין וואונדער וואָלט דאָס ניט זיין, אויף אַזאַ מאַן ווי דו ביסט, איז אַלץ צו גלויבען... (געהט נעהנטער צו צו איהם) נו, שלאָג מיך, איך וועל אַ פּיפּ'ן ניט טאָן... פּאָליציי קען מיר ניט העלפען... פונ'ם סקאנדאל וועל איך ליידען מעהר ווי דו...

עמיל

(זעצט זיך צוריק אַוועק ווי פריהער).

לינא

וואָס שווייגסטו? אויב דו ווילסט מיך ניט שלאָגען, טו רייד, פאַרענטפער זיך... זאָג כאָטש אַ ליגען, אַ גלאַטען ליגען... ער שווייגט געווים, ווער ענטפערט אַ געבראָכענע הארץ? ער איז שטום ווי אַ פיש! לאָז זי שרייען, ליארמען, זיך רייסען איהר גאַל! וועמען געהט דאָס אָן? ווער ענטפערט דאָס אַ ווייב? (זי קומט נאָך נעהנטער צו איהם) אָה, פאַר דער חתונה וואָלסטו שוין גערעדט... דאַן האָבען זיך געשאָטען ווערטער ווי פּערל פון דיין

מויל, כאַטש שטעה און קלייב... דאַן האָסטו געזוכט מ י י נ ע ליפען מיט דיינע, ניט די לעדערנע ליפען פון דיין פרייליין... האָסטו מיט ליעבע געקוסט מ י י נ ע שווארצע אויגען, ניט איהרע קעצעשע... גוט, גוט, ענטפער מיר ניט, טראמפעל אויף מיינע געפיהלען! דאָס איז שעהן אזוי, דאָס איז מעגליך.

עמיל

(לאָזט די ציימונג ארויספאַלען פון דער האַנד; זעהט אויס געריהרט).

לינא

(כמעט וויינענדיג) און וואס פארלאנג איך פון דיר? טאָר א ווייב ניט וועלען וויסען, וואו א מאַן טרייבט זיך ארום א גאנצען אָוועגד? האָסטו ניט אליין געזאָגט, אז דו וועסט קומען היינט א היים אפילו נאָך פריהער ווי אלעמאָל? היינט? אמאָל וואָלסטו געדענקט וואָס היינט איז. איז עס א פארברעכען צו וועלען וויסען? בין איך דען אויף דיר ארויפגעפאלען מיט א מויל ווי יעדע אנדערע פרוי וואלט געטאָן? (זי וויינט) אָה, מוטער, מוטער! ווען דו וואָלסט זיך פאָרגעשטעלט אז דיעזער, כלומר'שט גוטהארציגער, מילדער מאַן וועט ברעכען מיין הארץ דעם אָוועגד פון מיין געבורטסטאָג... פון מיין ערסטען געבורטסטאָג נאָך דער חתונה!

עמיל

(לעגט ארויף אַ האַנד אויף איהר שולטער).

לינא

(קעהרט זיך מיט כעס אָפּ פון איהם) לאָז מיך צורוה! איך דאַרף ניט דיינע פּאַלשע רחמנות! דו האָסט געוואָלט זעהן מיך וויינענדיג און דיין וואונש איז ערפילט געוואָרען! דו, דו — וועלכען איך האָב אזוי שטארק, אזוי היים געליעבט (זי וויינט מיט הייסע טרעהרען).

עמיל

(געהט, שטאַרק אויפגערעגט, צום אַנדערן זייט צימער).

לינא

אַה, איך ווייס! דו וואָלסט זיך באָדען אין מיינע טרעהרען, אפשר אין מיין בלוט...

עמיל

(עפענט א שראַנק, נעהמט ארויס א פלאַש וויין מיט אַ גלאָז און גיסט זיך איין).

לינא

פארגינס מיר ניט דעם קארפּעט, דו הערסט? דו פיהרסט מיר אי־בער יעדעס ברעקעלע אין הויז! דו ביזט ערגער ווי א קינד! דו וועסט פארגיסען זאָג איך דיר!

עמיל

(טרינקט אויס, גאַנץ געלאסען, דאַן, מיט אַ בליק פון האַלב מיטלייד, האַלב רוגז, שטעקט ער אריין זיין לינקע האַנד אין בוזים־קעשענע. נעהמט ארויס א לעגגליבען קעסטעלע).

לינא

א רעוואָלווער! ער וויל מיך דערשיסען! אַה, גאָט אין הימעל! (ער עפענט דעם קעסטעלע) וואָס? אַה, עמיל! א בראסליעט... מיט מיין נאָמען איינגעקריצט... „פאר מיין טייערע לינא, צו איהר 22־טען געבורטסטאָג!" דאָס ביסטו נאָך דער ארבייט נעגאנגען אָב־געהמען.. ניט געווען פּארטיג... אָה! מיין זיסער, טייערער, גו־טער עמיל! (זי פאַלט איהם ארויף אויפ'ן האַלז שלוכצענדיג).

פאָרהאַנג.

אַ װאָרט װעגען די דרײ אײנאַקטערס.

עס איז אפשר ניט שעהן צו האָבען אין איין באַנד שריפטען אַזוי פיעל פאָררעדעס און נאָכרעדעס, אָבער איך קען מיר ניט העלפען. איך פיהל, אַז דאָס וואָס דאָ איז געזאָגט געוואָרען און וואָס איך געה איצט זאָגען איז וויכטיג

אַ וואָרט וועגען דעם „מזרח־ווינד" איז פשוט נויטיג פון דעם שטאַנדפונקט פון געוועהנליכע אָנשטענדיגקייט. דער סיוזשעט איז, ווי עס איז אויסדריקליך אָנגעמערקט אין דער פיעסע גופה, גענומען פון אַן ענגלישע סקיצע. וואָלט דאָך געווען ניט מעהר ווי רעכט צו זאָגען ווער דער מחבר איז און וואו די סקיצע איז געווען געדרוקט. ווייס איך דאָס אַליין ניט. ווי קומט עס? אָט הערט:

קומענדיג קיין אַמעריקאַ אין דעם יאָהר 1894, האָב איך מיטגע־בראַכט אַ מאַסע ענגלישע זשורנאַלען, וואו עס האָבען זיך איינגעפונען קליינע גוטע סקיצען. בדעה האָב איך געהאַט אין פאַל פון אַ גוט איינציגע פון זיי צו איבערזעצען און דערפון עפּעס פאַרדיענען. איין מאָג האָט מיר געפעהלט אַ סקיצע פאַר'ן „אמת", וועלכען איך האָב דאַן רעדאַקטירט אין באָסטאָן. איך האָב זיך דערמאָנט אָן די סקיצע, וועל־כע איז איצט שוין געווען אויסגעשניטען פון ערגיץ אַן ענגלישען זשור־נאַל און האָב אָנגעפאַנגען צו איבערזעצען. דאָ אָבער איז מיר איינגע־פאַלען, אַז אַזאַ זאַך בעט זיך אין אַ דראַמאַטישע פאָרמע און די סקיצע איז דראַמאַטיזירט געוואָרען. אַז דער סיוזשעט איז אַ גענומענער פון אַ לאָנדאָנער זשורנאַל איז אין „אמת" גופה אויך געווען באַמערקט, אָבער אין ווייטערדיגע ערקלערונגען האָט מען זיך אין יענע צייטען ניט געקענט אַריינלאָזען, כדי ניט אַרויסצוגעבען פאַר די „קאַפּיטאַליס־טישע (רחמנא ליצלן!) קאָנקורענטען" דעם מקור פון גוטע, קורצע סקיצען

אין דעם פאַל פונ'ם „מזרח־ווינד" איז דער מקור ביי מיר באַלד פאַרשוואונדען געוואָרען און ווען איך האָב זיך גענומען צו דער באַ־אַרבייטונג פונ'ם „מזרח־ווינד" פאַר די סצענע האָב איך שוין מעהר

ניט געדענקט ניט דעם נאָמען פונ'ם פּאַרפאַסער און אפילו ניט דעם נאָמען פונ'ם זשורנאַל וואו די סקיצע איז געווען געדרוקט!

עטוואָס עהנליך דערצו איז די מעשה מיט „מאַן און ווייב", וואו דעם פאַרפאַסער'ס נאָמען איז גראַד יע אָנגעגעבען.

דעם סיוזשעט האָב איך אויך גענומען אין אַ לאָנדאָנער זשורנאַל, דאַכט זיך, דעם „סטרענד". דאָרטען איז דאָס געווען געדרוקט אַלס אַ סקיצע, עס איז אָבער ניט אָנגעצייגט געוואָרען פון וואַנען דאָס איז גענומען.

ערסט מיט אַ יאָהר עטליכע־און־צוואַנציג שפּעטער האָב איך על פּי צופאַל אַרויסגעפונען, אַז די ענגלישע סקיצע איז געווען אַ פאַרקירצ־טע נאָוועליזירונג פון אַן איין־אַקטער פון אַ געוויסען פראַנצויזיש־אידישען דראַמאַטורג מיט'ן נאָמען אַ. דרייפוס.

אויף דעם אופן בין איך געווען אַ „גונב אחר הגנב" און האָב דראַ־מאַטיזירט אַ סקיצע, וואָס איז קיין ענגלאַנד געקומען פון פראַנקרייך אַלס דראַמאַ. עפּעס האָט מיר מיין האַרץ געזאָגט, אַז די מעשה'לע האָט געדאַרפט איינגעפּאַסט ווערען אין אַ דראַמאַטישע ראַהמקע.

וועגען דעם „גע'הרג'עטען עדיטאָריאַל" האָב איך בלויז איין וואָרט צו זאָגען:

אַזעלכע רעדאַקציעס זיינען אפשר היינטיגע צייטען מעהר ניטאָ. מיט אַ פערטעל יאָהר־הונדערט צוריק זיינען אין די פּראָווינצען אפשר קיין אַנדערע ניט געווען.

צי דער מאָהלען פונ'ם בילד איז אַ געלונגענע זאַך ווייס איך ניט, אָבער גענומען איז ער פונ'ם לעבען.

מאָמער ווערט וועלכע עס איז פון די דאָזיגע דריי קליינע פּיעסען געדרוקט דאַן וואָלט זיין ניט מעהר ווי רעכט, אַז מען זאָל האָבען דאָס פאָלגענדע אין זין:

די ראָלע פון דעם יונגען מאַן אין דעם „מזרח־ווינד", וואָס קומט צום מענגעדישער פאָרלעזען אַ פּיעסע, איז ווי מען זעהט, כמעט אַ שטומע. זי איז דוקא דערפאַר ניט לייכט, און נור אַן אמת'ער אַרטיסט וועט אַזאַ ראָלע קענען שפּיעלען.

נאָך אין אַ העכערען גראַד איז דאָס דער פאַל אין „מאַן און ווייב", וואו דער מאַן האָט לחלוטין גאָרניט וואָס צו זאָגען, — אָבער ער מוז שפּיעלען — „עקטען" אין אונזער היגען לשון — די גאַנצע צייט.

וואָס איך בין דאָ אויסען איז פשוט אויפמערקזאַם צו מאַכען אונ־זערע אידישע מענעדזשערס, אַז זיי זאָלען אזעלכע ראָלען ניט ארויס־געבען אין די הענט פון אונבאדייטענדע, אָדער אונפעהיגע שוישפיעלער בלויז דערפאר, וואָס אין די ראָלען איז ניטאָ פיעל „פּראָזאַ״, ד. ה., פיעל ווערטער.

„מאַן און ווייב״ איז איין אָווענד מיט אַ יאָהר 20 צוריק ניט שלעכט געשפּיעלט געוואָרען אין טהאַליאַ (אפשר איז דאָס געווען ווינד־זאָר) טהעאַטער אין ניו יאָרק.

3 1761 04496 1712